STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 1186

YITSHAK LEYBUSH PERETS UN DOS YIDISHE TEATER

A. Mukdoni

Permanent preservation of this book was made possible by
Charles N. Corfield
in memory of
Bernard M. Dwork

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. א. מוקדוני

יצחק לייבוש פרץ
און דאָס יידישע טעאַטער

איקוף פאַרלאַג

1949

DR. A. MUKDONI

I. L. PERETZ UN DOS YIDISHE TEATER

(I. L. PERETZ AND THE JEWISH THEATRE)

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פֿון די פֿריינד פֿון דער יידישער קולטור
אַברהם און ליליען לעפּער
(פֿון פרידזשפּאָרט)
צו זייער 25יאָריקן יובילײ, אין צייכן פֿון
צופֿרידנקייט מיט די דערגרייכונגען פֿונעם
„איקוף"

Copyright, 1949
YIDISHER KULTUR FARBAND—IKUF

געדרוקט אין 2,100 עקז.

Printed in the United States of America

158

געדרוקט אין דער א. לאַוב פּאָבל. קאָ., 250 וועסט 54סטע גאַס, ניו־יאָרק 19 נ"י

אינהאַלט

י. ל. פּרץ — אַ פּאָרטרעט 7

י. ל. פּרצעס דראַמען :

1. אַריינפיר 57
2. אַמאָל איז געווען אַ מלך 61
3. וואָס אין פידעלע שטעקט 65
4. די גאָלדענע קייט 69
5. אין פּאָליש אויף דער קייט 82
6. ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק 89

י. ל. פּרצעס איינאַקטערס 111

י. ל. פּרץ און דער טעאַטער (קאַפּיטלען זכרונות) 137

י. ל. פּרץ, דער טעאַטער־קריטיקער 229

י. ל. פּרץ דערציילט אַ פּאָלקסטימלעכע געשיכטע (אַ קאַפּיטל זכרונות) .. 249

אינדעקס פון פּערזאָנען, דראַמען און צייטונגען 265

י. ל. פּרץ — אַ פּאָרטרעט

י. ל. פרץ איז אין גאַנצן ערשט 30 יאָר טויט; איז צו זיין 30סטן יאָרצייט געשריבן געוואָרן וועגן פּרצן דעם מענטשן און דעם קינסטלער אַזוי פיל ניט־געשטויגנס און ניט־געפלויגנס און אַזוי פיל פּוסטע מליצות, אַז די לעבעדיקע, פאַרביקע און מענטשלעכע געשטאַלט פון י. ל. פרץ איז אין גאַנצן מטושטש געוואָרן, און אַנשטאָט איר איז גע־בליבן אַ געשטוקעוועטע און קינסטלעכע לעגענדע.

דער צוועק פון דעם דאָזיקן פּאָרטרעט איז — אַרויסצובריינגען די לעבעדיקע געשטאַלט פון דעם פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

איך פיל זיך באַרעכטיקט עס צו טאָן, ווייל זעקס יאָר בין איך געווען כמעט אַ טאָג־טעגלעכער אייגגייער אין פּרצעס הויז; איך האָב געזען פּרצן דעם קינסטלער, פּרצן דעם מענטשן, פּרצן דעם געזעל־שאַפטלעכן טוער, פּרצן דעם רעדנער, פּרצן דעם באַאַמטן אין דער יידישער גמינע (קהילה), פּרצן דעם מאַן, פּרצן דעם פאָטער, דעם זיידן און דעם פריינט און חבר פון יעדן שרייבער, וואָס פאַרדינט דעם דאָזיקן שיינעם נאָמען.

י. ל. פּרץ איז געווען האַלב־גרויע וואָך און האַלב־ליכטיקער שבת.

יעדן טאָג איז ער ניין אַ זייגער אין דער פרי געווען אין דער גמינע; ער האָט דאָרט אַ שטייגל מיט אַ פענצטערל. אין זיין שטייגל קאָנען אַריין אַ פּאָר מענטשן.

זיין עובדא איז צו פאַרקויפן קרקע, שטיקלעך פּלעצער אויף דעם יידישן בית־עלמין. ער פאַרקויפט קרקע פאַר די, וועמען די וועלט איז געווען צו ענג, און פאַר די, וואָס האָבן ביים לעבן קיין גרעסערן אָרט ניט פאַרנומען.

ער טוט זיין אַרבעט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און אָרנט־לעכקייט.

די דאָזיקע אַרבעט באַזאָרגט אים מיט אַן אָרעמען אויסקום; ער האָט אַן דעם דאָזיקן אַמט עטלעכע צענדליק יאָר; ער וויל פון זיין שרייבן ניט מאַכן קיין פּולן קרדום לחפור בה; אַגב האָט יידישע שריי־בעריי אין זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן ניט געקאָנט זיין קיין קרדום לחפור בה, און שפּעטער, ווען יידישע שרייבעריי איז געוואָרן אַ פּרנסה, האָט ער געשטעלט אַזעלכע באַדינגונגען די רעדאַקטאָרן און די אַרויס־געבער, אויף וועלכע זיי האָבן ניט געוואָלט און אפשר ניט געקאָנט איינגיין.

עס איז געבליבן פּרצעס אַ בריוו, פון וועלכן מיר זעען, אַז ער האָט זיך יאָ געוואָלט באַפרייען פון זיין אַמט אין דער יידישער גמינע, און אָפּגעבן זיך אין גאַנצן מיט ליטעראַרישער אַרבעט.

דער בריוו איז געשריבן צום אַרויסגעבער פון דער העברעאישער צייטונג „הזמן״, וואָס האָט אויך געפּלאַנט אַ חודש־שריפט, די דאַטע 1905.

אָט איז אַ טייל פון בריוו:

חשובער הער!

אין תוך פון דער זאַך שטייען נישט צווישן מיר און אייך קיין געלט־באַדינגונגען, נאָר אַ מאָראַלישער תנאי.

אמת, מיר ווילט זיך שטאַרק פּטור ווערן פון מיין אַמט (אין דער וואַרשעווער גמינע), וואָס רויבט ביי מיר אַ האַלבן מעת־לעת (די צייט פון אַרבעט און אָפּרו), און איך האָב געהאָפּט אויפן „הזמן״, אַז ער וועט מיך אויסלייזן פון אָט דער געפּענגעניש, אָבער איך האָב קיין רעכט ניט צו פאָדערן פון אייך אַ קרבן, און אויב איר קאָנט נישט און איר מוזט אָנקומען צו אַזאַ עקאָנאָמיע, וועל איך אפשר גע־פינען אַן אַנדער אויסוועג (נחמן מייזיל „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ״) . . .

פון זיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „הזמן״ איז טאַקע גאָרניט געוואָרן און קיין אַנדער אויסוועג האָט ער ניט געפונען.

זיצט ער טאָג־איין־טאָג־אויס אין זיין שטיגל ביז דריי אַזייגער בייטאָג; ער זיצט און פאַרקויפט קרקע.

ווען ער פּטרט־אָפּ זיינע ווייַנענדיקע און פּאַרצאַרנטע קליענטן, קומט ער אַרויס פון זיין שטייגל כאַפּן אַ שמועס מיט זיינע „קאָלעגן״, די אַנדערע באַאַמטע פון דער גמינע, און אַמאָל אויך מיט זיינע בעלי־בתים, די דאָזאָרס.

אַלע קענען און ווייסן דעם „פּאַן פּרץ״, דעם „זשאַרגאָנישן שרייבער״.

מען האָט דרך־ארץ פאַר אים: אַ שרייבער, און אַ באַרימטער דער־צו, זאָגט מען, אָבער מען האָט אויך אַ ביסעלע מורא פאַר אים; ער האָט אַ שאַרפע צונג, ער פאַרמאָגט אַ בייסיקע איראָניע און ער איז שטאָלץ, זייער שטאָלץ; ווי נאָר עפּעס שטעלן זיך אָן זיינע צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן, ווי צוויי קאַנאָנען, און פון זיין שטאַרקן מויל הייבן־אָן זיך צו שיטן קוילן ממש.

אין דער גמינע איז פּרץ כסדר אויף דער וואַך, כסדר גרייט פאַר אַן אָפּענסיווע; ער פילט זיך כסדר ווי אין אַ פיינדלעכן לאַגער.

י. ל. פּרץ קען אַלע שוואַכקייטן פון זיינע קאָלעגן אין דער גמינע, און אין זיינע קורצע שמועסן מיט זיי האָט ער ליב צו שפּאַסן איבער זייערע שוואַכקייטן.

די „קאָלעגן״ נעמען עס אויף גוטמוטיק; דער „פּאַן פּרץ״ איז שוין אַזאַ.

אָבער שטעכיק און בייסיק איז ער, ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיינע בעלי־בתים, מיט דאָזאָרס. דאָ איז ער כסדר אין דער אָפּענסיווע. ער האָט בטבע פיינט בעלי־בתים איבער זיך, ער איז זיי ניט סובל ממש פיזיש.

וועגן זיין שטאָלצער און אומאָפּהענגיקער האַלטונג אין דער גמינע איז אונדז געבליבן אַ היסטאָרישער דאָקומענט; עס איז אַ דערקלערונג צו דער פאַרוואַלטונג פון דער גמינע, געשריבן אין פּויליש.

די דאָזיקע דערקלערונג איז געשריבן געוואָרן ווי אַן ענטפער אויף אַ בריוו־אַנקלאַגע פון אַן אַנדער פּערעטץ, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער אסימילאַטאָר.

דער אַסימילאַטאָר א. פערעטץ האָט געפֿאָדערט פֿון דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג, אַז זי זאָל פֿאַרבאָטן אירע אַנגעשטעלטע צו פֿאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער טעטיקייט.

די אָנקלאַגע איז געווען געווענדט קעגן י. ל. פּרץ, כאָטש זיין נאָמען ווערט ניט דערמאָנט אין דעם אָנקלאַגע־בריוו.

די פּאָליטישע טעטיקייט פּרצעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ווי אַ יידישער בירגער פֿון דער שטאָט וואַרשע אַגיטירט שריפֿט־לעך און מינדלעך פֿאַר אַ סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט מיטן נאָמען יאַגעלאָ און קעגן אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיטישן קאַנדידאַט.

די פּוילישע פּרעסע, וואָס פֿלעגט זיך אָפֿט פֿאַרנעמען מיט י. ל. פּרץ, איז אַרויס מיט אַ טענה צו דער יידישער גמינע — פֿאַרוואָס זי דערלויבט אירע אַנגעשטעלטע צו פֿירן פּאָליטישע אַגיטאַציע.

קיין פֿאַרבאָט, אַז באַאַמטע פֿון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע טאָרן זיך ניט פֿאַרנעמען מיט פּאָליטישער טעטיקייט, האָט גאָר ניט עקזיס־טירט, אָבער די פּוילישע אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט זיך ניט גע־רעכנט מיט דעם.

א. פערעטץ, אַ פֿאַרביסענער אַסימילאַטאָר, האָט אָפּנים געהאַלטן מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטן, אַז יידן דאַרפֿן שטימען פֿאַר אַן אַנטי־סעמיטישן קאַנדידאַט, און ער האָט אויסגענוצט דעם אָנפֿאַל פֿון דער פּוילישער פּרעסע אויף י. ל. פּרץ און האָט זיך געווענדט צו דער גמינע, זי זאָל דיסציפּלינירן אירע אַנגעשטעלטע. די גמינע האָט געהאַט אַ זיצונג, אָבער די זיצונג האָט ניט געהאַט קיין קוואָרום און זי איז אָפּ־געלייגט געוואָרן. האָט א. פערעטץ זיך געווענדט מיט אַ צווייטן בריוו און האָט געפֿאָדערט אַ באַלדיקע אַנטשיידונג.

אין דער גמינע האָט זיך געקאָכט וועגן דעם, אַלע האָבן געוואוסט, אַז א. פערעטץ צילט קעגן י. ל. פּרץ.

האָט פּרץ ניט וואַרטנדיק אויף דעם באַשלוס פֿון דער גמינע אָנגע־שריבן פֿאָלגנדיקע דערקלערונג:

„צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער גמינע פֿון סטאַראָזאַקאָנניך
פֿון דעם מיטאַרבעטער פֿון פֿאַרוואַלטונגס־ביוראָ.

„זאַפּיסקאַ״.

אין דער צייט פֿון דעם וואַל־קאַמף האָט די פּוילישע צייטונג „קור־ריער פּאָראַנני" געשריבן, אַז אין די ריי֗ען פֿון קעמפֿנדיקן יידישן נאַ־ציאָנאַליזם געפֿינען זיך צוויי באַאַמטע פֿון דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג, און צי זוכן זיי פֿאַר זיך אַן אַנדערע באַשעפֿטיקונג.

דאָס פֿאַרזייטע קערנדל פֿון בירגערלעכער פֿרייהייט האָט געטראָפֿן אויף אַ גוט־צוגעפּאַסטן באָדן אויף דער גוטער באַנק־עורד (טשאַרנאָזיעם באַנקירסקי) פֿון ה׳ אַדאָלף פּערעטץ, און עס האָט אַרויסגעגעבן פֿרוכט אין דער פֿאָרם פֿון זיין בריוו, געשריבן אין נאָמען פֿון ניט־דערמאָנטע פּערזאָנען אין דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג, אין וועלכן ער פֿאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אַ רעגולאַמין, וואָס פֿאַרווערט באַאַמטע פֿון דער ביוראָ אַנטייל צו נעמען אין פּאַרטייאישע פּאָליטישע אַרבעטן.

„ווייל — מאָטיווירט דער ה׳ פּערעטץ זיין געזעצגעבערישן פֿאָרשלאָג — זיי וועלן נישט קאָנען זיין אָביעקטיוו צו אינטערעסאַנטן, וואָס ווענדן זיך צו זיי.

„די גמינע־פֿאַרוואַלטונג האָט קיין מאָל נישט פֿאַרווערט אירע אָנגעשטעלטע אויסצופֿירן זייער פּאָליטישע אַרבעט ווי מיט־גלידער פֿון קרייזן, מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פֿון צייטונגען פֿון אַ געוויסער ריכטונג.

„די גמינע־פֿאַרוואַלטונג, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז ס׳איז ניט פֿאָרגעקומען אין דער אַרבעט פֿון די אָנגעשטעלטע קיין שום פֿאַל פֿון פּאַרטייאישער איינזייטיקייט, און זייענדיק איבערצייגט, אַז אַזאַ פֿאַל וועט קיין מאָל נישט פֿאָרקומען — האָט דאָך זיך באַראָטן איבער דעם אויבנדערמאָנטן פֿאָרשלאָג; דערביי האָט זי אויף דער זיצונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענער וואָך, פֿאַר דעם אָפּלייגן פֿון דער זאַך צוליב דעם פֿעלן פֿון דריי מיטגלידער פֿון אַ געוויסער פּאַרטיי, מודיע גע־ווען, אַז דאָ גייט אין אונדזער ה׳ פּרץ.

„אַזוי איז אַנטשיידן געוואָרן דעם ה׳ א. פּערעטצעס כּוונה. ווייל איך געהער נישט צו קיין שום פּאַרטיי, אַזוי צילט מען שוין אין מיין פֿרייהייט אַלס מחבר, און קעגן דעם מוז איך פּראָטעסטירן.

„נעמענדיק אין אַכט, אַז מיין פֿאַרהעלטעניש צו דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג איז אויסשליסלעך אַ פֿאַרהעלטעניש פֿון אַן אָנגע־שטעלטן צו אַ ברויט־געבער, אַז אַזאַ פֿאַרהעלטעניש גיט נישט דעם ברויט־געבער קיין שום רעכט אויף צו באַגרענעצן די רעכט און די איבערצייגונגען פֿונם אַרבעטער, אויסער דעם אָרט און צייט פֿון דער

אַרבעט, אַז ביים שליסן דעם אָפּמאַך, מיט העכער 20 יאָר צוריק, איז פֿון אַזאַ באַגרענעצונג קיין שום רייד ניט געווען, אַז נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך קאָן נישט קיין שום מאָדיפֿיקאַציע אָדער דערגאַנצונג אָפּהענגיק זיין בלויז פֿון דעם ווילן פֿון איין צד.

„האָב איך דערמיט דעם כבוד צו דערקלערן דער גמינע־פֿאַר־וואַלטונג, אַז איך האָב נישט בדעה זיך אונטערצואוואַרפֿן קיין שום פֿון אויבן־אַנגעוואַרפֿענעם רעגולאַמין.

מיט געהעריקער אַכטונג,

י. ל. פּרץ.״

נחמן מייזיל, „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ״.

אין דער דאָזיקער „זאַפּיסקאַ״ האָט איר אַ גוטע יוריסטישע באַגרינדונג, אָבער דער עיקרשט האָט איר דעם שטאָלצן מענטשן, וואָס שטייט הינטער דער יורידישער אויפֿקלערונג.

אַדאָלף פּערעטצעס אָנקלאָגע־בריוו איז מער ניט באַטראַכט געוואָרן און דער אינצידענט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן.

די בעלי־בתים, אַלע כמעט פֿאַרביסענע אַסימילאַטאָרן, האָבן ניט שטאַרק ליב דעם „פּאַן פּרץ״, דעם זשאַרגאָנישן שרייבער, אָבער זיי האָבן אויך אַביסעלע מורא פֿאַר אים; ער איז פֿייער, באַלד צינדט ער זיך אָן, און דענסמאָלט ווייס ער ניט ווער עס איז עלטער, ווער עס איז בעל־הבית און ווער איז אָנגעשטעלטער.

אין דער גמינע איז פּרץ כסדר אַביסל נערוועז, ווי יעדער וואָס לעבט אין אַ פֿרעמדער און פֿיינדלעכער וועלט. די אַרבעט איז, פֿאַרשטייט זיך, אים ניט שטאַרק צום האַרצן, אָבער ער טוט זי מיט סטאַאישער עקשנות. די דאָזיקע אַרבעט גיט אים דעם מינימום מאַטעריעלע זיכערקייט, זי גיט אים דער עיקרשט — קינסטלערישע אומאָפּהענגיקייט — ער דאַרף ניט מקח־וממכרן מיט זיין שרייבן.

ער איז אַ פֿרייער קינסטלער, ער קאָן שרייבן וואָס ער וויל און ווען ער וויל.

ווען שרייבעריי ווערט אַ סחורה מוז מען זי צושטעלן צום טערמין, און ווי אַלע סחורות מוז זי געפֿעלן ווערן דעם קונה, דעם הורטאָווניק — דעם אַרויסגעבער, און דעם לאַחדימניק — דעם לייענער.

פּאַרקויפּט ער קרקע זעקס שעה אַ טאָג אין דער גמינע, אָבער פון דריי אַזייגער אָן איז ער אַ שריפּטשטעלער, אַ קינסטלער.

דריי בייטאָג קומט ער אַהיים. ער איז מיד, ער איז נערוועז, אָבער שנעל ווערט אַראָפּגעוואַשן פון זיין געמיט די גמינע, די קרקע און דאָס שטייגל זיינס.

ער ווערט י. ל. פרץ.

די באַקאַנטע וואוינונג זיינע אויף צעגליאַנע 1 איז אַן אָרעמע, אַ וואוינונג פון אַ באַאַמטן, אָבער ריין, ציכטיק איז אין פרצעס דירה. דאָס מעבל אַלט, אָפּגעטראָגן, אָבער ריין און נעט.

אויף דער טיר פון זיין דירה איז דאָ פון קדמונים אַ מעשן בלעכל, שטענדיק אָן אָפּגעשייערטס. אויפן בלעכל איז אין העברעאיש אַנגעגעבן ווען י. ל. פרץ נעמט־אויף מענטשן.

דאָס מעשענע בלעכל איז בלויז אַ שמירה קעגן נודניקעס, ניט־געבעטענע און ניט־געוואונטשענע געסט; אייגענע מענטשן קומען ווען זיי ווילן, זיי זיינען שטענדיק אַנגעלייגטע געסט.

אין דער דירה זייגער זיינען אַלע צימערן קליינבירגערלעך מעבלירט; יעדער פנימלאָזער קליינבירגער האָט אַזעלכע פנימלאָזע מעבל־שטיק. מאַדאַם פרץ איז דאָ די הערשעריך, זיינען דאָ שטאַרק קענטיק איר געשמאַק און אירע בירגערלעכע השגות.

אָן אויסנאַם איז פרצעס אַרבעטס־צימער. ער איז ווי אַ גרינער אינזל אין דער גרויקייט פון דער דירה; עס איז אַ צימער פון אַ קינסטלער, פון אַ יידישן קינסטלער, בילדער — דורכאויס יידישע בילדער; יידישע בילדער לויט זייער יידישער פאָרם און לויט זייער יידישן אינהאַלט, און, פאַרשטייט זיך, ביכער.

פון דער גמינע קומט ער מיט בלוילעכע זעקלעך אונטער די גרויסע אויגן. די אויגן זיינען עפּעס אויסגעלאָשן און די אונטערשטע מעכטיקע ליפּ זיינע הענגט אַראָפּ אָנמעכטיק. ער גייט אַפילו עפּעס אַן איינגעקנייטשטער און עס איז שטאַרק קענטיק, אַז ער האָט פלאַטשיקע פיס (פלעט־פיט). אָפּט מוז ער זיך צושפּאָרן אַ ביסל.

ער ליגט עפּעס ווי אַן איינגעפאַלענער: דער פעסט־געבויטער, ענערגישער פּרץ ליגט עפּעס אַ חרובער.

אָבער באַלד שטייט ער אויף; ער איז אַן אָפּגעפרישטער, אַ לע־בעדיקער און אַ צאַפּלדיקער.

און קיין זכר פון דעם „פּאַן פּרץ" אין דער גמינע, פון דעם קרקע־פאַרקויפער און פון דעם זיצער אין אַ שטייגל.

צו דער צייט הייבן זיך אָן באַוויזן מענטשן.

עס ציען זיך שרייבער צו דער וואוינונג אויף צעגליאַנע 1 מארבע כנפות רוסלאַנד און פוילן; שרייבער אַנפאַנגער, שרייבער פון דער פּראָווינץ, וואָס קומען זיך אָנזאַפּן מיט רוח־הקודש ביי פּרצן. זיי קומען אַריין עפּעס דערשראָקענע, צעטומלטע און פאַרלוירענע, און אַט שטייען זיי פאַר פּרצן, און פּרץ מיט זיין אויסזען צעטומלט זיי נאָך מער.

אַ קורץ, אָבער פעסט־געבויטער מענטש שטייט פאַר זיי, און צוויי פייערדיקע אויגן קוקן אויף זיי און מעסטן זיי אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס.

נאָר באַלד צעשמייכלען זיך די צוויי גרויסע, פייערדיקע אויגן; זיי צעשמייכלען זיך קינדיש און פאָטערלעך.

און פּרץ האָט שוין זיינע מיטלען ווי צו מאַכן זיינע צעטומלטע באַזוכער היימיש.

אַ ווערטל, אַ שמייכל אויפן ברייטן געזיכט, אַ קלאַפּ גוט־ברודעריש איבער דער פּלייצע, און דער שרעק און די צעטומלטקייט פאַרשווינדן באַלד.

פּרץ גייט צו גלייך צום ענין אָן הקדמות:

— לידער, דערציילונגען? קומט אַרויס מיט זיי!

און ער נעמט זיך בלעטערן דעם מאַנוסקריפּט.

אַמאָל איז ער פאָטערלעך, אָדער לערעריש, און אַמאָל צו־שאַרף מיט אַזעלכע באַזוכער.

ווי יעדער באַאַרנטער שרייבער מיט אַ פעסט־איינגעשטעלטער רעפּוטאַציע, האָט ער ליב צו אַנטדעקן נייע, יונגע טאַלאַנטן און זיין זייער פּאַטראָן, זייער שיצער און בעל־עצה.

ניט אַלעמאָל האָבן זיך פּרצעס „אַנטדעקונגען" אַרויסגעשטעלט פאַר ריכטיקע און אמתע ליטעראַרישע אַנטדעקונגען; צום גרעסטן טייל זיינען דאָס געווען פּשוטע טעותן.

אָבער ווען ער איז געווען זיכער, אַז די אַנטדעקונג איז אַ ריכטיקע, איז דער אַנטדעקטער טאַלאַנט געוואָרן זיין ליבלינג, זיין שטוביקער מענטש; ער האָט זיך געזאָרגט וועגן זיין מאַטעריעלער לאַגע, וועגן זיין קליידונג און וועגן זיין פאַמיליע אַפילו.

האָט ער אָבער איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, איז ער געווען ממש גרויזאַם; ער איז פּלוצלינג אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זיין נעכטיקן ליבלינג און יענער איז פאַרשוואונדן פון פּרצעס הויז.

פּרץ איז געווען אַ שטימונגס־מענטש, און שטימונגס־מענטשן קאָנען זיין אי שטאַרק סענטימענטאַל און אי שטאַרק גרויזאַם.

שפּעטער אַביסל הייבן זיך אָן צו באַווייזן די שטענדיקע איינגייער אין פּרצעס הויז.

עס קומט אַריין שטיל, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין זאָקן, י. דינעזאָן, אָדער יאַנקל, ווי פּרץ פלעגט אים רופן.

י. דינעזאָן איז קליין און איינגעשרומפּן, אָבער זיין געזיכט איז עפּעס פאַטאַלאָגיש קליין, צו־קליין אַפילו פאַר זיין קליין און איינגע־שרומפּענעם קערפּער.

דינעזאָן קאָן ניט שמייכלען; פון לאַכן איז אָפּגערעדט. ער איז אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין פּיצל הומאָר, אָבער זיינע קליינע, אויסגעלאָשענע אויגן שמייכלען ווען ער זעט פּרצן, ווען ער רעדט וועגן פּרצן און ווען ער לייענט פּרצן.

ער קומט פון זיין אַלט־בחוריש שטיבעלע, וואָס זיין שוועסטער, די בעל־הביתטע פון הויז, האָט אויסגעטיילט פאַר אים.

עס איז אַ קליין חדרל מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. איר עפנט די טיר און איר זייט אין אַן אַנגעפּאַקט חדרל. אין ווינקל, ביי דעם איינ־ציקן פענצטער, זיצט דינעזאָן ביי אַן אומגעלומפּערט־גרויסן שרייב־טיש. ביי דעם גרויסן שרייב־טיש זעט ער אויס נאָך קלענער און נאָך איינגעשרומפּענער.

דאָ אין צימערל איז דאָ דינעזאָן מיט זיין גאַנצן האָב־און־גוטס. דאָ האָט ער זיינע ביכער, זיין גאַרדעראָב און זיין קיך אַפּילו. דאָ עסט ער, דאָ שלאָפט ער, דאָ אַרבעט ער און דאָ נעמט ער אויף מענטשן.

עס איז ענג, עס איז שטיקנדיק און אומהיימלעך אין דעם דאָזיקן חדרל, אָדער קברל.

אָבער מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער אומהיימלעכער מיניאַ־טורישקייט פון דעם צימערל און זיין איינוואוינער. דינעזאָן און זיין צימערל זיינען געוואָרן איינס. מיר האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט פאַר־שטעלן דעם קליינינקן דינעזאָן ניט אין זיין קליין צימערל.

אין פאַרגלייך מיט דינעזאָנס צימערל איז די אָרעמע דירה פּרצעס געווען אַ גוואַלדיק שטיק רחבות.

מען איז געוואוינט צו שילדערן דינעזאָנען ווי אַ גוטנקען און ליבנ־קען אַלטיטשקען; דאָס איז אָבער בפּירוש אַ טעות. דינעזאָן האָט געהאַט איין גרויסע ליבע, און דאָס איז געווען פּרץ. די גאַנצע ליבע האָט ער אָפּגעגעבן פּרצן און פאַר אַנדערע איז גאָרנישט געבליבן.

אַמאָל פלעגט זיך אַ באַדערפטיקן שרייבער איינגעבן צו לייען ביי דינעזאָנען עטלעכע רובל; אָבער דאָס איז ניט אָנגעקומען לייכט. די־נעזאָן פלעגט כּסדר אַראָפּדינגען אַ העלפט פון דער פאַרלאַנגטער סומע. די פאַרלאַנגטע סומע פלעגט איינגעשרומפּן ווערן אַזוי, אַז זי האָט כּמעט קיין ווערט ניט געהאַט און דער שרייבער איז פון איר ניט געהאָלפן געוואָרן.

דער אמת איז, אַז דינעזאָן איז געווען אַן אָרעמער מענטש. זיינע פאַרדינסטן פון קליינע אַנאָנסעלעך זיינען געווען קליינע, אָבער ווי די מייסטע אַלטע בחורים איז ער געווען קאַרג און זיין הוצאה איז געווען אַזוי קליין, אַז ווי ווייניק ער האָט פאַרדינט איז עס געווען כּולו ריווח.

פּרץ איז געווען אין דינעזאָנס אויגן אַ פּרינץ, וואָס וואַרפט זיך מיט גאָלדענע רענדלעך אויף רעכטס און אויף לינקס. פּרץ איז געווען אַ מוראדיקער אויסברענגער, לויט דינעזאָנס השגות.

און פּרץ איז ניט געווען קיין אויסברענגער; ער האָט עס פּשוט ניט געקאָנט זיין, ווייל זיינע מיטלען זיינען געווען שטאַרק באַגרענעצטע.

אָבער פּרץ האָט געקאָנט די קונסט צו זיין ברייט און מאַכן דעם איינדרוק פֿון אַן אויסבראַנגער מיט די איבעריקע גראָשנס, וואָס זיינען אים געבליבן פֿון זיין בודזשעט.

און דער קאַרגער דינעזאָן האָט עס פֿאַרגונען פּרצן מיטן גאַנצן האַרצן און האָט עס אים פֿאַרגעבן. זיך אַליין און אַנדערע וואָלט ער עס ניט פֿאַרגעבן, אָבער פּרצן יאָ; ער האָט כּסדר געזוכט צו פֿאַרגרעסערן פּרצעס הכנסה, ער האָט געפֿירט פּרצעס ליטעראַרישע געשעפֿטן נאָך מיט מער אויסגערעכנטקייט און סוחרישער האַרטקייט ווי זיינע אייגענע.

פּרצעס פֿאַרלעגער האָבן געוואוסט, אַז ביי דינעזאָנען קאָן מען פּרצעס אַ פּרוטה ניט אַראָפּדינגען. י. דינעזאָן האָט געהאַט „קניפּלעך״ פֿון פּרצעס האָנאָראַרן. בלויז פּרצעס פֿרוי האָט געוואוסט פֿון זיי; פּרץ אַליין האָט געהאַט בלויז אַ נעפּלדיקע אָנונג וועגן זיי.

פּרץ פֿלעגט זיך אָפֿט אַראָפּלאָזן צו דינעזאָנען נאָך אַן הלוואה:

— יאַנקל, באָרג מיר אויס פֿופֿציק רובל.

— פֿופֿציק רובל?! — פֿלעגט זיך דינעזאָן דערשרעקן — פֿופֿציק רובל! דאָס קאָן מען קריגן ביי שערעשעווסקין (אַ באַנקיר); ער האָט אפֿשר, אָבער ווי קום איך צו האָבן פֿופֿציק רובל?

— יאַנקל, מאַך עס בקיצור: וויפֿיל ווילסטו, אָדער וויפֿיל קאָנסטו, מיר לייען?

— איך ווייס, צען רובל, פֿופֿצן רובל, נו, צוואַנציק רובל.

און דינעזאָן האָט עס אַראָפּעדונגען פֿאַר פֿינף און צוואַנציק.

איך האָב איינמאָל בייגעוואוינט אַזאַ טראַנזאַקציע:

ווען איך האָב אין אַ פּאָר טעג אַרום געזען דינעזאָנען אַליין, האָט ער מיר מיט גרויס הנאה געזאָגט: „געראָטעוועט פּרצעס אַ פֿינף־און־צוואַנציקער, ממש געראַטעוועט. עס איז זיך געלט, אָבער ער ווייסט ניט דערפֿון; ער מיינט, אַז איך בין עס אַזאַ עושר און וואָרף זיך מיט פֿינף־און־צוואַנציקער׳ס. אָבער, זאָגט עס אים ניט, למען השם, איך דאַרף דאָס ביסל געלט פֿאַר זיין רייזע קיין אויסלאַנד, זומער. איך גיב עס אים ניט, איך גיב עס מאַדאַם פּרצן״.

י. דינעזאָן פֿלעגט, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אַ בסוד־סודותדיקן פֿינאַנציעלן שמועס מיט מאַדאַם פּרץ, ביי וועלכן ביידע האָבן אויס־

געזען ווי געפערלעכע פארשווערער, פלעגט ער זיך אוועקזעצן שטאפן פאפיראסן פאר פרצן.

עס פלעגן אריינקומען אנדערע פריינט און פארערער פרצעס; עס פלעגן זיך פארוועבן לעבעדיקע שמועסן וועגן ליטעראטור, מאלעריי, פאליטיק, יידישע און אלגעמיינע, מייסטנס פוילישע. י. דינעזאן האט אין זיי קיין שום אנטייל ניט גענומען; ער איז געזעסן און געשטאפט מעטאדיש פאפיראסן. עס האט זיך ביי אים אנטוויקלט א גאר גוטע טעכניק אין פאפיראסן־שטאפעריי, און ער איז געווען שטאלץ אויף זיינע אויפטואונגען אויף דעם דאזיקן געביט.

פרץ פלעגט אפט פרובירן אריינציען אויך דינעזאנען אין די דא־זיקע שמועסן, אבער אן דערפאלג.

פרצן איז געווען שטארק ניט־אנגענעם דינעזאנס אבסאלוטע פא־סיוויקייט אין פראגן פון ליטעראטור און קונסט בכלל; אבער ער האט גארנישט געקאנט טאן. דינעזאן האט געהערט צו אן אנדער שרייבע־רישער עפאכע אין דער יידישער ליטעראטור. אגב, איז ער געווען סתם אפגעשטאנען אין טעארעטישע פראגן און פראבלעמען פון ליטעראטור און קונסט בכלל.

פרץ האט א סך מאל פרובירט אפצוגעוואוינען דינעזאנען פון דער פייערלעכער פאפיראסן־שטאפעריי, אבער דינעזאן האט זיך געפילט ממש באליידיקט; ער האט געהאט א טאפלטע הנאה פון דעם: ראשית איז אים די מלאכה גופא געווען שטארק צום הארצן, דאס איז געווען דאס איינציק שטיקל פיזישע ארבעט, וואס ער האט געטאן; און צווייטנס, האט ער עס געטאן פאר זיין בן־יחידל, פאר זיין גערעטענעם און ליב־טיקן בן־יחידל, פאר פרצן.

די פריינדשאפט צווישן פרצן און דינעזאנען איז ניט געווען קיין געזונטע, ווייל עס איז געווען א פריינדשאפט צווישן צוויי ווייט ניט־גלייכע מענטשן. די פריינדשאפט האט מיט דער צייט טאקע דעגענע־רירט אין משרתעריי מצד דינעזאנען, אין א פאטעטישער, אבער א ניט־נאטירלעכער געטרייקייט און איבערגעבנקייט פון איין צד, פון דינע־זאנס צד. פרץ איז געווען פאסיוו אין דער דאזיקער פריינדשאפט, אנ־דערש האט עס ניט געקאנט זיין.

פרץ האָט אָפּגעשאַצט דינעזאָנס פריינדשאַפט, אָבער אין דערזעל־ביקער צייט איז זי אים געווען אַביסל פריקרע מיט איר איינזייטיקייט. ער האָט געפילט, אַז ער איז אַ גרויסער בעל־חוב דינעזאָנען און קאָן דעם חוב ניט צאָלן; יעדנפאַלס קאָן ער דעם חוב ניט צאָלן מיט די־זעלביקע מטבעות. ער האָט פשוט ניט געקאָנט ענטפערן מיט אַזאַ פרו־מער, כשרער און אַבסאָלוט ניט־עגאָאיסטישער פריינדשאַפט.

דאָס אומאַנגענעמסטע פאַר פרצן איז געווען דאָס, וואָס דינעזאָן האָט פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזן, אַז פרץ זאָל אים מיט עפּעס אָפּדינען, אָדער מהנה זיין.

דינעזאָן האָט פשוט געדינט פרצן, און, פאַרשטייט זיך, אויך אים פאַרגעטערט. די פאַרגעטערונג איז אייגנטלעך געווען די אורזאַך פון זיין דינען פרצן.

יאָ, די פריינדשאַפט איז ניט געווען קיין געזונטע.

און וועגן מאַכן אַ סוף צו איר האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זיין; דאָס וואָלט געווען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע פאַר דינעזאָנען. פרץ איז געוואָרן דער זין און דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין לעבן.

פרץ האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט דעם מינדסטן שפּאַס אויף דינעזאָנס חשבון, און פרץ האָט דווקא ליב געהאַט צו מאַכן שפּאַס איבער אַזעלכע ווי דינעזאָן.

און קיינער פון פרצעס פריינד האָט ניט געוואַגט אין פרצעס געגנ־וואַרט זיך אַ וויצל טאָן איבער דינעזאָנען.

דאָס איז געווען טאַבו אין פרצעס הויז.

אָט ריכטיק ווי אין אַ גאָר גערעאָטן הויז וואָלט זיך אויסגעהאָדעוועט אַ קינד ניט קיין שטאַרק געראָטנס, שווייגט מען, און אין דעם שווייגן פילט זיך אַ טיפער צער.

פרץ, ווי געזאָגט, איז געווען פּאַסיוו אין דער פריינדשאַפט; אָבער ער האָט די דאָזיקע פּאַסיווקייט גוט מאַסקירט.

פאַר דינעזאָנען איז די פריינדשאַפט מיט פרצן געווען ממש אַ באַשערונג; זי האָט אין זיין עלנטן און גרויען אַלט־בחורישן לעבן אַריינגעבראַכט אַ זין, פרייד און אינטערעס.

די דאַזיקע כמעט אומפאַרשטענדלעכע ליבע צווישן עקסטרעם פאַר־שיידענע מענטשן איז געוואָרן מיט דער צייט ניט נאָר פאַרשטענדלעך, נאָר נאַטירלעך; אַט ווי עס ווערט נאַטירלעך יעדער פאַקט, מיט וועלכן מיט לעבן זיך איין.

דינעזאָן פלעגט אחוץ שטאָפן פּאַפּיראָסן פאַר פרצן אויך שרייבן בריוו פאַר פרצן. ער פלעגט עס טאָן מיט אַ גאַר גרויסער הנאה; דינעזאָן איז געווען ממש אַ ליידנשאַפטלעכער בריוו־שרייבער, ער פלעגט שרייבן לאַנגע, סענטימענטאַלע בריוו צו די לייענערינס זיינע, אָבער די לייענערינס זיינען אויסגעשטאָרבן; קיין נייע לייענערינס האָט ער ניט געהאַט, ווייל ער האָט כמעט אין גאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן.

דינעזאָן האָט זיך ממש אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו שרייבן בריוו פאַר פרצן.

אָבער דער יידישער ליטעראַטור האָט ער קיין גרויסע טובה ניט געטאָן: די יידישע ליטעראַטור האָט אַנשטאָט פרצעס בריוו באַקומען בירושה דינעזאָנס בריוו.

יאָ, דינעזאָנס איבערגעבנקייט האָט פיל מאָל פאַרפירט פרצן אין אַ בלאָטע.

אין „בערישע״ טובה דינעזאָנס וויל איך דערמאָנען.

עפּעס מיט אַמאָל האָט דינעזאָן אָנגעהויבן טענהן צו פרצעס פריינד, אַז פרץ מוז זיך אַרויסקלייבן פון צעגליאַנע 1, ער מוז האָבן אַ בעסערע, אַ לופטיקערע דירה. פרץ ווערט אַלט, פרץ איז קראַנק, ער מוז פאָרן יערלעך קיין אויסלאַנד צוליב זיין געזונט און אויך צוליב גייסטיקער אָפּפרישונג.

אַלע האָבן מסכים געווען מיט דינעזאָנען טעאָרעטיש; פּראַקטיש האָט קיינער ניט געזען קיין וועג ווי עס צו רעאַליזירן.

פּלוצלינג פאַרשפּרייט זיך די ידיעה צווישן פרצעס פריינד, אַז פרץ האָט גענומען אַ גרויסע, שיינע דירה אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין וואַרשע, און באַלד נאָך דעם קומט אַ גרעסערע סענסאַציע: פרץ איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „היינט״.

קיינער האָט עס פון אָנהייב ניט געגלויבט — פרץ אין „היינט״? — נישט מעגלעך!

אָבער באַלד קומט אַרויס דער „היינט" מיט אַ שרייענדיקן אַנאָנס: פּרץ ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „היינט".

דער „היינט" איז געווען אַ געלע צייטונג, וואָס איז רייך געוואָרן פון סענסאַציאָנעלע שונד־ראָמאַנען.

און פּרץ איז יאָרן און יאָרן געווען אַן אָפענער קעגנער פון „היינט".

יאַצקאָן, דער רעדאַקטאָר פון „היינט", האָט שוין דאַן געהאַט אַריינגענומען אַ היפּש ביסל באַרימטע שרייבער אין זיין צייטונג אַריין. זיין אידעאַל איז געווען אַריינצובאַקומען פּרצן, אָבער דאָס איז געווען שווער, זייער שווער צו דערגרייכן.

און מיט אַמאָל — פּרץ אין „היינט"!

מיר האָבן אַלע געוואוסט, אַז יאַצקאָן דאַרף פאַר זיינע לייענער ניט האָבן פּרצן, און ער איז דאָ אויסן איינס פון דיביידע: אָדער באַקומען נאָך אַ מזוזה, אָדער פּסלען פּרצן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז ער איז אויסן געווען דאָס לעצטע.

פּרץ האָט זיך באַוואָרנט: זיינע פעליעטאָנען זיינען געגאַנגען אונטער דעם קעפּל „פון מיין ווינקעלע", ד. ה. ער האָט זיך זיין באַזונדער ווינקעלע אין „היינט". אָבער יאַצקאָן האָט געלאַכט פון אַזעלכע באַוואָרענישן, ער האָט זיך פאַרמאָסטן צוצופּאַסן פּרצן צום „היינט"; ער האָט אָנגעהויבן דורך דינעזאָנען פאָדערן פון פּרצן פּאָפּולערע אַרטיקעלעך, און ער פלעגט אַ היפּש ביסל אַרטיקלען אויסבראַקירן און זיי ניט דרוקן.

און אין יידישן טעאַטער, אויף אַ „ליטעראַרישער" פּרעמיערע, האָט מיך יאַצקאָן אָפּגעשטעלט און מיט אַ טריאומפירנדיק געלעכטערל געזאָגט:

— איך האָב שוין אַ גאַנצן שופלאָד מיט ניט־געדרוקטע פּרצעס פעליעטאָנען...

די גאַנצע זאַך האָט פאַרטראַכט און דורכגעפירט דינעזאָן. זיין מיט־פאַרשווערערין איז געווען מאַדאַם פּרץ.

די מעשה האָט געטראָפן ממש ווי אַ דונער אַלע פּרצעס פריינד און פאַרערער. אָבער פּרץ איז געווען אַ מוטיקער מענטש: האָט ער געטאָן עפּעס, האָט ער געקוקט אַלעמען גלייך אין די אויגן.

אַז ער האָט זיך ניט געפילט גוט, וועגן דעם קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין.

עטלעכע פֿון זײַנע נאָענטע פֿרײַנד האָבן אים ניט געקאַנט קוקן אין די אויגן לאַנגע וואָכן און חדשים.

צעגליאַנע 1 איז געווען אַ מין ליטעראַרישע רעליקוויע, אַ ליטע־ראַטור־היסטאָרישער מקום־קדוש. פֿון צעגליאַנע 1 איז געקומען אַ נײַע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור.

יידישע שרײַבער אין אַלע עקן וועלט האָבן געוואוסט פֿון צעג־ליאַנע 1. אָבער יערוסאַלימסקא אַלייע 10 איז אַ פֿרעמדע גאַס, און די דירה נאָך אַ פֿרעמדערע, אַ פּנימלאָזע דירה פֿאַר אַ רײַכן מיטל־קלאַס מענטשן.

צעגליאַנע 1 איז געווען אָרעם, אָבער היימיש און אייגן; אָרעם, אָבער וואַרעם; קליין, אָבער אײַנגעבאַקן אין האַרצן בײַ טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

און עס איז ניט קיין צופֿאַל וואָס פּרץ האָט פֿאַרלאָזן צעגליאַנע 1, ווען ער איז אַרײַן ווי אַ מיטאַרבעטער אין „היינט״.

צעגליאַנע 1 איז געבליבן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור; יערוסאַלימסקא 10 איז קיינמאָל ניט אַרײַן אין דער יידישער ליטעראַטור...

יאָ, דינעזאָן האָט געטאָן אַ היפּש ביסל בעריש טובֿות פּרצן, אָבער דינעזאָן איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין פּרצעס פֿאַמיליע, און פֿון אַן אייגענעם מוז מען נעמען אי דאָס גוטע און אי דאָס שלעכטע.

דינעזאָן איז אַרײַנגעגלידערט געוואָרן אין פּרצעס קליינער פֿאַמיליע.

און פּרצעס פֿאַמיליע האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט באַזונדערן גלאַנץ. פּרצעס קליינע פֿאַמיליע איז באַשטאַנען פֿון גרויע און אומ־גליקלעכע מענטשן.

פּרצעס פֿרוי איז געבליבן אַ פּראָווינציעלע דאַמע, אַ האַלבע אינ־טעליגענטקע. זי האָט גערעדט פּויליש, און דאָס איז געווען איר גאַנצער שטאָלץ.

פּרץ האָט איר אײנציק שטיקל שטאָלץ ניט אָנגערירט, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז אויסער דעם האָט זי ניט מיט וואָס צו שטאָלצירן.

אריינציען זי אין זיין לעבן האָט ער ניט געקאָנט, אָפּנים, אַז ער האָט עס פּרובירט, און אָפּנים, אַז זי האָט זיך אָנגעשטרענגט נאָכצוגיין אים; אָבערביידע האָבן ניט געהאַט קיין דערפּאָלג.

פּרצעס זון, לוציאַן, איז געווען אַ טראַגישע פיגור: אַ פינצטערער, אַ זייטיקער. ער האָט זיך כסדר אַרומגעטראָגן מיט טשיקאַווע אידייען. ער איז געווען געבילדעט, זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור אַפילו, אָבער כסדר עפּעס „לשיטתו".

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, איז ער געווען דער ערשטער צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט בערנאַרד שאָו, דער עיקרשט מיט זיין בוך „מען ענד סופּערמען", אָבער ער האָט עס ניט געלייענט ווי מען לייענט אַ בוך: עס איז געווען דאָס בוך, אַ מין ליטעראַרישע ביבל, אַ גרויסע ליטעראַרישע אַנט־פּלעקונג.

דעם „אַלטן", פּרצן, האָט לוציאַן ניט ליב געהאַט, און קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. איך בין אין ספק צי ער אַליין האָט עס גע־וואוסט. היינט וואָלט מען זיכער אַנטדעקט אַ קאָמפּלעקס. זיין שנאה צום פאָטער, צו פּרצן, איז געווען אַ פינצטערע און אַ נאָגנדיקע.

ער האָט פון פּרצן ניט געהאַלטן ווי אַ שרייבער, ער האָט אים פשוט מבטל געווען מיט ביטערקייט. און איך בין מסופק, צי ער האָט אַמאָל געלייענט פּרצן. יידיש האָט ער ניט גערעדט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען יידיש, און אַמאָל האָט ער אַפילו גערעדט יידיש, אָבער דאָ איז אויך געווען עפּעס אַ פאַרביסענער צו־להכעיס דעם „אַלטן".

עפּעס איז פאָרגעקומען צווישן דעם פאָטער און זון — אין די יונגע יאָרן, צי שוין אין זיינע רייפע יאָרן — איז שווער צו זאָגן.

ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט ער ניט געלעבט ביי פּרצן; עס איז געווען ניט לאַנג נאָך זיין חתונה, מיט אַ זייער שיין און קלוג מיידל, און פון גרויסן יידישן יחוס דערצו.

פּרץ איז געווען גליקלעך. ער האָט געהאָפט, אַז די קלוגע שנור זיינע וועט ברענגען לוציאַנען צו אים, אָבער אַרויסגעשטעלט האָט זיך, צו זיין ביטערער אַנטוישונג, אַז די שנאה צווישן לוציאַנען און אים איז געוואָרן נאָך שטאַרקער; דאָס יונגע ווייבל איז דווקא געווען זייער

שטאָלץ מיט איר קלוגן, טאַלאַנטפולן און יונגן שווער. זי האָט זיך שטאַרק באַפריינדט מיט איר שווער, פלעגט אָפּט באַזוכן דעם שווער און פלעגט אַוועק אַ באַצויבערטע.

איז לוציאַן געוואָרן אייפערזיכטיק, פּשוט אייפערזיכטיק צו דעם פאָטער זיינעם, און די טראַגעדיע איז געוואָרן טיפער און ווייטיקדיקער.

פּרץ האָט ליב געהאַט זיין איינציק קינד, לוציאַנען; ער האָט אָפּנים געוואוסט, אַז זיין זון איז גייסטיק ניט־באַלאַנסירט. ער האָט עס קיין מאָל פון זיין מויל ניט אַרויסגעבראַכט, אָבער מען האָט עס געזען פון זיין רעזיגנאַציע, ווען מען האָט גערעדט וועגן לוציאַנען.

ווען לוציאַן איז געוואָרן אַ פאָטער פון אַ שיין קינד, און פּרץ — אַ זיידע, איז ביי פּרצן ווידער אויפגעוועקט געוואָרן די אַלטע האָפענונג, אַז לוציאַן וועט גייסטיק קומען צו זיך.

דאָס אייניקל פּרצעס האָט זיך שפּעטער שטאַרק צוגעבונדן צום זיידן, צו פּרצן, און לוציאַן איז נאָך בייסיקער און פאַרביסענער געוואָרן — דער „אַלטער" נעמט־צו ביי אים אויך זיין קינד.

יאָ, פון אַלע פּרצעס האָפענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. לוציאַן האָט זיך געגט מיט זיין פרוי, זיין געגטע פרוי האָט צוגענומען דאָס קינד, לוציאַן איז געבליבן אַליין און ער איז געקומען צוריק צום „אַלטן", אָבער ער איז געקומען צוריק נאָך פינצטערער און נאָך בייסיקער.

אַ שווערע כמאַרע האָט זיך פאַרקליבן אין פּרצעס ליכטיקן הויז.

לוציאַן איז געווען די אייביקע כמאַרע.

ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט, ניט מיט פּרצן, ניט מיט פּרצעס פריינד. ער פלעגט זיצן פאַרשפּאַרט אין זיין באַזונדערן צימער אַליין מיט זיין בערנאַרד שאָו.

לוציאַן איז געווען פּרצעס גרויסע טראַגעדיע.

אָבער פּרץ האָט פאַרמאָגט גענוג כאַראַקטער און טאַקט צו קאָנען אָפּטיילן זיין פּריוואַט לעבן, זיין פּערזענלעך לעבן, פון זיין ליטעראַרישן לעבן.

שטיל און באַהאַלטן האָט ער געטראָגן זיין גרויסן צער.

ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם, ער האָט זיך פֿאַר קיינעם ניט געקלאָגט, עס איז געווען זיין צער.

ער פֿלעגט אָבער האָבן אומגליקלעכע טעג און וואָכן אַפֿילו; ער פֿלעגט אַרומגיין אַ שווייגנדיקער, די אונטערשטע מעכטיקע ליפּ זיינע פֿלעגט אַראָפּהענגען און די זעקלעך אונטער די אויגן זיינען געוואָרן גרעסער און טונקעלער.

עס איז געווען בלויז איין באַשעפֿעניש אויף גאָטס וועלט, וואָס פֿלעגט קאָנען פֿאַרטרייבן פֿון אים די דאָזיקע מרה־שחורה, און דאָס איז געווען דאָס אייניקל.

די דאָזיקע קליינע באַשעפֿעניש פֿלעגט קומען און אַרויפֿזעצן זיך רייטנדיק אויפֿן זיידן, און דער צעפּייניקטער זיידע פֿלעגט לאַכן, ווי זיין אייניקל, הילכיק און זאָרגלאָז.

די שווערע דראַמע האָט דערגרייכט צו איר קלימאַקס נאָך פּרצעס טויט; לוציאַן איז געשטאָרבן אין גאַנצן אַ גערירטער פֿון זיבעץ, און דאָס ליכטיקע אייניקל האָט זיך געשמדט...

אַ זייער קליינע משפּחה האָט פּרץ געהאַט, אָבער דער צער זיינער פֿון דער דאָזיקער קליינער משפּחה איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי גרויס...

ווער ווייסט, אפֿשר איז דער פּלוצלינגער טויט פּרצעס געקומען פֿון דעם לאַנגן, פֿאַרשטיקטן צער.

צייטנווייז פֿלעגט פּרצן אַרומכאַפּן אַ שווערע און דריקנדיקע אַפּאַטיע. זי פֿלעגט אָפּט דויערן וואָכן און אַמאָל חדשים.

סיבות זיינען געווען אַ סך: ראשית, ווי געזאָגט, דער צער פֿון דער פֿאַמיליע, אָדער ריכטיקער — פֿון זיין איינציקן זון, עגמת־נפֿש אין דער גמינע. די אַרבעט אין דער גמינע פֿלעגט אים פּלוצלינג ווערן שווער, שרעקלעך שווער. אָפֿט פֿלעגט עס קומען פֿון אומצופֿרידנקייט מיט זיך אַליין, דאָס הייסט מיט די ניט־איינגעגעבענע שאַפֿונגען. ער פֿלעגט זיך לאַנג, לאַנג ראַנגלען מיט אַזעלכע ניט־איינגעגעבענע שאַ־

פונגען, ער פלעגט זיצן נעכט איבער זיי, שרייבן און איבערשרייבן, און אמאל פלעגט די אפאטיע קומען פון די סיסטעמאטישע, זלידנע און ניט־פארדינטע אטאקעס מצד זיין איין־איינציקן שונא, דוד פרישמאן.

דוד פרישמאן, דער מעפיסטא פון דער העברעאישער קריטיק, האט געגלויבט באמונה שלימה, אז ער איז בארופן, אי לויט זיין בילדונג און אי לויט זיין טאלאנט, צו זיין דער ליטעראַרישער פוסק אין ווארשע. נאך מער — ער האט געגלייבט באמונה שלימה, אז ער איז דער ליטע־ראַרישער מרא־דאתרא, און פרץ איז דא פשוט א מסיג־גבול, איינער וואס רייסט זיך אריין אין זיין רשות־היחיד.

אומבאוואוסטזיניק איז דא פארגעקומען א קאמף צווישן די העב־רעאיסטן און די יידישיסטן; דוד פרישמאן האט עס בשום אופן ניט געוואלט צוגעבן, ער האט דאך געשריבן אין יידיש אזוי פיל ווי אין העברעאיש.

אבער ווי די צוויי לאגערן, דער פרץ לאגער און דער פרישמאן לאגער, זיינען געווען פארטיילט, האט איר געזען פאר זיך א יידישן לאגער און א העברעאיסטישן. אלע העברייער זיינען געווען מיט פריש־מאנען און אלע יידישע שרייבער זיינען געווען מיט פרצן.

דוד פרישמאן האט ניט פארמאגט קיין איין פירערישע אייגנשאפט. ער איז געווען ביטער, אפט זויער. ער האט גערעדט מיט ביטול וועגן אלע שרייבער. ער איז געווען בטבע א „מרוק״. עס איז בכלל ניט געווען עפעס צוציענדיקס אין זיין פערזענלעכקייט. ער האט ניט גע־וואוסט פון פריינדשאפט; ניט ער האט געקאנט ווערן אן איבערגעגע־בענער פריינד און ניט האט ער געקאנט זיך מאכן איבערגעגעבענע פריינד. ער האט ניט געקאנט שמייכלען און צעלאכן זיך הארציק ווי פרץ. איר האט אים געקאנט דערציילן דעם שארפסטן וויץ, אדער אנעקדאט — ער האט ניט געהאט קיין שמייכל, געשמייכלט האט ער בלויז פון א וויץ, וואס ער האט אליין דערציילט.

פרץ האט ניט גערעדט וועגן פרישמאנען, ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס. די שנאה איז געווען אן אלטע, א כראנישע, און אלץ איז שוין געזאגט געווארן...

בײַ פֿרישמאַנען אָבער איז פּרץ געווען אַן אײביקע טעמע.*)

פּרץ איז געווען אויך אַ בריה צו מאַכן זיך שונאים. ער איז געווען צו־שאַרף, צו־בײסיק און צו־אָפֿן. איז אים אָבער אײנער געווען צום האַרצן, האָט ער געקאָנט זײַן דער שענסטער פֿרײַנד.

פּרץ האָט שווער איבערגעלעבט אַנטוישונגען.

די קלענסטע אַנטוישונג האָט אים געקאָסט געזונט און פֿלעגט הרגענען זײַן שטימונג אויף טעג און אויף וואָכן.

ער איז געווען אַ היפּש ביסל צעפּעסטעט, און צעפּעסטעטע מענטשן טראָגן שווער אַריבער אַנטוישונגען.

ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ זײער גרויסער מענטש.

און ער האָט פֿאַרמאָגט אַ זײער קלײנע דאָזע פֿון זעלבסט־קריטיק.

ער איז געווען אַ היפּש ביסל פֿאַרגלויבט אין זיך, ווי עס איז די טבע פֿון דערפֿאָלגרײַכע און גרויסע מענטשן.

זײַנע ליטעראַרישע ראַנגלענישן מיט זיך אַלײן זײַנען אויך געווען אַ פּועל־יוצא פֿון זײַן אײַנגעגלויבטקײט אין זיך אַלײן.

ער איז געווען אָפֿט צו־קאַפּריזנע.

ער איז געווען צו־אויטאָריטעטיש, צו־זיכער, און האָט קײן ספֿקות ניט צוגעלאָזן צו זיך.

אָבער אַמאָל איז ער געווען עפּעס קינדיש אומבאַהאָלפֿן און קינדיש אַנטוישט.

דעמאָלט איז ער געווען רירנד ווי איטלעכס אַנטוישט קינד, ווען עפּעס גיט זיך אים ניט אײַן, ווען ער באַקומט ניט דאָס וואָס ער וויל אַזוי שטאַרק...

אַ ווײטאָגדיק אָרט אין זײַן וואונדערלעכער קאַריערע איז געווען די דראַמע זײַנע. ער האָט זײַנע דראַמעס געטאָן און איבערגעשריבן און איבערגעאַרבעט אַפֿילו נאָך דעם ווי זײ זײַנען שוין געווען געדרוקט.

---

*) פּראָפֿ. יוסף קלויזנער שטעלט זיך אָפּ אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אויף דער כראָנישער פֿײַנדשאַפֿט צווישן פּרצן און פֿרישמאַנען. ער זאָגט עדות, אַז דער אומגערעכטער איז כּסדר געווען פֿרישמאַן; ער דערצײלט אַ פֿאַל פֿון הימל־שרײַענדיקער אומגערעכטיקײט צו פּרצן מצד פֿרישמאַנען. דער דאָזיקער פֿאַל האָט אַזוי פֿאַרביטערט פּראָפֿ. קלויזנערן קעגן פֿרישמאַנען, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו רײדן מיט פֿרישמאַנען, און דער ברוגז האָט אָנגעהאַלטן ביז פֿרישמאַנס טויט.

(זע „דרכי לקראת התחיה והגאולה", ירושלים־תל־אביב, 1946).

ער האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קאָן מען זיי ניט אויפפירן און פאַרוואָס קוואַפּעט זיך ניט קיינער אויף זיי.

מיר פלעגן אָפט שמועסן וועגן זיינע דראַמעס; ער פלעגט רעדן ממש ווי אַ באַליידיקט קינד און ווי אַ דראַמאַטישער גאון, וואָס מען וויל ניט אָנערקענען.

ער פלעגט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערן צו קאָנקרעטע אָנווייזונגען; ער פלעגט דערנאָך זיצן נעכט און איבער־אַרבעטן די באַטרעפנדיקע שטעלן.

אָבער עס פלעגט אַרויס דאָס זעלביקע. ער פלעגט ניט קאָנען ענ־דערן דאָס, וואָס איז אַרויס ביי אים ספּאָנטאַן אויפן פּאַפּיר. די ענדע־רונגען פלעגן זיין ניט־וועזנטלעכע. ער פלעגט עס אַליין איינזען און פלעגט עס מיט פאַרצווייפלונג אָפּלאָזן.

ער האָט זיך ניט געקאָנט צופּאַסן צו די אָנגענומענע דראַמאַטישע פאָרמען; ער האָט זיי עפּעס ניט געקאָנט באַהערשן.

די איינציקע דראַמע, וואָס האָט זיך פולשטענדיק אים איינגעגעבן, איז „די גאָלדענע קייט״. ווען איך האָב אים אַמאָל אָנגעוויזן אויף דעם און געזאָגט, אַז אייגנטלעך באַהערשט ער די אָנגענומענע פאָרם פון דער דראַמע, פון דער פול־רעדנדיקער און ניט האַלב־פאַנטאָמימישער דראַ־מע, האָט ער געטענהט, אַז די דראַמע נייטיקט זיך אין אַ באַנייאונג פון איר פאָרם.

אויף מיין אָנצוהערעניש, אַז זיינע דראַמעס זיינען האַלב־פאַנטאָ־מימישע, האָט ער מיך געפרעגט, צי עס זיינען דאָ געדרוקטע פאַנטאָ־מימישע דראַמעס; ער וואָלט זיך וועלן באַקענען מיט זיי.

מיר האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען עטלעכע פאַנטאָמימעס, און נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט זיי, האָט ער דערקלערט, אַז זיינע דראַמעס זיינען לחלוטין ניט קיין פאַנטאָמימעס.

— זיי זיינען רעדנדיקע פאַנטאָמימעס — האָב איך באַמערקט — דער פאַנטאָמימישער עלעמענט איז דער פּרעוואַלירנדיקער.

אויף דעם האָט ער מסכים געווען מיט פרייד.

ווי אַלע דראַמאַטורגן, וואָס קאָנען זיך ניט דערשלאָגן צו אויפ־פירונגען פון זייערע דראַמעס, האָט פּרץ אויך פּרובירט אַליין אויפצו־

פירן עטלעכע פון זיינע איינאַקטערס מיט אַמאַטאָרן. ער האָט עס געטאָן, ווי זיין שטייגער, מיט ברען, מיט „עלאַן". ער האָט אויסגעזוכט למד־וואָווישע טאַלאַנטן, טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אַנטפּלעקן ביז ער האָט זיי מגלה געווען. ער האָט די דאָזיקע אַנטפּלעקטע טאַלאַנטן דערקלערט מיט נאַאיווער באַגייסטערונג פאַר די נייע טעאַטער־קינסטלער, וואָס וועלן ברענגען די אמתע קינסטלערישע ישועה, דעם אמתן קינסטלערישן תיקון דעם יידישן טעאַטער.

אויף איינער פון זיינע אַנטדעקונגען, אויף מאַדאַם קראַטקא, אין יענער צייט, האָט ער געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען. זי איז די פּער־זאָניפיצירונג פון דער פוילישער יידישער פרוי אין זיינע דראַמען.

און די פויליש־יידישע פרוי, האָט ער מיט טיפער איבערצייגונג געטענהט, איז דורכאויס טראַגיש. איר טראַגיזם קומט פון איר באַזונ־דערער סאָציאַלער לאַגע; די פויליש־יידישע פרוי ווערט דערצויגן אויף דער פוילישער וועלטלעכער קולטור און ווערט געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער שטרענג רעלי־גיעז־יידישער קולטור. זי, די וועלטלעכסטע יידישע פרוי, מוז לעבן דווקא אַ שטרענג רעליגיעז לעבן מיט אַ מאַן, וואָס וועלטלעכקייט איז אים אַבסאָלוט פרעמד.

פון דעם שטאַמט דער טראַגיזם פון דער פויליש־יידישער פרוי.

מאַדאַם קראַטקא איז געווען דעמאָלט די פרוי פון דעם סקולפּטאָר און מאָלער קראַטקא. זי איז געווען זייער צאַרט געבויט, זי איז געווען זייער דין, אַזוי דין, אַז זי איז געווען אַביסל געבויגן פון דינקייט.

אויסגעזען האָט זי גאָר קינסטלעריש. זי האָט זיך געקליידט אָרי־גינעל, די מאָדע איז איר ניט אָנגעגאַנגען, זי האָט געהאַט אירע אייגענע מאָדעס ספּעציעל צוגעפּאַסט צו איר פיגור. אָבער קיין שוישפּילערין איז זי ניט געווען. איר האָבן פּשוט געפעלט די עלעמענטאַרע אייגנ־שאַפטן פון אַ שוישפּילערין. אירע שטים־מיטלען זיינען געווען זייער אָרעמע, איר מימיק איז געווען אַזוי „דין", אַז מען האָט זי ניט געקאָנט באַמערקן אַפילו דורך אַ מיקראָסקאָפּ. אויף דער בינע איז איר מיניאַ־טורישקייט געווען ממש פאַטאַל; זי פלעגט פּשוט פאַרפאַלן ווערן אויף דער בינע, די בינע פלעגט איר איינשלינגען.

אבער פרץ האָט געזען ממש שוישפּילערישע נסים ונפלאות.

ווען פרץ האָט באַמערקט מיין סקעפּטישע באַציאונג צו אירע שוי־שפּילערישע לייסטונגען, האָט ער ביטערלעך אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

„אַ ליטוואַק וועט עס קיינמאָל ניט תופס זיין״.

עס איז געווען פיינלעך צו זען ווי דער גרויסער פרץ פאַרטאַכ־לעוועט זיין טייערע ענערגיע אומזיסט און אומנישט, אָבער נאָך פיינ־לעכער איז געווען צו זען ווי אומבאַהאָלפן ער איז ווי אַ פּראַקטישער טעאַטראַל. ער האָט ממש ניט געוואוסט דאָס עלעמענטאַרסטע אין דער רעזשי־קונסט.

פרץ פלעגט סוף־כל־סוף איינזען זיינע טעותן. ער פלעגט זיך קיין מאָל ניט מתוודה זיין, ער פלעגט בלויז אַריינפאַלן אין אַן אַפּאַטיע און פלעגט קיין מאָל מער ניט רעדן וועגן די אָביעקטן פון זיין נעכטיקער באַגייסטערונג.

אָבער צו זיין באַגייסטערט פאַר עפּעס איז געווען נייטיק פאַר אים, פלעגט געוויינלעך קומען אַ פרישע באַגייסטערונג פאַר עפּעס און פאַר־טרייבן די אַפּאַטיע.

און פרצעס אויגן פייערן ווידער מיט פרייד און מיט זיכערקייט, אַז דאָס מאָל קומט דאָס ריכטיקע, דאָס עכטע...

און עס קומען פאַר באַראַטונגען מיט לויטער „באַרופענע״ מענטשן. פרץ זיצט ניט אויף אַן אָרט, ער שפּאַנט אַרום נערוועז פון באַגייסטע־רונג, ער צינדט אַנדערע, און אָפּטימיסטיש איז ער ווי אַ קינד, ער זעט ממש, ער טאַפּט־אָן ממש דעם דערפאָלג פון דער נייער אונטערנעמונג, און קלוג איז ער, און בליציק איז ער...

פרץ איז וואונדערלעך ווען ער איז באַגייסטערט.

פרץ מיטן שטאָל־גרויען קאָפּ האָט געהאַט עפּעס יינגלשעס אין זיך. אין זיין צופאַלן צו אַן ענין, אין זיין טומלדיקער באַגייסטערונג און אין זיין גרענעצלאָזן אָפּטימיזם איז געווען דורכאויס יינגלשעס.

פרץ האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יונגע פּויליש־יידישע מאָלערס און סקולפּטאָרן. זיי זיינען געוואָרן יידיש אין מאָלן און אין קלעפּן, ווי פרץ אין שרייבן; זיי האָבן דערשפּירט פרצעס ליניע אין

דער ליטעראַטור און זיי האָבן זי אַריבערגעטראָגן אין דער מאָלעריי און אין דער סקולפּטור.

פאַטעטיש איז געווען די באַגייסטערונג פון דעם טויב־שטומען מאָלער מ. מינקאָווסקי פאַר פּרצן. (ער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָמאָ־ביל־אַקצידענט אין בוענאָס־איירעס.)

ער איז געווען אַבסאָלוט טויב און שטום, אָבער ער האָט פאַר־שטאַנען פּרצן בעסער ווי די רעדנדיקע און די הערנדיקע.

ער איז געווען קליין־געוויקסיק, אָבער פעסט געבויט; ער האָט געהאַט אַ טויב־שטומען פּנים, אָבער די אויגן זיינע האָבן גערעדט און געהערט.

עס פלעגט זיין וואונדערלעך צו זען ווי מינקאָווסקי דערציילט פּרצן וועגן זיינע מאָלערישע פּלענער; דערביי פלעגט ער פאַרזיכערן, אַז זיי זיינען פּרציאַניש, דורכאויס פּרציאַניש.

מ. מינקאָווסקי פלעגט זיך אָפּט אָוועקלאָזן איבער דער פּראָווינץ אויסצוזוכן און איינצוהאַנדלען יידישע זאַכן. ער פלעגט אויפקויפן שטערנטיכלעך, זיידענע קליידער, וואָס אונדזערע עלטער־באָבעס האָבן געטראָגן, אַלטע רעליגיעזע חפצים און אַלץ, אין וואָס ער האָט דער־שפּירט דעם עכט־יידישן גוסט. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די דאָזיקע שטיקער פון יידישן גוסט און פלעגט מאָלן יידיש.

ער איז געווען אַ גרויסער בריה איינצוהאַנדלען די דאָזיקע אַנטיקן; ער פלעגט זיי איינהאַנדלען פאַר אַ שיבוש.

ער פלעגט אונדז אַמאָל איבערגעבן זיינע סוחרישע מעטאָדן ביים איינהאַנדלען די אַנטיקן; ראשית כּל פלעגט ער ניט אַרויסווייזן, אַז ער איז להוט זיי צו קויפן; פאַרקערט, ער פלעגט זיך קרימען, באַטראַכטן די זאַכן קריטיש און זיי אַ וואָרף טאָן — זיי געפעלן אים ניט, און אין האַרצן טוט זיך חושך ביי אים — ער שטאַרבט עס צו האָבן, אָבער ער ווייזט עס ניט אַרויס, ער גייט אַוועק, קומט צוריק, אַזוי דריי־פיר מאָל, ביז מען פאַרקויפט עס אים פאַר אַ שיבוש.

ער פלעגט אונדז איבערגעבן אויף זיין שטום־לשון זייער בילדלעך ווי ער באַקומט־אַרויס פון יידישע באָבעס און עלטער־באָבעס אין טיף־פוילן די אַלטע אַנטיקן.

אַמאָל האָט ער מיך פאַרשלעפּט אין זיין סטודיאָ און האָט מיר געוויזן אַ בילד מיטן נאָמען „אסתר״. דער מאָדעל איז געווען די צאַרטע, דינע מאַדאַם קראַטקאַ. פאַרשטייט זיך, אויפן בילד איז זי אַרויס אַ היפּש ביסל שענער און מאַיעסטעטישער ווי זי איז געווען. „אסתר״ איז געווען אָנגעטאָן אין אַלטן „יידישן״ זיידנס, אַרום איר זיינען געווען כסדר פאַרשיידענע שטיקער פון יידישן זיידנס, און עס האָט זיך באַקומען עפּעס געדיכט יידישס, וואָס בלענדט ממש מיט זיין פאַרביקייט.

מינקאָווסקי איז געשטאַנען אַ טריאומפירנדיקער לעבן זיין בילד און האָט מיר כסדר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די וואונדערלעכע עכט־יידישע פאַרבן.

פּרץ פלעגט אַמאָל קויפן אַ בילד, וואָס פלעגט אים באַזונדערס געפעלן. די מאָלערס זיינען געווען גליקלעך ווען פּרץ האָט געוואָלט האָבן זייערס אַ בילד. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט נעמען קיין געלט ביי פּרצן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, זיי האָבן געמוזט נעמען אַ געוויסע סומע פאַר זייערע בילדער.

פּרצן איז אַמאָל גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן מינקאָווסקיס אַ בילד; עס איז געווען אַ זייער פּאַטעטיש בילד — אַ יידיש מיידעלע מיט שוואַרצע, לעבעדיגע אייגעלעך, איז געשטאַנען לעבן אַ קויש מיט עפּל גרייט צו מאַכן געשעפט. געשטאַנען איז זי ווי אַ סוחרטע, ווי אַ שפּייזערין פון אַ פאַמיליע. ערנסט איז געשטאַנען דאָס קינד; זי איז געשטאַנען מיט די הענטעלעך אין די „באָקעס״ בראַוו און טיכטיק.

אָבער אין די שוואַרצע אייגעלעך איז געווען אַ טיפער טרויער, און דער טרויער האָט אייך דערציילט אַ טרויעריקע געשיכטע — דער טאַטע איז געשטאָרבן, די מאַמע איז קראַנק, דאָס ברודערל איז אין חדר, און זי, דאָס ניין־יעריקע קינד, איז די עקרת־הבית...

לאַנג איז געהאַנגען דאָס בילד ביי פּרצן אין אַרבעטס־צימער; עס איז געהאַנגען ריכטיק אַנטקעגן אים ווען ער פלעגט זיצן ביי זיין שרייב־טיש.

אַן ערך צוויי יאָר איז געהאַנגען דאָס בילד. דאָס איז געווען די לענגסטע צייט וואָס אַ בילד איז געהאַנגען אין זיין ניט גרויסן אַרבעטס־צימער און פאַרנומען אַ שטיק פון דער וואַנט.

פרץ פּלעגט „אויפעסן" בילדער, ער פּלעגט זיי קאָנסומירן און פּלעגט זוכען נייע בילדער.

דאָס דאָזיקע בילד איז אַוועק צוריק צו מינקאָווסקין, און מינקאָווסקי האָט מיט שטאָלץ מיר דערציילט, אַז דאָס בילד איז געהאנגען ביים „וואָנצעוואָטן", ד. ה. אויף זיין שטום־לשון, ביי פּרצן. ער האָט עס ניט געוואָלט צוריקנעמען, אָבער דער „וואָנצעוואָטער" איז באַשטאַנען, ער האָט גאָרניט געקאָנט מאַכן. איצט האָט ער עס פאַרקויפט פאַר אַזאַ פּאַק מיט געלט...

קראַטקאָ, דער סקולפּטאָר, האָט געמאָלן די שער־בלעטער צו די זאַמלביכער „יידיש", וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן. די שער־בלעטער זיינען געווען אין יידישן סטיל און מיט גאָלד־פאַרב, די באַליבטע יידישע פאַרב.

צווישן די שטענדיקע „פּרומע" איינגייער אין פּרצעס הויז זיינען געווען א. ווייטער, ווען נאָר ער פּלעגט זיין אין וואַרשע, אַלטער קאַציזנע און י. י. טרונק מיט זיין פרוי.

אַלטער קאַציזנע איז ביי פּרצעס לעבן קיין שרייבער נאָך ניט געווען. די פריינדשאַפט צווישן פּרצן און אַלטער קאַציזנען איז געבוירן און אויסגעוואַקסן געוואָרן אויפן באָדן פון פאָטאָגראַפיע.

פּרץ האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע שוואַכקייט צו פאָטאָגראַפירן זיך, ממש אַן אַקטיאָרישע שוואַכקייט. אים איז גאָר ניט מיאוס געוואָרן צו פאָטאָגראַפירן זיך, און אַלטער קאַציזנע האָט געקאָנט באַפרידיקן די דאָזיקע אומשולדיקע שוואַכקייט, אָדער תאווה. ער איז געווען אַ קינסטלער־פאָטאָגראַף, און פּרצן האָט ער מיט אַ באַזונדער ליבע און מיט אַ גאָר באַזונדערער אויפמערקזאַם פאָטאָגראַפירט.

פּרץ האָט פון אַלץ געמאַכט אַ באַוועגונג, און די פריינד זיינע זיינען ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אויך אַריינגעצויגן געוואָרן — מיר אַלע האָבן זיך געמוזט פאָטאָגראַפירן ביי אַלטער קאַציזנען, און מיט דער צייט האָבן אונדזערע אַלעמענס בילדער באַשיינט די ווענט פון „הזמיר".

איך האָב קיין מאָל ניט געהערט פּרצן רעדנדיק וועגן אַלטער קאַ־ציזנען ווי אַ שרייבער. איך בין חושד, אַז פּרץ האָט יאָ געוואוסט און אַפילו געלייענט אַלטער קאַציזנעס מאַנוסקריפּטן, אָבער ער האָט זיי אַפּנים געהאַלטן פאַר ניט גענוג רייף, און האָט אים געראָטן ניט איילן זיך אַרויסצוקומען מיט זיי פאַר דער וועלט.

אַלטער קאַציזנע איז געווען דער אמתער חסיד פּרצעס; ער פּלעגט ממש שלינגען פּרצעס ווערטער. פּרצעס אַ וואָרט איז געווען אַ געבאָט, אַן אַנטפּלעקונג פאַר אים.

אָבער גאָר דירנד איז געווען די פריינדשאַפט צווישן פּרצן און א. ווייטער.

א. ווייטער איז געווען אַ צויבערלעכע פּערזענלעכקייט, ער איז געווען מער פּערזענלעכקייט ווי שרייבער, ער איז געווען דער ריינסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט אין מיין לעבן צווישן שרייבער.

ער איז געווען שטענדיק אָרעם, ער האָט זיך ניט געקאָנט צושלאָגן צו אַן אַרבעט, ווייל ער איז געווען ניט־לעגאַל, ער האָט געלעבט אויף אַ פרעמדן נאָמען און פאַספּאָרט, און די צאַרישע אָכראַנקע האָט אים כסדר אַרומגעזוכט, ווייל ער האָט געהאַט אַ גאַנץ שווערן פּעקל מיט רעוואָלוציאָנערע עבירות אויף זיך.

ער האָט דורכגעמאַכט, אַחוץ דעם, אַן אינערלעכע רעוואָלוציע; ער איז אַ צייט געווען אַן אַנגעזעענער טוער אין „בונד״. ער האָט גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע דערהויפּט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע פון 1905; ער איז געווען, אין דער צייט פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע, דער פאַקטישער גובערנאַטאָר פון ווילנע.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין אים, אַ ראַדיקאַלער איבערברוך: ער איז געוואָרן יידיש, אומקאָמפּראָ־מיסלעך־יידיש.

זיין נייעם יידישן וועלט־באַנעם האָט ער קלאָר און שאַרף אַרויס־געבראַכט אין זיין דראַמע „דער שטומער״.

דער אינהאַלט פון דער דראַמע איז בקיצור אַזאַ:

אַ יידישער ראַדיקאַלער אינטעליגענט ווערט שטאַרק אַנטוישט אין אַלע ראַדיקאַלע פֿילאָזאָפֿיעס און טעאָריעס; ער גייט אַוועק אין בית־המדרש, זעצט זיך אַוועק איבער אַ גמרא און שווייגט.

דאָס איז אַפּנים אַ רעאַקציע קעגן דער פּיל־רעדעריי און גרויס־רעדעריי פֿון דעם ראַדיקאַליזם; שווייגן, שטומען איז אַ מין תשובה, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך.

א. ווייטער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער; זיין שיינער מויל איז געווען עפּעס ווי פֿאַרשלאָסן.

ער איז געווען גאָר אָרעם געקליידט, אָבער מען פֿלעגט עס ניט באַמערקן, ווייל אויף זיין עלעגאַנטער פֿיגור האָבן אַפֿילו שמאַטעס אויסגעזען עלעגאַנט.

פּרץ האָט שטאַרק ליב באַקומען אָט דעם שווייגנדיקן א. ווייטער.

א. ווייטער, פֿון זיין זייט, האָט פּשוט פֿאַרגעטערט פּרצן; פּרץ איז פֿאַר אים געווען דער וואונדערלעכער מוסטער פֿון אַ נייעם יידן, פֿון אַן אמתן יידן, פֿון אַ יידן, אין וועלכן אי דאָס אַלטע און אי דאָס נייע האָבן זיך האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן. ער איז פֿאַר אים געווען דער אמתער סינטעז, וואָס ער האָט אַזוי ליידנשאַפֿטלעך געזוכט.

זיין באַגייסטערונג פֿאַר פּרצן ווי אַ פּערזענלעכקייט איז אַריבער־געטראָגן געוואָרן אויף פּרצן דעם קינסטלער. זיין באַגייסטערונג פֿאַר פּרצן ווי אַ קינסטלער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין ביז גאָר שאַרפֿער קריטישער חוש און זיין ראַפֿינירטער געשמאַק זיינען בנוגע פּרצן אין גאַנצן אַטראָפֿירט געוואָרן.

איך וויל איבערדערציילן אַ פֿאַקט, וואָס איך האָב אים שוין מיט יאָרן צוריק דערציילט אין מיינע „זכרונות פֿון אַ טעאַטער־קריטער".

ווען מיר האָבן אָרגאַניזירט די באַוואוסטע טעאַטער־געזעלשאַפֿט אין וואַרשע (אַגב איז עס אַ טעות אין די ענציקלאָפּעדיעס און אין אַנדערע אַרבעטן, אַז פּרץ האָט אָרגאַניזירט די טעאַטער־געזעלשאַפֿט און האָט אָנגעפֿירט מיט איר. געשאַפֿן די טעאַטער־געזעלשאַפֿט האָט א. ווייטער און מיין ווייניקייט), איז א. ווייטער באַשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל פּרצן ניט אויסנוצן פֿאַר רוטינע, וואָכעדיקע אַרבעטן; פּרצעס הסכמה איז גענוג פֿאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט. אָבער איין מאָל האָט

ער מסכים געווען, אַז מען זאָל צוציען פּרצן צו אַ באַשטימטער אַרבעט, און האָט געגומען אויף זיך דורכצורעדן זיך מיט פּרצן דורכן טעלעפאָן וועגן דעם.

און היות דער ענין איז געווען אַ דרינגענדיקער, האָב איך אָפּגע־זוכט ווייטערן, כדי אויסצוגעפינען דעם רעזולטאַט פון זיין שמועס מיט פּרצן.

אויף מיין פראַגע, צי האָט ער גערעדט מיט פּרצן? האָט ער גע־ענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— ניין, איך האָב ניט געקאָנט; איך קאָן ניט שלעפּן פּרצעס אויער צו דעם טעלעפאָן־טרייבל, איך קאָן עס ניט, ממש פיזיש ניט. זאָל אַן אַנדערער זיך דורכרעדן מיט פּרצן. איך קאָן עס ניט.

צווישן פּרצן און ווייטערן פלעגט כסדר פאָרקומען אַ שטילער געראַנגל. פּרץ האָט געוואָלט ווי עס איז העלפן ווייטערן מאַטעריעל; ער האָט עס געטאָן מיט פאַרשיידענע פאַרשלייערטע המצאות, קענענדיק ווייטערס שטאָלץ, אָבער ווייטער איז געווען זייער שאַרף־פיליק און פלעגט באַלד אויפדעקן די פאַרשווערונג.

אַזוי, למשל, איז מיט אַמאָל ניט געוואָרן ווייטערס אַלטער קאַ־פּעליוש, ווען ער האָט באַזוכט פּרצן. אַלע האָבן געזוכט דעם קאַפּעליוש, אַפילו דינעזאָן און מאַדאַם פּרץ. פּרץ, פאַרשטייט זיך, איז געווען דער הויפּט־זוכער. אָבער ניטאָ דער קאַפּעליוש, ניטאָ, ווי אין וואַסער אַריינ־געפאַלן. נעמט פּרץ אַרויס אַ קאַפּעליוש פון שאַפע און זאָגט ווייטערן:

— פּרובירט אָנמעסטען דעם דאָזיקן קאַפּעליוש, אפשר וועט ער אייך פּאַסן.

ווייטער מעסט אָן — יאָ, ער פּאַסט.

איז ער אַוועק מיטן קאַפּעליוש. ווען ער איז געקומען אין זיין צימערל, האָט ער גוט באַטראַכט דעם קאַפּעליוש און אויסגעפונען, אַז עס איז ניט פּרצעס אַ קאַפּעליוש; עס איז אַ נייער קאַפּעליוש, לחלוטין ניט פון דעם מין קאַפּעליושן, וואָס פּרץ טראָגט.

ווייטער האָט מיר פאַרטרויט די דאָזיקע מעשה מיט טיפן ווייטאָג.

ווינטער־צייט האָט פּאַסירט שוין עפּעס גאָר ערנסטערס: ווייטערס אַלטער, אָפּגעטראָגענער מאַנטל איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווידער ביי פּרצן אין הויז.

און ווידער איז פרץ דאָ מיט אַ מאַנטל, מיט לוציאַנס אַ מאַנטל, וואָס ווייטער קאָן טראָגן ביז ער וועט זיך פאַרשאַפן אַ נייעם מאַנטל.

ווייטער האָט געמוזט איינגיין אויף דעם, כאָטש ער האָט שטאַרק חושד געווען, אַז דאָ ווערט ווידערהאָלט די זעלביקע מעשה ווי מיטן קאַפּעליוש; אָבער אין גאַס איז געווען קאַלט, עס איז געשטאַנען אַ ברע־נענדיקער פראָסט, און ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. אַגב, האָט דער מאַנטל ניט אויסגעזען נײַ, און דער חשד איז ניט געווען גרויס.

אָבער גייענדיק אין גאַס האָט ווייטער אַנגעטאַפּט אין איינער פון די קעשענעס עטלעכע קנאַקעדיקע פּאַפּירלעך. ער נעמט אַרויס — עטלעכע רובלדיקע אַסיגנאַציעס...

א. ווייטער איז געקומען צו מיר אַ צערודערטער און אַ בלייכער פון צאָרן.

— איך גיי מער ניט צו פרצן.

— וואָס איז געשען? — פרעג איך אַ דערשראָקענער, וויסנדיק ווייטערס גרויסע און טיפע אַכטונג צו פרצן.

און ווייטער האָט ממש מיט טרערן מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

עס האָט גענומען אַ חודש צייט צונויפצופירן ווייטערן מיט פרצן צוריק.

פרץ האָט פון אָנהייב געלייקנט שטיין און ביין; ביי אים האָבן זיך איינגעגאַדיעט גנבים, קליינע גנבים נעבעך, וואָס גנבענען טראַנטעס.

אָבער צום סוף האָט ער מודה געווען; ער האָט געטענהט, אַז ער קאָן ניט זען ווי ווייטער גייט אַרום קרוע־בלוע.

אין דער דאָזיקער פאַרשווערונג האָבן אָנטייל גענומען מאַדאַם פרץ און י. דינעזאָן, און זיי האָבן געהאָלפן ברענגען ווייטערן צוריק אין פרצעס הויז.

פרץ איז געווען געצוואונגען אָפּצושטעלן זיינע מתן־בסתרדיקע מאַכינאַציעס; ער האָט ניט געקאָנט פאַרלירן ווייטערן.

פרץ האָט געקאָנט זיין אַן איבערגעגעבענער פריינד, אַ פריינד, וואָס נעמט נאָענט צום האַרצן אַ פריינדס נויט.

אין געלט־ענינים האָט פּרץ פֿאַרמאָגט די ברייטקייט פֿון אַ פּרינץ און די לייכטזיניקייט פֿון אַ קינד.

דאָס האָבן געוואוסט מאַדאַם פּרץ און יעקב דינעזאָן, און זיי האָבן אַזוי מאַנעווורירט, אַז ער זאָל ניט האָבן קיין שליטה איבער גרעסערע סומען געלט.

ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע איז מנחם באַריישאַ, אָדער מנחם, ווי מען האָט אים גערופֿן, געווען פּרצעס ליבלינג. פּרץ האָט געלייגט גאָר גרויסע האָפֿענונגען אויף מנחמען ווי אַ דיכטער, אָבער פּרץ איז געווען אַן אומגעדולדיקער מענטש, ער האָט ניט געקאָנט לאַנג וואַרטן אויף דער רעאַליזירונג פֿון זיינע האָפֿענונגען, ער האָט געוואָלט זיי זאָלן באַלד מקוים ווערן.

זיינע האָפֿענונגען, וואָס ער האָט געלייגט אויף מנחמען, זיינען דווקא יאָ מקוים געוואָרן, אָבער אַ סך שפּעטער, נאָך פּרצעס טויט.

צו פּרצעס שבח דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט אָנפּלאָדיען פּרצלעך, נאָכאַמערס. יעדער נייער טאַלאַנט, וואָס איז געקומען מיט עפּעס אייגנס, מיט עפּעס זיינס, איז אים געווען ליב און טייער.

פּרץ האָט געקענט בוכשטעבליך אַלע שרייבער, פֿון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן. ער האָט אַפֿילו געלייענט און געוואוסט יעדנס שריי־בערישע חסרונות.

ער האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיטן שרייבער ווי אַ מענטש, אָבער ער האָט געזוכט פֿונדעסטוועגן צו האָבן אַרום זיך שרייבער, וואָס זיינען אויך מענטשן.

ער האָט אָפֿט מקרב געווען שרייבער, וואָס האָבן, ווי מענטשן, ניט פֿאַרדינט זיין אויפֿמערקזאַמקייט. האָט אים אָבער איינער אַנטוישט ווי אַ שרייבער, האָט ער אים דערווייטערט פֿון זיך.

פּרץ פֿלעגט אַלץ לייענען מיט דער גרעסטער אויפֿמערזאַמקייט. ער האָט אַפֿילו געלייענט יידישע צייטונגען מיט אַ בלייפֿעדער ; ער פֿלעגט אונטערשטרייכן יעדן געלונגענעם אויסדרוק, איטלעכס ניי אָדער

אַלט וואָרט, וואָס איז געווען פֿאַר אים ניי, אָבער דער עיקרשט האָט ער אונטערגעשטראָכן די ניט־געראָטענע, די ניט־געלונגענע און די ניט־גראַמאַטיקאַלישע זאַצן.

און ער האָט קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן ביי אַ באַגעגעניש מיט אַ שרייבער צו זאָגן אים אי וועגן דאָס גוטע און אי וועגן דאָס שלעכטע, וואָס ער האָט באַמערקט לייענענדיק עפּעס זיינס.

און שרייבער האָבן עס געוואוסט; זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג, אַז עס איז דאָ אַן אויג, וואָס זעט.

שרייבן פֿלעגט פּרץ אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און אָפּט גאַנץ פֿרי, איידער ער איז אַוועק אין דער גמינע.

אַ סך צייט פֿלעגט ביי אים פֿאַרנעמען די איבעראַרבעטונגען פֿון שוין לאַנג געדרוקטע ווערק זיינע, דערהויפּט זיינע דראַמעס. ער האָט זיך עפּעס מיט זיי קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

פּרצעס הויז איז געווען דאָס איינציקע הויז אין וואַרשע, וואָס איז געווען אָפֿן פֿאַר שרייבער. עס איז געווען אַ הויז, וואו יעדער שרייבער האָט געקאָנט אַריינקומען און זיך פֿילן אי היימיש און אי אַביסל אויף דער וואָך. וואָרים פּונקט ווי פּרץ האָט געקאָנט זיין אויסערסט פֿריינדלעך, פּונקט אַזוי האָט ער געקאָנט זיין קאַלט, פֿרעמד און אָפּט אַפֿילו בייז.

קיין אַנדער שרייבער האָט ניט געהאַט קיין אָפֿן הויז אין וואַרשע. ה. ד. נאָמבערג און א. רייזען האָבן געלעבט ווי בחורים אין אַ האָטעל, אָדער אין אַ צימער ערגעץ, און מען פֿלעגט ביידן ניט געפֿינען אין דער היים.

ש. אַש האָט זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם איבער די הויפּטשטעט פֿון איראָפּע.

ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַ זייער גוטער קאָלעגע, אָבער אָפּגעבן זיך מיט אַ שרייבער, האָבן אים אין זינען, האָט ער קיין געדולד ניט געהאַט.

א. רייזען האָט אַלע מאָל געקאָנט זיין אַ פֿריינד, אָבער ער האָט קיין הויז ניט געהאַט.

דוד פֿרישמאַן האָט שוין יאָ געפֿירט אַ בעל־בתיש לעבן, ער האָט געהאַט אַ הויז, אָבער היימיש האָבן זיך געפֿילט אין זיין הויז בלויז

העברעער. ער איז געווען דורכאויס אַ העברעאישער שרייבער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געשריבן פּיל אין יידיש. ער האָט געלעבט מיט דער העברעאישער ליטעראַטור און האָט זיך אין איר אויסגעלעבט.

נ. סאָקאָלאָווס הויז איז געווען אַ פּויליש הויז. עס איז געווען אַ האַלב אַסימילירט הויז. די פרוי, די טעכטער און די זין האָבן אין גאַנצן פאַרפּוילישט דאָס הויז. אַגב, איז סאָקאָלאָוו סתם ניט געווען קיין צוגע־לאָזענער מענטש בכלל און בפרט צו שרייבער.

און אַזוי אַרום האָט זיך דאָס גאַנצע ליטעראַרישע וועלטל קאָנ־צענטרירט אַרום פּרצעס הויז.

אַחוץ שרייבער זיינען געווען איינגייער ביי פּרצן מענטשן פון דער יידיש־ראַדיקאַלער באַוועגונג, דערהויפּט פון „בונד״.

פּרץ איז ניט געווען קיין בונדיסט, ער איז בכלל ניט געווען קיין פּאַרטיי־מענטש, אָבער צום „בונד״ האָט ער געהאַט אַ וואַרעם געפיל. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם בונדישן פירער גראָסער, אַ געראָ־טענער זון פון אין גאַנצן אַסימילירטע עלטערן, וואָס האָט זיך צוריק־געקערט צו יידן, און צו די סאַמע געדריקטע יידן — צו די יידישע אַרבעטער.

אַגב איז גראָסער געווען אַ פּוילישער ייד און ער איז פּרצן געווען נענטער ווי די יידיש־רוסישע פירער פון „בונד״.

פּרץ איז געווען אַ פּוילישער ייד, דורכאויס אַ פּוילישער ייד, און דער פּוילישער ייד איז אים געווען נענטער און פאַרשטענדלעכער.

די פירער פון די ראַדיקאַלע פּאַרטייען פלעגן קומען צו פּרצן ניט אָפן; פּרצעס הויז איז געווען שוין לאַנג אונטער חשד ביי דער רוסישער אָכראַנקע און זי האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דעם הויז און אויף די מענטשן וואָס קומען אַריין.

זיי פלעגן קומען קאָנספּיראַטיוו, עפּעס בין־השמשות, שפּעט אין אָוונט. אָבער, שוין ביי פּרצן אין הויז, פלעגן זיי זיך דערפילן היימיש, אַראָפּוואַרפן פון זיך די קאָנספּיראַציע און זיין געסט ווי אַלע.

שבת איז די גמינע געשלאָסן, און פרץ האָט געהאָט זיין פרייען טאָג, זיין רו־טאָג.

שבת, דערהויפּט זומער, פלעגט מען זען פּרצן שפּאַצירנדיק אין זאַקסישן גאָרטן.

פּרצעס אָריגינעלע און ביז גאָר קענטיקע געשטאַלט, שטענדיק אין זיין גרינלעכער פּעלערינע און אין זיין גרינלעכן קאַפּעליוש, האָט גע־הערט צו די מערקווירדיקייטן פון וואַרשע.

ווען ער פלעגט שפּאַצירן שבת אין זאַקסישן גאָרטן פלעגן סיי יידן און סיי קריסטן שטיל זאָגן איינע די אַנדערע — אָט גייט פּרץ.

פּרץ אין דער גרינלעכער פּעלערינע, אין גרינלעכן קאַפּעליוש און מיט זיינע שטאַרקע וואָנצעס האָט אויסגעזען ווי אַ פּוילישער שליאַכטשיץ.

איר האָט אים ניט געקענט פאַרבייגיין און אים ניט באַמערקן; אַ געשטאַלט, ווי אויסגעגאָסן פון בראָנז, האָט זיך באַוועגט אין די אַלייען פון גאָרטן. אַלץ איז געווען האַרמאָניש אין דער דאָזיקער גע־שטאַלט, אַלץ איז געווען אָריגינעל און עפּעס מעכטיקס איז געווען אין איר.

אָפט פלעגט ער באַגעגענען פריינד און אַ גאַנצע גרופּע האָט זיך באַוועגט מיט אים אין מיטן. פּרץ איז געווען דער ראש המדברים; ער איז געווען דער געשמאַקער שמועסער, אַמאָל עלעגאַנט־לייכט, אַמאָל שטיפעריש־הומאָריסטיש און אַמאָל ערנסט.

געוויינטלעך פלעגט אויף אַ באַשטימטער דיסטאַנץ אים נאָכגיין אַן עולם נייגעריקע צו כאַפּן אַ וואָרט פון פּרצן, און פון די שרייבער וואָס רינגלען אים אַרום.

פּרץ איז געווען אַ זייער גוטער מענטשן־קענער. ער פלעגט מיט יעדן אָנשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן. ער פלעגט אָנהייבן לייכט, גוט־ברוי־דעריש, אָפט מיט אַ הלצהלע, וואָס האָט רעפלעקטירט אויף יענעמס אַ באַזונדער אייגנשאַפט. ער האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן זכרון, ער האָט געדענקט אַלע ביזאַרע אייגנשאַפטן, אָדער אייגנאַרטיקייטן, פון אַלע זיינע פריינד און באַקאַנטע.

פּרץ איז געווען די סאַמע קענטיקע פיגור צווישן די יידישע שרייבער אין וואַרשע. און פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אין וואַרשע אַן אויס־

לענדישער זשורנאַליסט פֿלעגט ער ניט דורכלאָזן פּרצן; מען פֿלעגט אַזאַ איינעם אַפּנים זאָגן, אַז זיין פֿאַרשטעלונג וועגן וואַרשע וועט ניט זיין קיין פֿולע ווען ער וועט ניט זען דעם פּאַן פּרץ, דעם יידישן שרייבער.

די פּוילישע צייטונגען פֿלעגן פֿון צייט צו צייט געבן פּרצעס אַ בילד, און אַלע מאָל אין זיין פּעלערינע און פּוילישן קאַפּעליושל.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער פּוילישער פּרעסע צו באַפֿאַלן פּרצן פֿון צייט צו צייט אויף דעם געמיינסטן אופֿן; ער האָט דאַן גע־הייסן: פּרץ דער זשאַרגאָנישער שרייבער.

ניט קוקנדיק אויף זיין שוואַכקייט צו פֿאָטאָגראַפֿירן זיך אָפֿט איז פּרץ ניט געווען קיין מענטש פֿון פּאָזע. זיין באַנעמונג, אין זיין קליידונג און אין זיין שטאָלצער האַלטונג איז געווען נאַטירלעכע פּאָזע.

ער האָט ניט נייטיק געהאַט זיך אָנצושטרענגען צו זיין עמעצער אַנדערש; ער אַליין איז געווען גענוג אָריגינעל און גענוג פֿאַרביקע פּערזענלעכקייט.

פּאָזע וואָלט אויף קיין פֿאַל ניט אַזוי אימפּאָנירט; פּאָזע וואָלט, אַגב, קיינעם ניט געקאָנט לאַנג אָפּנאַרן; פּאָזע מוז זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעבן.

פּרץ איז געווען אַ האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט.

ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש און אַ שטאָלצער ייד; זיין שטאָלץ פֿלעגט אים אָפֿט אַליין ברענגען שאָדן און פֿלעגט אָפֿט שאָדן זיין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט.

ער האָט זעלטן דערפֿירט אַ געזעלשאַפֿטלעכע אָדער קולטורעלע אַרבעט ביזן סוף; ער איז געווען ווייניק בויגיק, און פּשרות זיינען אים געווען אַבסאָלוט פֿרעמד. דאָס ביסל פּשרהדיקייט, וואָס יעדער מענטש פֿאַרמאָגט, האָט ער פֿאַרווענדט אויף זיין פֿאַמיליע־לעבן, אויף יענער זייט פֿון זיין פֿאַמיליע־לעבן איז ער געווען אומקאָמפּראָמיסלעך.

זיין אומקאָמפּראָמיסלעכקייט פֿלעגט איבערגיין אָפֿט אין אומנייטי־קער דעמאָנסטראַציע. ער האָט ליב געהאַט צו דעמאָנסטרירן זיין אומ־קאָמפּראָמיסלעכקייט.

ער פֿלעגט אָפֿט מקריב זיין עפּעס קאָנקרעטס צוליב אַ דעמאָנ־סטראַציע. ווען ער האָט געהאַט פֿאַר זיך צוויי ברירות, אַ פּאָזיטיווע

דערגרייכונג, וואָס פֿאָדערט אַ שטיקעלע פּשרה, און אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז בפירוש שעדלעך פֿאַר דער אונטערנעמונג גופֿא, האָט ער בעסער אויסגעקליבן די קנאַליקע, פֿייער־ווערקישע דעמאָנסטראַציע.

און האָט זיך אים איינגעגעבן אַ דעמאָנסטראַציע, איז ער געווען גליקלעך ווי אַ ייִנגל אַ שטיפֿער, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ געלונגענע שקאָצעריי.

ער פֿלעגט אָפֿט ניט פֿאַרשטיין די קאַלטע רעאַקציע מצד זײַנע פֿרײַנד אויף זײַנע דעמאָנסטראַציעס.

ער איז געפֿאָרן, למשל, אין פּעטערבורג אין די אינטערעסן פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט; פּעטערבורג האָט געדאַרפֿט געבן די ערשטע גרויסע סומע, און דערנאָך וואָלטן געקומען אַנדערע שטעט.

מיר האָבן געוווּסט פּרצעס שוואַכקייט צו דעמאָנסטראַציעס און מיר האָבן מיטגעשיקט מיט אים א. ווייטערן. אַ ווייטער האָט געהאַט אַ שטאַרקע באַרויִקנדיקע ווירקונג אויף פּרצן.

מיט האָפֿענונג און שרעק האָבן מיר געוואַרט אויף דעם רעזולטאַט פֿון דער באַגעגעניש פֿון פּרצן מיט דער ייִדיש־רוסישער אינטעליגענץ אין פּעטערבורג.

אָבער באַלד נאָך דער באַגעגעניש, אויף וועלכער עס זײַנען געקומען די פּני פֿון דער ייִדישער פּעטערבורג, האָב איך באַקומען אַ דעפּעשע פֿון איין וואָרט פֿון ווייטערן — „דורכגעוואָרפֿן".

פּרץ איז געקומען צוריק קיין וואַרשע אַ טריאומפֿירנדיקער; ער האָט גאָר ניט געפֿילט, אַז ער האָט דורכגעוואָרפֿן כמעט די גאַנצע אונטערנעמונג. ער איז געווען גליקלעך וואָס די דעמאָנסטראַציע האָט זיך איינגעגעבן. ער האָט גוט אַרײַנגעזאָגט די פּעטערבורגער ייִדן, אָבער גוט...

ייִדיש און דער ייִדישער שרייבער דאַרפֿן האַלטן הויך דעם קאָפּ...

די אורזאַך פֿאַר דער דעמאָנסטראַציע איז געווען דאָס, וואָס דובנאָוו האָט געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג אין רוסיש (גענויער באַשריבן אין מײַנע „זכרונות פֿון אַ טעאַטער־קריטיקער").

ווייטערן האָט עס שטאַרק געקרענקט, אָבער ער האָט פּשוט ניט געקאָנט זען קיין פּגם אין פּרצעס מעשים. ער האָט געוווּסט, אַז אונדזער

אונטערנעמונג, וואָס איז אים זייער טייער, האָט באַקומען אַ שטאַרקן קלאַפּ. „אָבער״, האָט ער געזאָגט, „עס איז געווען וואונדערלעך, דאָס קאָן טאָן פּרץ און נית קיין אַנדערער״.

זיין תּאווה צו דעמאָנסטראַציעס און זיין איגנאָרירונג פון דער רעאַלער סיטואַציע, אָדער די רעאַלע פאַרהעלטעניש, האָבן אים בפירוש געשטערט אין אַלע זיינע עפנטלעכע טעטיקייטן. ער וואָלט געקאָנט גאַר־נים דער ערך מער אויפטאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, ווען ער וואָלט געקאָנט גובר זיין זיין יצר־הרע צו דעמאָנסטראַציעס.

אין וואַרשע פלעגט מען אין יידיש־געזעלשאַפטלעכע קרייזן פּשוט מורא האָבן פאַר אים, אָבער מען פלעגט אים אומעטום איינלאַדן. ער פלעגט באַשיינען יעדע פאַרזאַמלונג, ער פלעגט עפּעס אַריינברענגען אַ יום־טוב.

אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלן בינטל פון זיינע קרבנות: דאָס זיינען געווען יידישע כלל־טוער, באַלעבאַטישע מענטשן, נית קיין שאַרפע און נית קיין פאַרביקע יידישע מענטשן, אָבער געטרייע און איבערגעגעבענע טוער. פּרץ האָט אָבער נית סובל געווען אָט די דאָזיקע כלל־טוערישע קלאַטשעס, וואָס שלעפּן דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן וואָגן אָן פאַראַד און אָן גלעקלעך.

זיינע דעמאָנסטראַציעס האָבן נית געשלעפּט נאָך זיך פיינדשאַפט צו די מענטשן, וועלכע זיינען געווען די גורמים פון דער דעמאָנסטראַ־ציע און קעגן וועלכע די דעמאָנסטראַציע איז געמאַכט געוואָרן, ניין, די הנאה פון דער דעמאָנסטראַציע איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז אַנשטאָט שנאה צו די גורמים פון דער דעמאָנסטראַציע האָט ער געפילט עפּעס אַזוינס ווי אַ דאַנקבאַרקייט צו זיי...

איך האָב עס ביי אַ היפּש ביסל פאַלן געגנוי פעסטגעשטעלט; אַפילו ווייטער האָט געמוזט צוגעבן, אַז די דאָזיקע באַאָבאַכטונג איז אַ ריכטיקע.

פּרץ איז בפירוש נית געווען קיין נוח לבריות, ער האָט אָבער בכלל ליב געהאַט מענטשן, און איך קאָן נית נאָך איינעם, וואָס זאָל האָבן אַזעלכע געטרייע און איבערגעגעבענע פריינד ווי ער האָט געהאַט.

פּרץ האָט קיין ציניש וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט פֿון זיין מויל; איך האָב קיינמאָל ניט באַמערקט ביי אים קיין ציניש באַציאונג צו מענטשן, צו אידייען.

איך האָב אַפילו ניט באַמערקט ביי אים קיין סקעפּטיציזם.

יאָ, אַנטוישונגען, ווי שוין געזאָגט, האָט ער זייער שווער איבער־געלעבט; זיי האָבן אַרויסגערופן ביי אים אַפּאַטיע, אָפט אַפילו מרה־שחורה, אָבער קיין מאָל ניט קיין סקעפּטיציזם.

און דערביי האָט ער קיין מאָל ניט געמאַכט קיין פרום פּנים און האָט קיין מאָל ניט געקלאָגט אויף גלות השכינה.

ער איז געווען אַן אָפּטימיסטישע, אַ קעמפערישע און אַ זוכנדיקע נאַטור; ער האָט אייביק צו עפּעס געשטרעבט, כסדר עפּעס געזוכט און כסדר עפּעס אָדער פֿאַר עפּעס געקעמפט.

און זיינע קעמפערישע מעטאָדן זיינען געווען ניט די אָנגענומענע און די שאַבלאָנע; ער האָט געקעמפט מיט שאַרפֿע ווערטער, מיט עפּיגראַמען, מיט קורצע קאַלאַמבורן און מיט פּיגטעלעך, און כסדר איז זיין קאַמף געווען אָפֿן, קיין מאָל ניט הינטער יענעמס פּלייצע.

איך האָב קיין מאָל ניט געהערט פֿון אים קיין צווייזייטיקן וויץ, אַ צווייזייטיק ווערטל.

און דערביי איז ער ניט געווען קיין „וצדקתך", קיין אויגן־גלאָצער, קיין מוסר־זאָגער און קיין מאָראַל־פּרעדיקער.

די דאָזיקע מענטשלעכע שוואַכקייטן האָבן להלוטין קיין שליטה ניט געהאַט אויף אים; ער האָט זיי ניט באַקעמפט, ער האָט קיין געראַנגל מיט זיך אַליין צוליב זיי ניט געפֿירט. אַזאַ מענטש איז ער געווען.

ער איז ניט געווען קיין פֿאַרביסענער, קיין נוקם ונוטר; ער איז אַלע מאָל געווען גרייט צו מאַכן שלום מיט זיינע געשוואָרענע קעגנער און שונאים, סיידן זיי זיינען, לויט זיין מיינונג, קיין מענטשן ניט געווען און זיינען ניט ווערט געווען זיין פריינדשאַפט.

צווישן אים און שלום־עליכמען, למשל, איז ניט געווען קיין גאָר גרויסע פריינדשאַפט. פּרץ האָט געהאַט ליטעראַרישע טענות און תביעות צו שלום־עליכמען; לויט זיין מיינונג האָט שלום־עליכם זיך צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק, אָדער צו די סוחרישע אינטערעסן פֿון די צייטונגס־

אַרויסגעבער; ער האָט געהאַלטן, אַז שלום־עליכמס ראָמאַנען אין די צייטונגען זיינען צו־לייכט, זיינע פּעליעטאָנען צו־וואַסערדיק. הכלל, ער האָט געהאַט זיינע טענות, אָדער זיינע מיינונגען, וועגן באַשטימטע שלום־עליכמס ווערק.

עס האָבן, אַגב, נאָך געטליעט ביי פּרצן אַלטע תּרעומות אויף שלום־עליכמען פון די צייטן ווען שלום־עליכם האָט אַרויסגעגעבן זיין „פאָלקס־ביבליאָטעק" און ווי אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער האָט ער געמאַכט ענדערונגען אין זיין „מאָניש".

אָבער די, וועלכע האָבן ליב צו וואַרעמען זיך ביי דעם פייער פון מחלוקות, האָבן צעבלאָזן דאָס טליענדיקע פייערל פון אַ שטילער און לחלוטין ניט קיין בייזער פיינדשאַפט. די דאָזיקע פיינדשאַפט איז געוואָרן ביטערער ביי ביידע צדדים. עס איז געווען ניט קיין געזונטע און ניט קיין ווירדיקע פיינדשאַפט אָדער ברוגז, און שולדיק אין דעם זיינען בפירוש געווען די אייביקע פליאַטקע־מאַכערס.

פּרץ האָט ניט געוואוסט, אַז דאָ אַרבעטן די אייביקע פליאַטקע־מאַכערס און ער פלעגט טענהן:

פאַרוואָס טאָר איך ניט האָבן קיין מיינונג, מיין קריטישע מיינונג, וועגן געוויסע ווערק שלום־עליכמס? ער האָט דאָך אַ קריטישע מיינונג וועגן מיינע ווערק אויך!

אָבער, ווען שלום־עליכם איז געקומען קיין וואַרשע, האָט פּרץ איינגעאָרדנט פאַר אים אַ קבלת־פּנים אין „הזמיר" און האָט געהאַלטן די גלענצנדיקסטע רעדע, וואָס איך האָט ווען אַמאָל געהערט וועגן שלום־עליכמען ווי אַ שריפטשטעלער. עס איז געווען אַ וואַרעמע, אַ קאַלעגיאַלע און באַגייסטערטע רעדע.

שלום־עליכם איז געבליבן קאַלט און פרעמדלעך צו פּרצן, און עס איז צו קיין אמתן שלום ניט געקומען.

רירנדיק איז געווען פּרצעס אַכטונג און ליבע צום זיידן מענדעלע. ווען מענדעלע איז געווען אין וואַרשע איז פּרץ ממש ניט אָפּגעטראָטן פון אים; ער האָט כסדר געקוקט דעם זקן אין די אויגן מיט אמתער באַגייסטערונג.

און מענדעלע איז דאָך געווען ממש דער היפוך פֿון פּרצן, סיי לויט זיין טעמפּעראַמענט און סיי לויט זיין ליטעראַרישן דרך.

ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „איידער איך זעץ זיך שרייבן לייען איך דורך עטלעכע זייטלעך מענדעלע און איך ווער אַריינגעפֿירט אין די סאַמע געדיכטעניש פֿון יידישן לשון. איך מאַך אים ניט נאָך, אָבער איך זאַפּ איין און זעטיק זיך אָן מיט דער שפּע פֿון זיין יידיש. איך נוץ־אויס די דאָזיקע שפּע אויף מיין שטייגער".

פֿון ה. ד. נאָמבערג האָב איך געהערט דאָס נעמלעכע.

פּרץ האָט געהאַט אַ פֿעסטע און אַ קלאָרע יידיש־קינסטלערישע פֿילאָזאָפֿיע. זי האָט אַרומגענומען די פֿראַגן פֿון פֿאָרם און אויך פֿון אינהאַלט.

אָבער איר האָט קיין מאָל אים ניט געהערט פּרעדיקן זיין פֿילאָ־זאָפֿיע, אָדער פֿאָדערן פֿון אַנדערע, זיי זאָלן גיין אין זיין וועג.

ער האָט אַפּנים געהאַלטן, אַז ער האָט זיין קינסטלערישן דרך, אַנ־דערע שרייבער דאַרפֿן האָבן זייער דרך.

ער איז געווען דער יידישסטער שריפֿטשטעלער, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער געטאָן און עקספּערימענטירט מיט אַלע נייע פֿאָרמען אין אַנדערע ליטעראַטורן, דערהויפּט אין דער פּוילישער און דער דייטשישער ליטעראַטור.

ניט אַלע עקספּערימענטן האָבן זיך איינגעגעבן. ניט איינגעגעבן האָבן זיך דער עיקרשט דאָס עקספּערימענטירן מיט נייע פֿאָרמען אין די דראַמען זיינע.

פּרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט ביאַליקן. ווען ביאַליק איז געווען אַמאָל אין וואַרשע פֿלעגט ער כּסדר זיין ביי פּרצן און ניט ביי דוד פֿרישמאַנען, וועלכער האָט על פּי שכל אים באַדאַרפֿט זיין נענטער.

פּרץ האָט געהאַלטן, אַז ביאַליק איז דער יידישסטער דיכטער.

פֿאַר דוד פֿרישמאַנען, דעם אייראָפּעער, איז דאָס דווקא געווען אַ חסרון.

בכלל האָט פֿרישמאַן זיך אָפּט געמאַכט, אַז ער געדענקט ניט ביאַליקס נאָמען. ער פֿלעגט זיך פֿאַרהאַקן און זאָגן אין זיין פֿאַרדייטשטן יידיש:

„ווי הייסט ער, יאָ, דער פֿון אַדעס, דער מיט דעם פּליך? יאָ, יאָ, ביאַליק, ביאַליק". און אין דעם, פֿאַרשטייט זיך, איז געלעגן אַ מער־דערלעכער ביטול צו דעם ביאַליק.

פֿרישמאַן האָט נאָך אין עצם געשטעקט אין גאַנצן אין דעם משכּיליזם; דער אייראָפּעאיזם זיינער איז ניט געווען בלויז אַ פֿאַקט, נאָר אויך אַ שטרעבונג. ער איז געווען דער אַפּאָסטאָל פֿון אייראָפּע־אישקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט דורכגעמאַכט ווי אַ שרייבער דעם משכּיליזם, אָבער דאָס איז געווען בלויז פֿון אָנהייב, שפּעטער האָט זיך פּרץ אין גאַנצן באַ־פֿרייט פֿון דעם משכּיליזם. ניט נאָר האָט ער זיך באַפֿרייט פֿון אים, נאָר ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די נייע, די מאָדערנע טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט גע־בראַכט די יידישע ליטעראַטור צוריק אַהיים, צוריק צו איר שורש.

די יידישע ליטעראַטור גייט אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט איר אייגנס. זי פֿאַרלייקנט זיך ניט. פּונקט פֿאַרקערט — זי קומט מיט איר יידישן געמיט, מיט איר יידישער פֿאָרם און מיט איר יידישן אינהאַלט.

צווישן די פֿיל אַבסורדן, וואָס זיינען די לעצטע צייט אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן פּרצן, געהערט אויך דער אַבסורד, אַז פּרץ איז ניט געווען קיין מיסטיקער.

איך פֿאַרשטיי ניט, פֿאַרוואָס האָט איינער געפֿונען פֿאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז פּרץ איז ניט קיין מיסטיקער. פּרץ איז ניט געווען אַ סך זאַכן.

פּרץ האָט זיך קיין מאָל, ניט אין שריפֿט און ניט אין וואָרט, גע־האַלטן ווי אַ מיסטיקער.

אַגב איז מיסטיק אַ ריין רעליגיעזער באַגריף; עס איז בשום אופֿן ניט קיין ליטעראַרישע קוואַליפֿיקאַציע; זאָגן, אַז דער שרייבער איז אַ מיסטיקער, אָדער ניט קיין מיסטיקער, איז ריכטיק ווי זאָגן, אַז דער אָדער יענער שרייבער איז ניט געווען קיין טענאָר, קיין פֿידל־שפּילער און קיין בעל־קריאה.

וועגן קיין שרייבער זיינען ניט געשריבן געוואָרן אַזוי פיל אָב־סורדן און אַזוי פיל ניט־געשטויגנס און ניט־געפלויגנס.

פּרץ איז געווען אַ קינסטלער, און יעדער אמתער קינסטלער איז אין אַ געוויסן זין אַ מיסטיקער. פאַרשטייט זיך, אַ מיסטיקער ניט אין דעם געוויינטלעכן רעליגיעזן זין.

פּרץ דער רעדנער איז לחלוטין ניט געווען ענלעך אויף פּרץ דעם שרייבער; פּרץ איז, ווי אַ רעדנער, געווען דורכאויס אַן אימפּראָוויזאַטאָר, אַן עקספּראָמפּט־רעדנער.

ער האָט קיין מאָל ניט צוגעגרייט קיין רעדע, ער האָט קיין מאָל ניט אָנגעשריבן קיין רעדע. אַ צוגעגרייטע רעדע, אַן אָנגעשריבענע רעדע וואָלט אים באַשרענקען און לכתחילה שטעלן אים גרענעצן און וואָלט אים געצוימט, און פאַר רעדן האָט פּרץ ניט געוואָלט און ניט געקאָנט האָבן קיין גרענעצן און צוימען.

זיינע אַ רעדע איז געווען אַ מין לאַוואַ, אַ שטראָם, וואָס איר קאָנט פאַראויס ניט באַשטימען זייער גאַנג, איר קאָנט זיי ניט אַריינגעמען אין באַשטימטע ראַמען און אַפילו ניט באַשטימען זייער כאַראַקטער און פאָרם.

זיינע אַ רעדע איז אָפט געווען אַן איבעררײַשונג פאַר אים אַליין. ווען מען פלעגט אים אַמאָל זאָגן, אַז ער האָט אין זיין רעדע געזאָגט דאָס און דאָס, האָט ער זיך אָפט געוואונדערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס — נישט מעגלעך.

ער איז ניט געווען קיין רעדנער פאַר אַלע געלעגנהייטן. נייך, ער איז געווען אַ רעדנער־דיכטער אויף ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע טעמעס.

דער עיקר איז געווען די פאָרם. דער אינהאַלט, פאַרשטייט זיך, איז אויך געווען פאַרכאַפּנדיק; אָבער איר האָט ניט געקאָנט דאָס אַרויס־געזאָגטע אָננעמען פאַר פעסטע, דורכגעטראַכטע מיינונגען, וואָס זיינען באַזירט אויף אַ באַשטימטער וועלט־אַנשויאונג.

קיין אויסגעהאַלטנקייט האָט מען ניט באַדאַרפט און ניט געקאָנט זוכן אין זיינע רעדעס.

דאָס זיינען געווען פייערווערק, בליצן, און אַלע קאַלירן פון אַ רעגנ־בויגן האָבן זיי פאַרמאָגט.

יאָ, ער איז געווען, ווי אַ רעדנער, אַ וואונדערלעכער אימפּראָוויזאַטאָר.

ער פלעגט אָפּפייערן אַ רעדע.

פאַלעמיזירן וועגן דאָס געזאָגטע האָט ער קיין מאָל קיין חשק ניט געהאַט; און האָט מען אויף אים אַרויפגעצוואונגען פאַלעמיק, האָט ער זיך געפילט ניט גוט, און ער איז טאַקע אָפט געווען אומבאַהאָלפן. ער פלעגט זיך אַרויסראַטעווען מיט זיין שאַרפזין, מיט זיין בליציקער עפּיגראַמיש־קייט, אָבער עס איז ווייט ניט געווען ענלעך אויף דער רעדע.

אין פאַלעמיק איז ער געווען שאַרף, בייז און אָפט צו־אַגרעסיוו, בעת אין זיינע רעדעס איז ער כסדר געווען ליריש, שטורמיש, פייערדיק און פאַטעטיש.

זיינע אַ רעדע איז געווען אַ ליד, און וועגן אַ ליד פאַלעמיזירט מען ניט און מען דעבאַטירט ניט; אָדער מען געניסט זי, אָדער ניט.

פון פרצעס אַ רעדע האָט איר בפירוש געהאַט אַן עסטעטישן גענוס.

זי איז אָפט געווען אויך באַלערנדיק, אָבער אַפילו דאָס באַלערנ־דיקע איז געווען דיכטעריש.

ער איז ניט געקומען מיט אַן אָנגעשטעלטן פאַטאָס; דער פאַטאָס איז געקומען בשעת דעם רעדן.

ער איז פאַר קיין פאַל ניט געווען דאָס וואָס מען רופט „לעקטאָר״; אים האָט געפעלט די סיסטעמאַטישקייט און די רואיקייט.

עס זיינען אַרויסגעקומען דאָ און דאָרט מיספאַרשטענדענישן צוליב געוויסע שטעלן אין אַ רעדע, אָדער צוליב דער גאַנצער רעדע.

די מיספאַרשטענדענישן זיינען געקומען פון דעם, וואָס זיינע אַ רעדע, אָדער געוויסע שטעלן אין זיינער אַ רעדע, האָט מען אָנגענומען ווי אַ פּרינציפּן־דערקלערונג, אָדער ווי אַ פּראָגראַם.

י. ל. פרץ, אין דער צייט פון דעם קריג, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אויף קיינעם פון די יידישע שרייבער, וואָס איך קען און האָב גע־קענט אין וואַרשע, האָט די מלחמה ניט געווירקט אַזוי דעסטרוקטיוו ווי אויף פרצן.

ער איז געבליבן אַליין, איינינקער אַליין, און זיין הויז איז געווען יתומדיק. ער איז געווען אַליין אין הויז. אין אַ זייטיקן צימער האָט געלעבט לוציאַן, אָבער לוציאַן פלעגט פאַרשווינדן פון הויז, און ווען ער איז געווען אין הויז האָט ער זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער.

אַפילו מאַדאַם פרץ איז ניט געווען לעבן אים. די מלחמה האָט איר פאַרכאַפּט אין אויסלאַנד און עס האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט ביז איר האָט זיך איינגעגעבן דורכצורייסן זיך צוריק קיין פוילן.

אויף די גאַסן האָט דער פוילישער אַנטיסעמיטיזם ווילד געבושע־וועט; ער האָט אַרויסגעשיקט פוילישע קינדער, יינגלעך און מיידלעך פון צען־פופצן יאָר, צו מסרן אויף יידן, אַז זיי זיינען שפּיאָנען.

און די רוסישע שוואַרץ־מאהניקעס, פון זייער זייט, האָבן פשוט אָרגאַניזירט געיעגן אויף „יידישע שפּיאָנען".

אין וואַרשע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידן פון שטעטלעך, וואָס זיינען ביים גרענעץ פון דייטשלאַנד. דאָס זיינען געווען ניקאָלאַי ניקאָ־לאַיעוויטשעס קרבנות; לויט זיינעם אַ באַפעל זיינען יידן פון אַלע גרענעץ־שטעט און שטעטלעך אַרויסגעשיקט געוואָרן אין 24 שעה.

דאָס ערשטע שטעטל האָט פרץ, ווי דער פאָרזיצער פון „הזמיר", אַריינגענומען אין די צימערן פון „הזמיר".

ער איז ניט אַרויס פון „הזמיר". ער האָט געקוקט אויף די אַרויס־געטריבענע יידן מיט טיפן טרויער אין זיינע גרויסע אויגן; ער האָט פרובירט שמייכלען צו די קינדערלעך, אָבער דער שמייכל איז געווען אַזאַ טרויעריקער, אַזאַ גרימאַסעדיקער, אַז די קינדערלעך פלעגן זיך דערשרעקן.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פינצטערער און אַ דערשלאָגענער.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס אַזוינס דאָ קומט פאָר.

ווי אַ פּוילישער ייד, האָט ער געהאַלטן, אַז דער גורל פון פּאָליאַקן און יידן איז אַ שותּפותדיקער, די געשיכטע האָט געוואָלט אַרומנעמען די דאָזיקע צוויי פעלקער מיט איין רייף פון איין גורל.

ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט און די דאָזיקע צוויי פעלקער וועלן עס איינזען און וועלן געבן איינס דעם אַנדערן די האַנט.

און געשען וועט עס אין אַ גרויסער עת־צרה פאַרביידן.

און אָט איז די עת־צרה, און די צוויי פעלקער גיבן ניט די האַנט איינס דעם אַנדערן; די פּאָליאַקן רודפן יידן, מסרן יידן.

די פּאָליאַקן גלויבן אין די הבטחות פון דעם רוסישן צאַר, אַז ער וועט פוילן געבן פרייהייט.

אָט די נאַרישקייט און טעמפּקייט פון די פּאָליאַקן האָט אים גע־קרענקט מער פון אַלץ.

ווי קאָן אַ פאָלק זיין אַזוי פּאָליטיש־נאַריש און טעמפּ? דעם צאַרס הבטחה איז דאָך בלויז אַ פּאָליטישער מאַנעוור, דאָס איז דאָך אַן אָפע־נער ליגן, אַן אָפענער באַטרוג.

ער פלעגט גיין ווי אַלע יאָרן אין דער גמינע, פלעגט קומען צוריק אַ צעבראָכענער; אין דער גמינע איז געשטאַנען אַ געיאָמער פון די אַרויסגעשיקטע, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. כמעט יעדע שעה פלעגט קומען אַ שטעטל, און מען האָט געמוזט דאָס שטעטל ערגעץ באַזעצן.

ניט־צוגעגרייטע, געדרודפטע און צעטומלטע, האָט די הילף פון אָנהייב געאַרבעט אָן אַ סדר, אָן אַ סיסטעם. פּאַניק און פאַרלוירנקייט האָט זיך געפילט אין אַלע יידישע קרייזן.

עס איז געווען קלאָר, אַז דער צאַריזם, וואָס האָט אָט דאָ ניט לאַנג געליטן אַ גרויסע מפּלה אויף דעם ביילים־פּראָצעס אין קיעוו, וויל איצט זיך אָפּרעכענען מיט יידן.

יידן זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר שפּיאָנען. אַלע יידן אָן אויסנאָם.

די לאָגיק איז געווען אַ פשוטע ביז גאָר: פאַרוואָס זאָלן יידן ניט זיין קיין שפּיאָנען? יידן האָבן קיין רעכט ניט ווי אַלע בירגער, יידן זיינען צונויפגעדריקט אין תחום־המושב ביז דערשטיקט צו ווערן, איז

פֿאַרוואָס זאָלן זיי ניט זיין קיין שונאים פֿון רוסלאַנד און דינען דעם שונא?

איך בין אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן געוואָרן פֿון פרצן צו עסן ביי אים, אָבער מיט אַ וואָרנונג: מער ווי אַרבעס־זופּ קאָן ער מיר ניט פֿאָרלייגן. אויב איך וויל טיילן מיט אים דעם דאָזיקן מאַלצייט קאָן איך קומען.

אין הויז איז געווען דריקנדיק, מרה־שחורהדיק.

אין פרצעס הויז האָט די מרה־שחורה פֿריער קיינמאָל קיין צוטריט ניט געהאַט.

עס איז געקומען דינעזאָן; ער איז געווען אַ דערשראָקענער און אין גאַנצן אַ פֿאַרלוירענער. ער איז עפּעס קלענער און עלטער געוואָרן אין די ערשטע עטלעכע טעג פֿון דער מלחמה.

י. דינעזאָן האָט געוואָלט אויסגעפֿינען ביי פרצן וואָס ער דענקט וועגן דער לאַגע, האָט פרץ לאַנג, לאַנג געקוקט אויף זיין פֿריינד און האָט שטיל געזאָגט:

— יאַנקל, טייערער, איך קאָן ניט דענקען; ווען איינער באַקומט מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ איז ראשית־כל הערט ער אויף צו דענקען.

די צוויי פֿריינד האָבן שווייגנדיק געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן. עס איז געווען אַזוי פֿיל ליבע און אַזוי פֿיל פֿאַרצווייפֿלונג אין זייערע בליקן, אַז איך האָב זיך געמוזט אָפּקערן פֿון זיי.

און אַוועקגייענדיק פֿון פרצן האָט דינעזאָן מיט זיינע קליינע פֿייכטע אויגן געפֿרעגט:

„וואָס זאָגט איר אויף פרצן? איך האָב מורא פֿאַר אים, און דאָ איז די פֿרוי אַפֿילו ניטאָ. איך האָב געוואָלט זיך אַריבערקלייבן צו אים, וויל ער ניט... איך האָב מורא...״

דאָס האַרץ האָט אַפּנים געזאָגט דינעזאָנען, אַז פרץ וועט ניט אויס־האַלטן די מלחמה.

ביסלעכווייז האָט זיך פרץ צוגעבונדן צו די קינדערלעך־פּליטים, וואָס האָבן געלאַכט און געשטיפֿט אין די צימערן פֿון „הזמיר״.

ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שול פֿאַר די קינדערלעך.

ער און דינעזאָן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט.

אָבער ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן צעפּעלינס אין וואַרשע, האָט דינעזאָן אָנגעהויבן טענהן, אַז פּרץ מוז אַוועקפאָרן פון וואַרשע. ער וועט אויך פאָרן. פּרצעס פרוי, וועמען עס האָט זיך ענדלעך איינגעגעבן דורכצורייסן זיך קיין פּוילן, איז אויך געווען פאַר דעם. אָבער פּרץ האָט ניט געוואָלט הערן פון דעם. ער בלייבט אין וואַרשע, ער וועט ערגעץ ניט לויפן.

און ער איז געבליבן אין וואַרשע. דינעזאָן איז געפאָרן אָן אים. אָבער ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער געקומען צוריק קיין וואַרשע, צו פּרצן.

און אין אַ פאַרטאָג, אין איינעם פון די מלחמה־טעג, איז פּרץ גע־זעסן און געשריבן אַ קינדער־ליד.

און שרייבנדיק דאָס קינדער־ליד האָט זיך זיין גרויס און וואַרעם האַרץ אָפּגעשטעלט.

עס איז געווען די גרעסטע לוויה אין וואַרשע. עס איז געווען אַ לוויה מיט קידוש־השם, ווייל צווישן צוויי שערענגען פון שונאים האָט זיך די לוויה געצויגן, צווישן שוואַרצע רוסן און נאָך מער שוואַרצע פּאָליאַקן.

מען איז געווען זיכער, אַז עס וועט פאָרקומען עפּעס שרעקלעכס, אָבער מען איז געגאַנגען און באַגלייט צו דער אייביקער רו דעם שענסטן יידן, קינסטלער און מענטשן.

מען איז געגאַנגען אויף קידוש־השם.

בלויז אין איין אָרט האָט זיך אָן אויטאָמאָביל אַריינגעריסן אין עולם און עטלעכע זיינען לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן.

גאַנץ וואַרשע, מיט אירע פּליטים, אַסימילאַטאָרן, פרומע יידן און מיט דער יידישער יוגנט האָבן באַגלייט פּרצן, דעם אומרואיקן פּרץ, צו זיין אייביקער רו.

און וואַרשע איז געבליבן אָן פּרצן.

י. ל. פרצעס דראַמען

.1

י. ל. פרצעס דראַמען זיינען געווען די דראַמע פון זיין לעבן.

איך ווייס ניט פון קיין אַנדערע דראַמען אין זיין לעבן, וואָס האָבן זיך געלייגט אַזוי שווער אויף זיין געמיט און מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי פאַרעקשנט געראַנגלט, ווי מיט זיינע געשריבענע דראַמען.

פרצן האָט געצויגן צום טעאַטער. טעאַטער האָט געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן רייץ, ווייל אַליין איז ער געווען אַ שטיק טעאַטער. ער איז געווען דורכאויס טעאַטראַליש אין לעבן און אַפילו טיילוויז אין שרייבן.

פרץ איז געווען אַליין אַ שטיק טעאַטער. דאָס האָט איר געזען אין זיין קליידונג, אין זיין אויפטריט פאַרן עולם און אין יעדער קליינקייט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אָבער עכט איז ער געווען, און דאָס איז געווען דאָס גרויסע און שיינע אין אים.

פאָזע — יאָ, אָבער עכטע, ניט געקינסטלטע, ניט געכאַלטורעוועטע און ניט קיין קליינלעכע.

פאָמפע — יאָ, אָבער עכטע, צוגעפאַסטע צום מאָמענט און אַריינגע־לעבטע אין דער סיטואַציע; ער איז געווען צו־פיל קינסטלער און צו־קלוג פאַר פוסטער, אָנגעבלאָזענער און ממילא נאַרישער פאָמפע.

טעאַטראַלער זשעסט — יאָ, אָבער עכט, מיט פייער, מיט ווירדע און מיט אמתער מאַיעסטעטישקייט.

דעקאָראַציע — יאָ, אוודאי, אָבער עכט, קיין מאָל ניט איבערגע־שריען, קיין מאָל קיין פאַלשן פאַרבן־פלעק און קיין מאָל ניט ווי אַ זאַך פאַר זיך, אַלע מאָל איז עס געווען בלויז אַ מיטל.

און דער דאָזיקער דורך־און־דורך טעאַטער־מענטש האָט זיך ניט געקאָנט אַריינרייסן אין טעאַטער.

קיין שרייבער אויף דער וועלט האָט אַזוי פיל ניט געאַרבעט אויף זיינע דראַמען ווי פרץ, קיינער האָט אַזוי פיל ניט איבערגעאַרבעט זיינע דראַמען ווי פרץ.

כמעט יעדע פרייע מינוט האָט ער אָפּגעגעבן דער איבעראַרבע־טונג פון זיינע דראַמען.

און דאָס טראַגישע איז געווען, וואָס נאָך אַלע איבעראַרבעטונגען זיינען זיי געבליבן די זעלביקע ווי ער האָט זיי אָנגעשריבן צום ערשטן מאָל. אָן אויסנאָם איז געווען בלויז „די גאָלדענע קייט״.

מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען עס צו באַווייזן אים שוואַרץ אויף ווייס.

ער פלעגט איבעראַרבעטן אַ דראַמע און פלעגט מיר בעטן זי איבערלייענען אין זיין קעגנוואַרט, האָב איך געלייענט און געלייענט און קיין תּוכיקע ענדערונגען ניט געפונען.

עס פלעגט מיך אַליין אָפּט וואונדערן, פאַר מיר אַליין פלעגט עס זיין אַ חידוש. פלעג איך נעמען דעם אַלטן טעקסט און פאַרגלייכן אים מיטן שפּאָגל־נייעם, און צו מיין איבעררעשונג איז ער געווען ווי צוויי טראָפּנס ענלעך אויף דעם איבערגעאַרבעטן טעקסט; פלעג איך אים עס באַווייזן. ער פלעגט ניט וועלן פון אָנהייב צוגעבן, אָבער באַלד פלעגט ער ביטער אַ שמייכל טאָן און צוגעבן, אַז אין תּוך איז דער טעקסט געבליבן ניט געענדערט.

ער פלעגט ענדערן בלויז ווערטער, זאַצן און סטיל. די דראַמע גופא איז געבליבן ניט געענדערט.

ער פלעגט ווערן שטאַרק אָפּהענטיק און פלעגט אַ שטיקל צייט זיך ניט צורירן צו זיינע דראַמען.

אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום פלעג איך אים זען ווידער זיצנדיק איבער זיינער אַ דראַמע.

און דער רעזולטאַט איז געווען כּסדר דער זעלביקער.

ער האָט דעם גערעַנגל ניט אויפגעגעבן זיין גאַנץ לעבן.

ער האָט פּשוט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט צוגעבן, אַז ער איז ניט קיין דראַמאַטורג; ער, דאָס ליטעראַרישע וואונדער־קינד, וואָס האָט, לויט זיין אייגענער מיינונג און לויט דער אָנגענומענער מיינונג, באַהערשט אַלע ליטעראַרישע פאָרמען, אָנהייבנדיק פון פובליציסטיק און ענדיקנדיק מיט דעם ליד, זאָל ניט קאָנען באַהערשן די דראַמאַטישע פאָרם. אמת, זי איז די שווערסטע פאָרם, אָבער עס זיינען דאָך דאָ שריי־

בער מיט וויניקער טאַלאַנט פון אים, וואָס באַהערשן אָט די שווערע פאָרם.

די אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונג, אַז פרץ האָט באַהערשט אַלע פאָרמען, נייטיקט זיך אַפנים אין אַ היפשער רעזערוואַציע, און נעמלעך — ער האָט באַהערשט אַלע ליטעראַרישע פאָרמען, אָבער ער איז אומעטום געבליבן געטריי צו זיין אייגענער פאָרם, ער איז אומעטום געבליבן פרץ. ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט גובר זיין.

דער אמת איז ווייטער, אַז פרץ האָט געהאַט אַ קורצן שרייבערישן אָטעם. ער איז געווען דער גרויסער מייסטער פון דער מיניאַטור, פון דער קורצער סקיצע, פון דעם קורצן פעליעטאָן, פון דער קורצער פאָלקסטימלעכער געשיכטע.

„מאָניש" און „די גאָלדענע קייט" זיינען די לענגסטע ווערק זיינע. אָבער אין דער לאַנגקייט פון „מאָניש" איז דאָ קורצקייט. וועגן „די גאָלדענע קייט" וועט אונדז אויסקומען אָפּצושטעלן זיך אויספירלעך ווייטער.

אָבער מען דאַרף צוגעבן, אַז „מאָניש" איז דאָס באַרעדעוודיקסטע ווערק זיינס.

י. ל. פרץ האָט קיין מאָל ניט פּרובירט שרייבן אַ ראָמאַן, אַ לענ־גערע נאָוועלע, אַ צווייטן „מאָניש" און סתם ווערק פון אַ גרעסערן פאָרנעם.

זיין כוח איז באַשטאַנען אין דער קורצער, אימפּעטיקער און אַפאָ־ריזמאַרטיקער סקיצע. קורצקייט איז געווען זיין עלעמענט. האָט ער געקאָנט פאַרבייטן ווערטער אויף פינטעלעך, איז ער געווען צופרידן; האָט ער געקאָנט דעם זאַץ אַזוי קירצן, אַזוי קאָנדענסירן, אַז ער זאָל זיין קבלהדיק פאַרשטעלט און טונקל, איז ער געווען גליקלעך.

י. ל. פרץ האָט געבליצט, קיין מאָל ניט געדונערט. אַ בליץ איז אין אַ הונדערטל פון אַ סעקונדע פאַרטיק; די קייקלעניש פון דונער, פון זיינע איבערגאַנגען און הפסקות האָט ער ניט סובל געווען.

און האָט ער געשריבן עטלעכע לענגערע זאַכן, זיינען זיי געווען צעפאָרצלט, צעברעקלט אין קורצינקע קאַפּיטעלעך, וואָס איטלעכס איז געווען אַ זאַך פאַר זיך.

און ער אַליין האָט עס געוואוסט.

פּרץ האָט אַמאָל באַשטעלט ביי מיר אַן אַרטיקל וועגן יעקב גאָרדין פאַר זיין צווייטן זאַמלבוך „יידיש״. ווען איך האָב אים געבראַכט דעם אַרטיקל האָט ער תּיכּף אים דורכגעלייענט, האָט מסכּים געווען מיט מיין אָפּשאַצונג, אָבער האַלטנדיק מיין מאַנוסקריפּט אין זיינע הענט און בלעטערנדיק אים האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך וואָלט קיין מאָל ניט געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ לאַנגן אַרטיקל. ווען איך שרייב אַן צען זייטלעך דוכט זיך מיר, אַז די טעמע איז דער־טרונקען געוואָרן אין ווערטער, מען זעט זי ניט, מען פילט זי ניט; איך בין מקנא די וואָס קאָנען אָנשרייבן אַ לענגערע זאַך.

און דאָס מערקווירדיקסטע איז, האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין, וואָס איך האָב דווקא ליב לייענען ראָמאַנען ווי טאָלסטאָיס, ווי זאָלאַס, ווי פלאָבערס, און גרויסע פילאָזאָפישע ווערק.

דער קורץ־שרייבער י. ל. פּרץ האָט פּשוט ניט געקאָנט גובר זיין די דראַמאַטישע פאָרם צוליב איר לאַנגקייט.

אַ דראַמע איז אַ גרויסער ראָמאַן דיאַלאָגיזירט, סצעניזירט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אויפן חסד פון די פּערזאָנען אַליין; ער, דער מחבר, שטעלט זיך אַוועק אַן אַ זייט.

אַ דראַמע איז אַ קאָנדענסירטער ראָמאַן, אָדער אַ קאָנדענסירטע נאָוועלע. איר קאָנט פון אַ גאַר גרויסן ראָמאַן מאַכן אַ פיר־אַקטיקע, אָדער דריי־אַקטיקע פּיעסע; איר קאָנט פון אַ פּיעסע מאַכן אַ צוויי־בענדיקן ראָמאַן, אָדער נאָוועלע.

איך האָב עס אים אַמאָל געזאָגט, האָט ער זיך צוגעהערט, און אַפילו פאַרטראַכט זיך, אָבער עס האָט קיין קענטיקע ווירקונג אויף אים ניט געמאַכט.

ער איז געווען ממש באַנומען פון דער לײדנשאַפט גובר צו זיין די דראַמאַטישע פאָרם.

און ער האָט זי קיין מאָל ניט גובר געווען, ווייל די דראַמאַטישע פאָרם איז פּשוט ניט געווען זיין זשאַנר, לחלוטין ניט. ער איז געווען בטבע אַ קורץ־שרייבער. דאָ, אין דעם קיצור, אין דעם בליץ און אין

דעם אַפּאָריזם, איז געלעגן זיין גרויסער טאַלאַנט, און זיין טאַלאַנט האָט זיך פּשוט ניט געלאָזן פאַרגוואַלטיקן.

איז די דראַמע געווען זיין פּערזענלעכע דראַמע צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד.

2.

„אַמאָל איז געווען אַ מלך"

ער האָט זיך געראַנגלט און געראַנגלט און איז באַזיגט געוואָרן, אָבער ער האָט עס קיין מאָל ניט געוואָלט צוגעבן.

י. ל. פּרץ האָט 24 סצענישע ווערק. אַ טייל זיינען בלויז דיאַלאָגן אָן וועלכן עס איז דראַמאַטישן אינהאַלט, אַ טייל זיינען קליינע סצענעס, אָדער בילדלעך, און די איבעריקע זיינען סצענישע ווערק, צווישן זיי דריי פולע דראַמעס: „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מארק". איין דראַמע, „וואָס אין פידעלע שטעקט", איז ניט קיין מיניאַטור־דראַמע און ניט קיין פולע דראַמע. זי שטייט צווישן אַן איינאַקטער און אַ פולער דראַמע.

ווי אַ באַוויז פאַר מיין אויבן־אַרויסגעזאָגטער מיינונג וועגן י. ל. פּרצעס שרייבערישער קורצאָטעמקייט, אָדער אַז פּרץ איז געווען בלויז דער מייסטער פון דער קורצער סקיצע, קאָן דינען דאָס, וואָס פּרצעס קליינע דראַמען, אָדער איינאַקטערס, זיינען אמתע און עכטע קליינע סצענישע ווערק. ער האָט אין קיצור דווקא געפילט זיך פריי, ניט געפּענטעט און האָט דאָ גובר געווען די דראַמאַטישע פאָרם.

די קליינע דראַמע, די איינאַקטיקע דראַמע קאָן פאַרגליכן ווערן צו דער סקיצע. זי איז פון דער זעלביקער גרויט און פון דער זעלביקער אימפּעטיקייט און פון דער זעלביקער סקיצנהאַפטיקייט.

די איינאַקטיקע דראַמע איז ממש געווען צוגעמאָסטן צו פּרצעס שרייבערישער קורצאָטעמקייט.

די איינאַקטיקע דראַמע גיט אַ קליינעם עפּיזאָד. ער אַנטוויקלט זיך ניט, דער קאָנפליקט און די אויפלייזונג קומען מיט גרויסן אימפּעט איינער נאָכן אַנדערן.

דאָ האָט איר כמעט די טעכניק פון דער סקיצע.

אין די קלענערע פּיעסן פּרצעס איז דאָ דער פּרץ פון דער סקיצע מיט זיין אַפאָריזמאַרטיקן מאַניר; די מענטשן רעדן קורץ, מיט אָפּ־געהאַקטע זאַצן; די קליינע פּיעסן זיינען פול מיט פּינטעלעך, ווי די סקיצע זיינען.

ער פאַרגעסט, אַז אויף דער סצענע קאָן מען ניט רעדן מיט פּינ־טעלעך. פּינטעלעך זיינען ניט קיין לשון פאַר דער סצענע.

אַמאָל פאַרגעסט ער און לייגט אַריין אַ שאַרפן אַפאָריזם אַן אַר־בעטער־מיידל אין מויל, אַן אַפאָריזם, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט חכמה, און זאָגן דאַרף עס זאָגן אַ מענטש מיט הויכער קולטור און פון זעלבסטשטענדיקן דענקען.

אַט, למשל, גיט זיך אַ זאָג אַן אַרבעטערין אין דער איינאַקטיקער פּיעסע „אַמאָל איז געווען אַ מלך״:

— נו, נו, צדקה, אַ פּלאַסטער אויף אַ הילצערנעם פוס...

דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצן. אַנשטאָט צו געבן דער אַר־בעטערין עטלעכע ווערטער, וואָס זאָלן זי כאַראַקטעריזירן ווי אַ מענטש און ווי אַן אַרבעטערין, האָט ער איר געגעבן אין מויל אַריין אַ זייער פיינעם און אַ זייער ראַפינירטן אַפאָריזם, אַן אַפאָריזם, וואָס פּאַסט זיך אפשר גאָר ניט פאַר איר אין גאַנצן. איך זאָג „אפשר״, ווייל מיר זעען זי ניט און מיר ווייסן ניט ווער זי איז. עס קאָן זיין, אַז זי איז אַ זייער אַנטוויקלטע אַרבעטערין און דער אַפאָריזם פּאַסט זיך פאַר איר; עס קאָן אָבער אויך זיין פאַרקערט.

יעדע שורה האָט פּינטעלעך, דער דיאַלאָג איז פול מיט פּינטעלעך, און די פּינטעלעך זיינען ניט קיין איבעריקע, ווייל זיי פילן אויס די ניט־דערזאָגטקייט, די קורצקייט און די קאַרגקייט פון ווערטער.

אָבער „אַמאָל איז געווען אַ מלך״ איז דאָך אַ פּיעסע. עס איז דאָ אין איר דראַמאַטישקייט, עס זיינען דאָ מענטשן, עס איז דאָ די צייט, עס איז דאָ אַ קאָנפליקט און אַן אָנצוהערעניש אויף אויפלייזונג.

די דראַמע איז אַ ביסל אַ טשיקאַווע. זי איז ניט ענלעך אויף די אַנ־דערע פּרצעס דראַמען: עס איז די אומרואיקע, רעוואָלוציאָנערע צייט אין רוסלאַנד; פּוילן איז דאַן רוסלאַנד און די פּוילישע יידישע אַרבעטער לעבן דורך אויף זייער שטייגער די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע.

די קורצע דראַמע קומט פֿאָר אין אַן אָרעמען שוסטער־וואַרשטאַט; דער בעל־הבית האָט שוין פֿאַרזעצט דאָס לעצטע שטיקל צירונג דער ווייבס; דאָס טאָכטערל, דאָס צעפּעסטעטע טאָכטערל, לערנט זיך בשתיקה זאָקן־שטיקערייַ, כּדי צו העלפֿן דעם אָרעמען פֿאָטער, דעם בעל־הבית פֿון דעם שוסטער־וואַרשטאַט.

קומט אַריין אין וואַרשטאַט אַ שליח פֿון צ. ק. און דערקלערט אַ סטרייק אין דעם אומגליקלעכן שוסטער־וואַרשטאַט.

אַרבעט אָבער דאָרט אַ יונגער אַרבעטער, וואָס איז פֿאַרליבט אין דעם בעל־הביתס טאָכטערל, פֿאַלט אים איין אַזאַ פֿאַרטעל — ער וועט חתונה האָבן מיטן בעל־הביתס מיידל, ער וועט ווערן אַן אייִדים, דאָס הייסט, אַ שותּף אין וואַרשטאַט, און ער וועט קאָנען אַרבעטן. דער סטרייק איז דאָך חל בלויז אויף די געדונגענע אַרבעטער, ניט אויף שותּפים און ניט אויף משפּחה...

אָבער דאָס גייט ניט; עס קומט דער שליח פֿון צ. ק., עס הערט זיך אַ שאָס...

עס איז שוין דאָ אַ קינד אין שטוב, אָבער דאָס טאָכטערל פֿון דעם אָמאָליקן בעל־הבית איז מיט די אַרבעטער. זי האָט חתונה געהאַט כּדי צו ראַטעווען דעם פֿאָטער פֿון די אַרבעטער. אָבער זי איז לייכטזיניק. זי האָט דאָס ערשטע געטאָן אויס לייכטזין, און איצט גייט זי אַוועק אויף אַ דעמאָנסטראַציע מיט די אַרבעטער, אָדער מיטן אָנפֿירער פֿון די אַרבעטער, און לאָזט דעם מאַן וויגן דאָס קינד.

און דער מאַן וויגט דאָס קינד און זינגט דאָס פֿאָלקס־לידל, וואָס זיין פֿרוי זינגט:

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
האָט ער געהאַט אַ מלכּה —
האָבן זיי געהאַט אַ ווייַנגאָרטן,
האָט געוואַקסן דאָרט אַ רויז —

דאָס איז גיכער אַ בילדל, אַן עפּיזאָד אַרויסגעכאַפּט פֿון אַ צעבוי־טעטער וועלט. דער עפּיזאָד איז געבליבן אַן עפּיזאָד, ער האָט דאָ ניט קיין המשך ניט פֿון דעם נעכטן פֿון די מענטשן און ניט פֿון דעם מאָרגן פֿון די מענטשן.

דערצו שפּילט זיך דאָ אָפּ אַ קליינע דראַמע באַזונדער. גבריאל, דער שליח פון צ. ק., וואָס אָרגאַניזירט דעם סטרייק אין דעם אָרעמען שוסטער־וואַרשטאַט, ווערט אָפּגעגט פון זיין פרוי. עס איז דאָ אַ רמז, אַז דעם בעל־הביתס טאָכטערל, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַר־בעטער, האָט גאָר ליב דעם אָרגאַניזאַטאָר פון סטרייק און לויפט מיט אים און מיט די אַרבעטער אויף אַ דעמאָנסטראַציע, איבערלאָזנדיק דעם מאַן דאָס פאַרשמאַכטע קינד אין דער היים.

דאָס אַלץ איז ניט קלאָר, ניט בולט, ניט דערזאָגט. אויף דער ליבע פון בעל־הביתס טאָכטערל דאַרף מען זיך אָנשטויסן. זי איז בלויז אָנ־געוואונקען און מיט איין־איינציק וואָרט; ווען מען זאָל עס וועלן אויפ־פירן, וועט מען עס מוזן אויספילן, מען וועט מוזן דאָ און דאָרט פאַר־בייטן פינטעלעך אויף ווערטער.

אָבער אַ בילד איז דאָ, און אַ קלאָר בילד, כאָטש עס איז ניט ניי און אָריגינעל. דאָס זיינען אַבסורדן פון רעוואָלוציע, וועלכע מען קאָן ניט אויסמיידן, און דאָס אַפּנים איז געווען פּרצעס כוונה.

דאָ האָבן מיר מיט אַ היפּש ביסל פגימות (און די פגימות שטאַמען אַלע פון פּרצעס שרייבערישן מאַניר) אַ מער אָדער ווייניקער קלאָר בילדל פון דער צייט פון דער ערשטער רעוואָלוציע.

עס איז אייגנטלעך גאָר קיין קאָנפליקט דאָ ניטאָ, און עס איז דע־ריבעו אויך ניטאָ קיין אויפלייזונג, דאָס הייסט, עס איז קיין דראַמע ניטאָ.

ווען מיר זאָלן אָננעמען די דערקלערונג פון סטרייק פאַרן קאָנ־פליקט, און קיין אַנדערן קאָנפליקט קאָן מען דאָ ניט אָנטאַפּן, האָט זיך דער קאָנפליקט, וואָס איז געקומען ביי דעם סאַמע אָנהייב פון דעם איינאַקטער, ניט אַנטוויקלט צו אַ דראַמאַטישן קלימאַקס און פאַר־ענדיקט זיך מיט אַ גאָר זייטיקן, מיט דער דראַמע גופא קיין שום שייכות ניט האָבנדיקן, אינצידענט.

דער הויפּט־חסרון אָבער איז, וואָס די טעמע איז אַ צייטווייליקע. עס איז אַ טעמע, וואָס איז ענלעך אויף אַ בלעזל. זי פּלאַצט איידער מען באַוויזט צו באַטראַכטן זי, צו אָריענטירן זיך אין איר; זי איז בלויז אַ שפּליטער פון אַ גרויסער טעמע.

דאָ איז די רעוואָלוציע גופא ניט אַנגערירט געוואָרן, די גרויסע דראַמאַטישקייט פון דער רעוואָלוציע איז דאָ ניטאָ. ניטאָ אַפילו די גרויסע טראַגישקייט פון רעוואָלוציע. עס איז בלויז אַרויסגעצופּט איין אַבסורד, אַ סטרייק אין אַ וואַרשטאַט, וואָס דער בעל־הבית הונגערט ווי די אַרבעטער.

אָבער אין דעם באַשרענקטן שטח פון אַן איינאַקטער פילט זיך פּרץ ווי אין דערהיים. ער קאָן דאָ זיין קורץ, ער קאָן אָפּערירן מיט פּינטעלעך, מיט ניט־דערזאָגטקייט און מיט בליציקייט.

3.

„וואָס אין פּידעלע שטעקט"

אַ פּולערע סצענישע קרעאַציע איז פּרצעס „וואָס אין פּידעלע שטעקט".

דאָ האָבן מיר די אייביקע טראַגעדיע פון דעם קינסטלער, פון דעם אייביק ניט פאַרשטאַנענעם קינסטלער, ביז גאָר שאַרף אַרויסגעבראַכט.

דאָ האָבן מיר אַ פאָלקס־קינסטלער, אַ כּלי־זמר. דער פאָלקס־קינסטלער לעבט אין אַ פרעמדער סביבה, ער לעבט קעגן זיין ווילן אַ בירגערלעך לעבן צווישן קליינבירגער, ער איז זיי אַן אייגענער און אַ ווילד־פרעמדער, ער איז שרעקלעך איינזאַם אין זיין וועלטל, ער בענקט, ער זוכט, און די וועלט אַרום אים קוועטשט מיט די פּלייצעס, האָט טענות צו אים, מאַכט אים דאָס לעבן ביטערער און אומדערטרעגלעכער.

יואל דער כּלי־זמר, אַן אמת קינסטלערישע נאַטור, ווערט אויסערסט גוט כאַראַקטעריזירט אין דער קליינער דראַמע; איר האָט די סביבה זיינע, וואָס שטרייכט נאָך אונטער שטאַרקער זיין באַזונדערקייט. יואל איז אפשר דער איינציקער לעבעדיקער מענטש אין אַלע דראַמעס פּרצעס און די איינציקע עכט־דראַמאַטישע פּערזאָן.

יואל איז אַ לעבעדיקער מענטש. זיינע ליידן זיינען עכטע און זיינע קאָנפליקטן מיט דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, זיינען עכטע. דאָ שטייט אַ דראַמאַטישער כאַראַקטער אין שאַרפן קאָנפליקט מיט דער מאָראַל פון דער וועלט, אין וועלכער ער מוז לעבן.

האָט איר דאָ עכטע און פולע דראַמאַטישקייט.

דער קאָנפֿליקט האָט זיך, אמת, ניט אָנגעהויבן אין דער קורצער דראַמע. נײַן, יואל איז שוין אַלט 45—50 יאָר, ער שיכּורט שוין אויס פֿאַרצווייפֿלונג, דאָס הייסט דער קאָנפֿליקט איז אַן אַלטער, אַ כראָנישער. דאָ זעען מיר די לעצטע פֿאַזע פֿון קאָנפֿליקט, דאָ האָבן מיר, אַזוי צו זאָגן, יואלן ווי דעם קרבן פֿון קאָנפֿליקט.

יואל ראַנגלט זיך נאָך, אָבער עס איז די לעצטע ראַנגלעניש. ער איז שוין באַזיגט, ער איז שוין דער קרבן; אין דער דראַמע האָבן מיר פֿול בלויז די אויפֿלייזונג.

די אויפֿלייזונג איז אַן אַלט־מאָדישע, אָבער אין דעם פֿאַל אַן עכטע.

יואל שטאַרבט. ער שטאַרבט פֿון דעם לעצטן אויפֿברויז זײַנעם.

פֿריער פּלאַצט די פֿידל, וואָס ער שליידערט צו די פֿיס פֿון דער „שוואַרצער פּעשע״, און דערנאָך שטאַרבט ער.

ער שטאַרבט ווי ער האָט געלעבט. זײַן טויט קומט מיט אַ שטורעם פֿון אומרו.

מיר האָבן דאָ דעם לעצטן אויפֿברויז פֿון דעם אומגליקלעכן קינסטלער, די לעצטע און אומגליקלעכסטע ליבע מיט „דער שוואַרצער פּעשע״, וואָס קומט פֿון אַ גרויסער שטאָט.

פּעשע איז יונג, גרויס־שטאָטיש און צעריסן פֿון שטימונגען.

און אויף אַ חתונה, וואו פּעשע באַגעגנט זיך מיטן פֿאָלקס־קינסטלער, באַקומט יואל דעם לעצטן פּסק זײַנעם — די שוואַרצע פּעשע איז די כּלה; זי איז די כּלה פֿון אַן אַלטן בחור און אויף איר חתונה דאַרף ער עס שפּילן מיט זײַן קאַפּעליע.

און פּעשע, די כּלה, זאָגט אים בײַז:

„שפּיל, קלעזמער, שפּיל, אויב אַ גוטער פֿרײַנד! עס איז דאָך מײַן חתונה היינט. שפּיל! אַ שמחה בײַ מיר און מײַן מאַן... עפּעס פֿריילעכס שפּילן! לעבעדיקס, שוימענדיקס, ווי דער ווײַן, ווי דאָס גליק, ווי די ליבע״.

יואל וואַרפֿט איר זײַן פֿידל צו די פֿיס. די פֿידל פּלאַצט.

עס איז אַביסל מעלאָדראַמאַטיש, עס איז אַביסל צו־מליצהדיק, אָבער די מעלאָדראַמאַטישקייט וואַקסט אַרויס פֿון דער דראַמע גופֿא און די מליצה פּאַסט פֿאַרן פֿאָלקס־קינסטלער.

דער לעצטער אַקט: יואל איז קראַנק, די קאַפּעליע צעפֿאַלט. זי איז געבליבן אָן אַ קאָפּ, מורמלען די קינדער. די פּרנסה איז געשלאָגן, און חברה בנים קריגן זיך שוין וועגן דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער קאַפּעליע.

פֿאַרן טויט בעט זיך יואל איבער מיט זיין פֿרוי, אָן אַמאָליקע שיינ־הייט; און מיטן רבונו־של־עולם וויל ער שלום מאַכן:

„זיי אויף מיין אָרעמער נשמה ניט בייז, נעם זי אויף ווי אַ באַרעמ־האַרציקער פֿאָטער זיין פֿאַרבלאָנדזשעט קינד...״

אָבער אין סאַמע מיטן ווידוי דערזעט ער „די שוואַרצע פּעשע״. זי וויל אַריינגיין צו אים און גייט ניט אַריין, און ער שרייט אויס:

„פּעשע!״

פֿריער האָט די פֿידל געפּלאַצט און איצט — דאָס האַרץ פֿון קינסטלער...

„וואָס אין פֿידעלע שטעקט״ איז אַ דראַמע אין דריי אַקטן. אַזוי איז זי געטיילט, אָבער אין עצם איז זי קוים אַן איינאַקטיקע פּיעסע. זי איז קליין, זי האָט אין גאַנצן וועלכע 24 זייטלעך, און די צימצומדיקייט פֿון דיאַלאָג, די באַוואוסטע פּרצעס צימצומדיקייט, מאַכט זי נאָך קלענער און איינגעשרומפּענער.

די אַקטן זיינען פֿינף־צען מינוטיקע.

אין די שפּעטערדיקע דראַמען וויל ער דאָס גובר זיין, אָבער ער איז דאָס גובר מיט אַ לאַנגן קיצור, מיט לאַנגער מיניאַטורישקייט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

„וואָס אין פֿידעלע שטעקט״ איז מיט אַלע הינטערשטעליקייטן די בעסטע גרעסערע רעאַליסטישע דראַמע, וואָס פּרץ האָט געשריבן.

דאָ זיינען די מענטשן גוט כאַראַקטעריזירט. זיי זיינען ניט קיין לויטער סימבאָלן, נאָר לעבעדיקע מענטשן, מענטשן מיט בלוט און פֿלייש; אַ סימבאָל איז בלויז די שוואַרצע פּעשע. און דאָ זעט איר פּרצעס ליטעראַרישע חכמה. פּעשע דאַרף דאָ זיין בלויז אַ סימבאָל, די לעצטע ליבע פֿון אַן אומגליקלעכן קינסטלער איז זי. זי באַווייזט זיך ווי עפּעס ניט־רעאַלס, ווי עפּעס ניט־ווירקלעכס. עס איז דאָ אין דער לעצטער ליבע פֿון קינסטלער צו דער „שוואַרצער פּעשע״ עפּעס מלאך־המוותדיקס.

„די שוואַרצע פעשע״ פאַרענדיקט זיין בענקענדיק, זוכנדיק לעבן. זי דאַרף זיין די לעצטע פרייד, זי איז אָבער דער לעצטער פלאַם פון זיין לעבן.

גוט כאַראַקטעריזירט איז אויך יואלס פרוי מירל, די אַמאַליקע שיינהייט, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַרן פאָלקס־קינסטלער.

אָט ווי מירל רעדט וועגן דער „שוואַרצער פעשע״:

„אַ בעטלערין איז זי! אַן אָרעמע בעטלערין, די אָרעמסטע בעטלערין! פון זיין ליבן נאָמען האָט זי אַ מתנה — שיינקייט באַקומען... אַ געפּרווירענע נשמה האָט ער איר געגעבן... אַ שטיק מאַרמאָר. שלענדערט זי זיך אַרום אויף דער וועלט... זוכט ליכט, זוכט וואַרעמקייט... און וואו זי טרעפט אַ מענטש מיט אַ ליכטיקער נשמה, מיט אַ וואַרעם האַרץ, שטעלט זי אויס די האַנט און בעטלט און סקאַמלעט: אַ פונק, אַ פונק!...״

עס איז אַביסל צו־שטאַרק און צו־טיף פאַר מירלען, אָבער פּרץ האָט עס געמאַכט פאָלקסטימלעך ווי נאָר מעגלעך; אפשר ניט גענוג פאָלקסטימלעך פאַר מירלען, אָבער גענוג שיין פאַר דער פרוי פון דעם פאָלקס־קינסטלער.

ווי געזאָגט, האָט איר אויך אין דער דאָזיקער בעסטער דראַמע פּרצעס קורצקייט. ער קאָן זי ניט גובר זיין.

און דאָס מאַכט די דראַמע „וואָס אין פידעלע שטעקט״ שווער צום אויפפירן. זי איז ניט גענוג פאַר אַ גאַנצער פאָרשטעלונג. זי איז קוים גענוג פאַר אַ האַלבער פאָרשטעלונג.

דאָ זעען מיר נאָכאַמאָל קלאָר און דייטלעך וואו עס ליגט פּרצעס אָנמעכטיקייט אין דער דראַמע.

קלאָר איז אָבער, אַז פּרץ האָט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ היפשן מהלך פון דער דראַמע „אַמאָל איז געווען אַ מלך״ ביז „וואָס אין פידעלע שטעקט״. די צווייטע דראַמע זיינע איז אַ דראַמע, זי האָט אַלע אַטריבוטן פון אַ דראַמע.

און ווען ניט דער קורצער שרייבערישער אָטעם פּרצעס וואָלטן מיר געהאַט ממש אַ פּערל אין אונדזער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

די דראַמאַטישע פּליגלען זיינען געווען ביי פּרצן אונטערגעהאַקט. ער האָט געקאָנט זיך אַ הייב טאָן הויך, אָבער ניט פּליען ווייט; ער האָט געקאָנט אַ פלאַטער טאָן אין די הויכקייטן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט לאַנג האַלטן זיך דאָרט...

אין „וואָס אין פידעלע שטעקט״ זעט מען עס ביז גאָר קלאָר און ביז גאָר דייטלעך.

דער דיאַלאָג האָט לייכט געקאָנט אויסגעפּילט ווערן, די קורצע סצענעס האָבן געקאָנט לייכט פאַרגרעסערט ווערן, אָבער דער קורצער שרייבערישער אָטעם פּרצעס האָט עס ניט דערלאָזן.

דאָ האָבן מיר אַ גאָר פיין און גאָר שאַרף בילד פון אַ חתונה, איז אָבער ווידער — דאָס בילד איז צו־קורץ, אַזוי קורץ, אַז די כאַראַקטערן זיינען בלויז סקיצירט, בלויז אַ שטריך דאָ און אַ שטריך דאָרט.

קיצור איז געווען פּרצעס גרויסקייט, אָבער אויך זיין גרויסע היג־טערשטעליקייט.

4.

„די גאָלדענע קייט״

איינע פון די גרעסטע דראַמאַטישע פּאָעמעס אין אונדזער ליטע־ראַטור, אויב ניט די סאַמע גרעסטע, איז „די גאָלדענע קייט״.

„די גאָלדענע קייט״ איז פיל מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן פון י. ל. פּרצן, אָבער אין דעם פאַל גראָד מיט גרויסן דערפאָלג; די דאָ־זיקע פּאָעמע איז ממש אויסגעוואַקסן מיט יעדער באַאַרבעטונג, ביז זי האָט דערגרייכט די גרויסקייט, וואָס מיר האָבן פאַר זיך.

„די גאָלדענע קייט״ האָט, ווי געזאָגט, געהאַט עטלעכע גילגולים, אָדער באַאַרבעטונגען.

זי איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אין העברעאיש אין געווייגט־לעכער פּראָזע און האָט געהייסן „חורבן בית צדיק״. זי איז געדרוקט געוואָרן אין „השלוח״. שפּעטער איז זי איבערגעאַרבעט געוואָרן אין יידיש און האָט געהייסן „דער נסיון״, אויך אין פּראָזע. די יידישע באַ־אַרבעטונג האָט געהאַט אירע גילגולים, אָדער באַאַרבעטונגען, ביז זי האָט באַקומען איר לעצטע פאָרם ווי אַ דראַמאַטישע פּאָעמע.

ה. ד. נאָמבערג דערציילט, אַז די באַאַרבעטונג ווי אַ דראַמאַטישע פּאָעמע איז פאָרגעקומען ממש אויף זיינע אויגן; ער איז געפאָרן מיט פּרצן פון וואַרשע קיין פּלאָצק אויף אַ שיף. עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. ער און פּרץ זיינען געפאָרן אויף אַ פאַרלעזונג אין פּלאָצק. פּרץ איז געזעסן אויפן דעק און האָט געהאַט פאַר זיך אויף אַ טישל צוואָרפענע בלעטער פון דעם פּראָזאאישן גילגול, וואָס האָט געהייסן „דער נסיון״. און ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּלאָצק, דערציילט ווייטער ה. ד. נאָמבערג, אַ נסיעה, וואָס האָט געדויערט לערך זעקס שעה, איז די פּאָעטישע פאָרם פון דעם ניי־באַאַרבעטן „נסיון״ געווען פאַר־טיק, און זי האָט געהייסן „די גאָלדענע קייט״.

באַקאַנט זיינען גאַנצע פינף וואַריאַנטן פון „די גאָלדענע קייט״. דער צווייטער וואַריאַנט אין יידיש, וואָס האָט געהייסן „דער נסיון״, איז ניט דערגאַנגען צו אונדז. ער איז געשפּילט געוואָרן און איז אַפּנים פאַרפאַלן געוואָרן אין די פאַרוואָרלאָזטע „אַרכיוון״ פון יידישן טעאַטער.

דער צווייטער וואַריאַנט אין יידיש מיטן נאָמען „דער נסיון״ איז ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן. אַפּנים, אַז ער איז פּרצן ניט געווען צום האַרצן, באַזונדערס נאָכן דורכפאַל אויף דער יידישער סצענע, וועלכן ער האָט דורכגעלעבט.

„דער נסיון״ איז אַ באַאַרבעטונג פון דעם העברעאישן „חורבן בית צדיק״, אָבער לויט די עדות פון בעל־מחשבות איז „דער נסיון״ לחלוטין ניט ענלעך אויף „חורבן בית צדיק״. ראשית, איז דער ערשטער אַקט פון „דער נסיון״ גאָר אַן אַנדערער, האָט קיין שום ענלעכקייט ניט אויפן ערשטן אַקט פון „חורבן בית צדיק״; געמיינזאַמס האָבן בלויז די איבעריקע דריי אַקטן, אָבער עס איז דאָ אַ היפּשער חילוק אַפילו אין די דריי יידישע אַקטן; עס איז דאָ אַ חילוק אין דעם בוי פון דער פּיעסע און אין דער האַנדלונג פון עטלעכע פּערזאָנען.

אָבער די ווייטערע באַאַרבעטונגען זיינען ניט געווען בלויז וואָס איז שייך דער פאָרם — דער גאַנצער אינהאַלט האָט דורכגעמאַכט עטלעכע גילגולים.

סיי אין דעם העברעאישן „חורבן בית צדיק״ און סיי אין דעם יידישן „דער נסיון״ איז די שטעלונג צום צדיקיזם געווען אַ דורכאויס

נעגאַטיווע. די גאַנצע דראַמע איז געשריבן אין דעם גייסט פֿון דער דעמאַסקירנדיקער דראַמע, פֿון דער דראַמע, וואָס דעקט־אויף, וואָס דעמאַסקירט, וואָס רייסט אַראָפּ דעם דעקטוך.

אַזוי, למשל, ווערט די שבת־יום־טובדיקע נשמה יתירהדיקייט, וואָס איז די גאַנצע שיינקייט פֿון „די גאָלדענע קייט", שאַרף אַרונטערגעריסן סיי אין דעם העברעאישן „חורבן בית צדיק" און סיי אין דעם יידישן „נסיון".

דער לעצטער וואַריאַנט, „די גאָלדענע קייט", איז דורכאויס אַ פּאַטעטישע דראַמע. די שבת־יום־טובדיקע נשמה יתירהדיקייט ווערט דערהויבן צו אַ גרויסן סימבאָל, צו אַ סימבאָל פֿון אַ שיינער וועלט, פֿון אַ וועלט, וואָס איז כולה שבת און יום־טוב, אַ גליקלעכער וועלט, אין וועלכער די וואָך קוקט ניט אַריין מיט איר וואָכעדיקער האָוועניש און שמאַיעניש. עס איז אַ קאַמף פֿאַר אַ שענערער וועלט, אַ וועלט פֿאַר לויטער גרויסע יידן, פֿאַר שבתדיקע און יום־טובדיקע יידן, אַ וועלט פֿאַר שטאָלצע יידן.

דער העלד פֿון דער דראַמע איז דער אַלטער צדיק ר' שלמה.

ר' שלמה זעט מיט זיינע אויגן דעם אונטערגאַנג פֿון חסידות. ער זעט עס ביי זיך אין הויז און ער זעט עס אין זיין וועלט. אָט ווי ר' שלמה זעט די וועלט אַרום אים:

עולם...
דער עולם...
צוויי... דריי... פֿיר...
פֿינף מנינים קליינע...
קליינע יידעלעך...
אויסגעמאָגערטע,
איינגעשרומפּענע
יידעלעך...
איינגעהויקערטע קומען,
קלאַפּן ביים צדיק אָן.

(פּויזע)

געפּרוירענע נשמהלעך,
הערצעלעך...
צום נר תמיד קומען זיי,
שטעלן אויס די הענטעלעך;
אַ פּונק, אַ פּונק,
אַ נדבהלע,
אַ מופתל...
אַ נס, אַ וואונק פון יענער זייט;
און יעדעס וויל פאַר זיך,
פאַר זיך,
פאַר אייגן ווייב און קינד,
פאַר אייגן הויזגעזינד.
(פּויזע)
און דאָ — צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַריין,
אַ וועלט!
אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
אין שוואַרצן איינגעהילט,
די נשמה פון דער וועלט —
די שכינה ברומט,
וויינט, טרויערט,
און ס׳צאַפּלט,
אין אייגענעם בלוט פאַרטרונקען,
ס׳האַרץ פון דער וועלט!
אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן — — —
די וועלט!
— — — — — — — —
שבת זאָל זיין, שבת! —
מיט צוואַנגען האַלט איך שבת איין!

ניט געפּסקנט, ניט געשטראָפֿט.

— — — — — — — — —

שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פֿאַרריכט...
נישט געהאַנדלט, נישט געוואַנדלט.

— — — — — — — — —

חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר —
מיר שבתדיקע,
מיר יום־טובדיקע,
מיר נשמה־יתירהדיקע יידן
וועלן איבער אירע חורבות גיין...

דאָ האָט איר ר׳ שלמהן.

ער איז איינער פֿון די העלדן אין די פֿיל חסידישע מעשהלעך, איינער פֿון די וואָס האָבן געוואָלט דוחק זיין דעם קץ, ברענגען די גאולה מיט גוואַלד.

אָבער ביי פּרצן איז ער אַרויס גאָר אַן אַנדערער. ער איז טאַקע איינער פֿון די, וואָס זיינען דוחק דעם קץ, אָבער ניט סתּם אַ קץ, נאָר מיט אַ טעם ווייל ער דוחק זיין דעם קץ.

ער וויל מאַכן אַ סוף צו דער וואָכעדיקער, קליינער וועלט, צו דער וועלט, וואָס בעטלט נאָר פֿאַרן גוף, פֿאַרן וואָכעדיקן שטיקל הייַנט, פֿאַר וואָכדיקער זאַטקייט.

ער זעט די וועלט אין טרויער, אין אַ מרה־שחורה.

ער גייט איין אַפֿילו אויף אַ חורבן פֿון דער איצטיקער וועלט. זי האָט קיין בעסערן גורל ניט פֿאַרדינט.

זאָלן בלייבן עטלעכע שבת־און־יום־טוב־יידן און זיי וועלן גיין שטאָלצע איבער די חורבות פֿון דער וועלט.

דאָס איז ניט די גאולה אין דעם אַנגענומענעם זין — גאולה, וואָס קומט אויסלייזן אַלעמען, אי די וואָס זיינען זכאי און אי די וואָס זיינען חיב. עס איז ראשית־כל חורבן, חורבן פֿון דער וואָכעדיקער, קליינער און נישטיקער וועלט; עס איז גאולה בלויז פֿאַר יחידים, בלויז פֿאַר אויסדערוויילטע, פֿאַר שבתדיקע יידן.

און ניט פֿיל זיינען דאָך די שבת־יידן, זיי זיינען דאָך געציילטע, זיי זיינען יחידים.

אפֿשר וועט שפּעטער אויפֿשטיין אַ דור, אָדער אַפֿילו אַ וועלט פֿון לויטער שבתדיקע יידן. וועגן דעם רעדט אָבער ניט שלמה. שלמה רעדט וועגן חורבן פֿון דער וועלט און וועגן די איינצלנע יידן, די שטאָלצע יידן, די שבת־יידן, די נשמה־יתירהדיקע יידן. זיי וועלן גיין אויף די חורבות פֿון דער וועלט.

דאָס איז אַ בייזלעכע, עס איז אייגנטלעך אַן אַנטוישטע גאולה, אַ גאולה פֿאַר עטלעכע יחידים, וואָס זיינען כולם זכאי.

אָבער שלמה איז ניט פּרצעס אידעאַל. עס מאַכן אַ טעות די, וועלכע זעען פּרצן הינטער שלמהן. שלמה איז דער לעצטער אין דער גאָלדע־נער קייט, און די גאָלדענע קייט ווערט צעריסן.

פֿאַקטיש האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ דעגענערירטן צדיקס הויז, אַ הויז אַ צעריסענע, אַ הויז אַן אומגליקלעכע. איינער וויל ברענגען אַ בייזע, פֿינצטערע גאולה, איינער איז פֿיזיש קראַנק, דער דריטער איז אַ בעל־חלומות, ער בלאָנדזשעט אין אימאַזשענערע וועלטן, און איינע, די טאָכטער, האָט חתונה מיט אַן אַפּיקורס און געבוירט אַ בלינד קינד (אַ סימבאָלישע איראָניע אויף דעם אויפֿגעקלערטן פֿאָטער, וואָס זעט אַלץ קלאָר ווי אויף דער לאַדאָניע), און איר מאַן, דער דאָקטאָר, קאָן דאָס קינד ניט היילן, קומט צו איר הויז, צום צדיקס הויז, בעטן אַ רפֿואה פֿאַר איר קינד. זי קומט אַן אַנטוישטע, אָבער ניט קיין בעלת־תשובה, ניין...

עס איז ניט קיין האָפֿערדיקע דראַמאַטישע פּאָעמע, עס איז אויך ניט קיין דראַמע פֿון טיפֿן יאוש. אפֿשר איז עס אַ יאוש וואָס קומט פֿון פֿיזישער און גייסטיקער דעגענעראַציע. איך גלויב ניט צי מען קאָן עס באַצייכענען ווי יאוש.

ר׳ שלמה איז אייגנטלעך דער רבי, וואָס האָט פֿיינט זיינע חסידים.

אַזאַ זאָל האָבן געווען דער קאָצקער רבי. ער האָט געטענהט, אַז די וועלט עיפּושט, שטינקט. ער פֿלעגט זיך פֿאַרשפּאַרן ביי זיך אין צימער און פֿלעגט קיינעם ניט צולאָזן צו זיך.

י. ל. פּרץ האָט אַפּנים גענומען אַט דעם קאָצקער פֿאַר זיין העלד. ר׳ שלמה איז דער קאָצקער סימבאָליזירט און דיכטעריש פֿאַראיידלט.

ר׳ שלמה איז אַ טראַגישע פֿיגור, ניט קיין דראַמאַטישע געשטאַלט, וואָס קעמפֿט מיט אַלץ און אַלעמען, וואָס שטייען אים אין וועג. ר׳ שלמה איז אייגנטלעך אַ באַזיגטער, און ווי אַ באַזיגטער וויל ער ראַטעווען זיך און זיינע עטלעכע מנינים שבתדיקע יידן.

דער ערשטער אַקט איז דער בעסטער אין דער דראַמאַטישער פּאָ־עמע. דאָ פֿאַלט איר באַלד אַריין אין דער שווערער, דריקנדיקער שטימונג פֿון אַן אונטערגייענדיקער וועלט.

פֿיר דורות לעבן אין דעם צדיקס וועלט: פֿיר דורות פֿאַרשיידענע, פֿיר דורות צעריסענע, פֿיר דורות פֿאַרלוירענע און אומרואיקע.

עס איז שבת־צו־נאַכט, עס איז שוין לאַנג צייט צו מאַכן הבדלה און לאָזן די וואָך פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון שבת, אָבער דער אַלטער ר׳ שלמה האָט זיך פֿאַרעקשנט — ער וויל ניט מאַכן קיין הבדלה, ער וויל ניט דערלאָזן, אַז די וואָך, די גרויסע וואָך, די וואָך מיט אירע גרויסע זאָרגן, מיט איר מקח־וממכר זאָל פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דעם הייליקן, ליכטיקן שבת.

ער וועט קיין הבדלה ניט מאַכן און די וועלט וועט בלייבן אַ שבתדיקע.

דער ערשטער אַקט איז אַזוי וואונדערלעך געשריבן, אַז איר הייבט אָן ווערן אומרואיק, איר הייבט אויך אָן מורא האָבן און שרעקן זיך, איר שטייט ממש פֿאַר דעם חורבן פֿון דער וואָכעדיקער וועלט.

און אָט די דאָזיקע גערדיכטע שטימונג האָט זיך פּרצן איינגעגעבן צו שאַפֿן מיט דעם מינימום מיטלען.

דאָ האָט דער דיכטער אַרויסגעהאָלפֿן דעם דראַמאַטורג. דער דיכ־טער האָט געמאַכט קאָנקרעט אַ פֿאַנטאַזיע, אַ ניט־געשטויגענע און ניט־געפֿלויגענע פֿאַנטאַזיע.

פון דעם צי וועט דער צדיק ר׳ שלמה מאַכן הבדלה, צי ניט, העננט אָפּ ממש דער גורל פון דער וועלט. אויב ער מאַכט הבדלה בלייבט די וועלט ווי געווען, אויב ער מאַכט ניט ווערט די וועלט חרוב. בלויז עט־לעכע שבת־יידן וועלן גיין מיט געהויבענע קעפּ איבער די חורבות פון דער וועלט.

ר׳ שלמהס רייד מאַכן אַ טיפן איינדרוק, זיי מאַכן דעם איינדרוק פון עפּעס קאָנקרעטס און ניט פון אַ פאַנטאַזיע.

דאָס האָט דער דיכטער י. ל. פּרץ באַוויזן צו שאַפן אין ערשטן אַקט.

דער ערשטער אַקט איז אַ מייסטערווערק.

די אומרו איז אַזוי געדיכט אין ערשטן אַקט, אַז איר קאָנט זי ממש אָנטאַפּן מיט די פינגער. און ניט מיט קיין זייטיקע, מעכאַנישע מיטלען ווערט די דאָזיקע אומרו געשאַפן; זי ווערט געשאַפן בלויז מיטן כוח פון וואָרט.

דאָס וואָרט איז בכלל דער כוח פון דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע.

דאָ זיינען די פינטעלעך און די פּאַסיקלעך וואונדערלעך באַרע־דעוודיק: זיי פאַרבייטן ווערטער. ווערטער וואָלטן ניט געקאָנט אַזוי פיל זאָגן וויפיל עס זאָגן אָט די פינטעלעך און פּאַסיקלעך.

און ווען דער צדיק ר׳ שלמה לאָזט זיך אין אַ טאַנץ מיט די ישישים זינגענדיק מיט עקסטאַז „שיר־השירים", גייענדיק צום אייביקן שבת, עפנט זיך די טיר און דער גבאי ישראל זאָגט: גוט וואָך, יידן... אויס שבת, ר׳ פּנחס האָט געמאַכט הבדלה. ר׳ פּנחס איז ר׳ שלמהס זון.

דער גבאי איז דער פּראַקטישער מענטש, דער איינציקער פּראַק־טישער מענטש אין דער דאָזיקער פאַנטאַסמאַגאָריע, וואָס הייסט „דעם צדיקס הויז"; דער גבאי דאַרף פירן די חסידישע מלוכה, ער איז דער פּראַקטישער, די מלוכה מוז אָנגיין, און אָנגיין קאָן די דאָזיקע מלוכה ווי אַלע מלוכות, ווען שבת איז איין טאָג און וואָך איז גאַנצע זעקס טעג, וואָך איז זיבן מאָל גרעסער און שטאַרקער פאַר דעם שבת, זעקס טעג דאַרף מען האָרעווען כדי צו האָבן איין טאָג שבת...

דער גבאי ישראל קלערט ניט פון גאולה, פאַר אים איז די וועלט אין דער בעסטער אָרדענונג.

און ווען ער קומט אַריין און עס רייסט זיך אַריין אַ פּאַס ליכט און ער זאָגט „גוט וואָך, יידן", האָט איר דעם גרעסטן און בעסטן פינאַל ניט בלויז פון אַן ערשטן אַקט, נאָר פון דער גאַנצער דראַמאַטישער פּאָעמע.

פּרץ, ווי יעדער קינסטלער, שאַפט אין דעם ערשטן אַקט אַ גרויסן „יש" פון אַ גרויסן „מאַין". דאָ זעט איר באַשײַנפּערלעך זיין קינסט־לערישע גבורה.

עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס אַט די גבורה קומט צום סוף פון דעם ערשטן אַקט. זי האָט געדאַרפט זיך באַווייזן צום סוף פון דער דראַ־מאַטישער פּאָעמע.

ליידער דערהויבט זיך ניט פּרץ צו אַזאַ הויכקייט, ווי אין דעם ערשטן אַקט, אין די ווייטערדיקע אַקטן.

אין די ווייטערדיקע צוויי אַקטן איז שוין שלמה ניטאָ, דאָס הייסט — די דראַמע בלייבט אָן אַ צענטראַלער פיגור, אָדער ווי עס הייסט אין דעם טעאַטער־זשאַרגאָן — אָן אַ העלד. פּרץ האָט אויסגעשאָסן דעם גאַנצן דראַמאַטישן און פּאָעטישן פולווער אין דעם ערשטן אַקט.

עס איז דאָ, פאַרשטייט זיך, אַ פאַרבינדונג אין די ווייטערדיקע אַקטן מיטן ערשטן אַקט. זיי זיינען אַ המשך פון דעם ערשטן אַקט. אָבער אָן אַזאַ געשטאַלט ווי שלמה פאַלט די דראַמע, אַנשטאָט אויפצוהייבן זיך.

אייניקע ליטעראַטור־קריטיקער ווילן האָבן, אַז „די גאָלדענע קייט" האָט גאַנצע דריי דראַמען. דאָס, אַגב, פּאַסירט אַלע מאָל ווען אַ פּיעסע האָט אַ געלונגענעם ערשטן אַקט און דער העלד באַווייזט זיך מער ניט ווי אין ערשטן אַקט. ביי די ליטעראַטור־קריטיקער הייסט עס, אַז די איבעריקע אַקטן זיינען באַזונדערע דראַמען.

דער אמת איז, אַז ר' שלמה איז ניט אין גאַנצן דער העלד פון „די גאָלדענע קייט". דער העלד איז דעם „צדיקס הויז". דער העלד איז דאָ אַ קאָלעקטיווער. אַחוץ ר' שלמהן איז אַ העלד ר' משה, לאה, מרימל און יונתן. זיי אַלע מיט ר' שלמהן זיינען איין העלד. דורך זיי זעט מען ווי „די גאָלדענע קייט" ווערט צעריסן. זיי זיינען די לעצטע רינגעלעך אין דער קייט.

האָבן מיר אַ טראַגעדיע פון אַ קאָלעקטיוו, פון פיר דורות.

ר' שלמה איז דער קאָפּ בלויז פֿון די פֿיר דורות. אונטער זיין דאַך געפֿינען זיי זיך אַלע, פֿילט ער עס שטאַרקער, טיפֿער, דריקט ער עס אויס שטאַרקער, טיפֿער.

און עס איז אַ טעות, אַז ר' שלמה איז דער האַפּערדיקער העלד. ניין, ער איז שוין גאַרניט האַפּערדיק. אין אים איז ערשט קאָנצענטרירט דער גאַנצער יאוש פֿון קאָלעקטיוו, פֿון די פֿיר דורות, און ער ווייסט אַז עס איז קיין אויסוועג ניטאָ. די וועלט איז אַ וואָכעדיקע, מען קאָן מיט איר קיין אייביקן שבת ניט מאַכן, און ער גייט איין אויף דעם חורבן פֿון דער וועלט.

יאָ, עס איז, ליידער, אמת, אַז די דראַמע שטייגט ניט נאָכן ערשטן אַקט. זי פֿאַלט און ענדיקט זיך גאָר ניט דער ערך שוואַכער ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן.

אָבער אַ גוטער רעזשיסאָר קאָן זיך געבן אַן עצה, ער קאָן דעם ערשטן אַקט מאַכן פֿאַרן לעצטן. דאָס לאָזט זיך לייכט מאַכן, דאָס וועט אַפֿילו ניט שטערן דעם פּאַטעטישן גאַנג פֿון דער פּאָעמע און די דראַמע וועט פֿיל געווינען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאַרף געמאַכט ווערן מיט גרויס פֿאַרזיכטיקייט און מיט גרויס פֿאַרשטענדעניש; עס איז אַ זייער דעליקאַטע אָפּעראַציע, אָבער זי קאָן געמאַכט ווערן בלוטלאָז און אָן שמערצן פֿאַר דער דראַמאַטישער פּאָעמע.

אָבער דער עיקר אין דער דאָזיקער דראַמאַטישער סצענע איז ניט איר סצענישקייט, דער עיקר איז איר הויכע און שטאַרקע פּאָעטישקייט.

פּרץ טרעט דאָ אויף ווי אַ גרויסער דיכטער.

אַלע מענטשן אין דער פּאָעמע זיינען וואונדערלעך סימבאָליזירט. זיי דאַרפֿן ניט כאַראַקטעריזירט ווערן, זיי זיינען קלאָר דורך זייער סימבאָלישקייט.

דאָ האָט איר אַ גרופּע מענטשן, וואָס יעדער פֿון זיי איז אַ דיכטער פֿאַר זיך, אַ וויזיאָנער פֿאַר זיך, יעדער שטרעבט צו עפּעס, יעדער האָט עפּעס פֿון דעם אַנדערן אין זיך, אָבער קיינער איז ניט קיין סינטעז.

יעדער ברעכט און צערייסט די גאָלדענע קייט...

יהונתן, איז דער ריינסטער דיכטער, און פּרץ האָט אים געגעבן אין מויל שטיקער שיינע, פֿאַרכאַפּנדיקע און גליענדיקע דיכטונג.

לאה איז אַ דיכטערישע נשמה, און אַזוי איז מרים, און אַזוי איז משה.

איין וואָכעדיקער מענטש איז דאָ אין דער פּאָעטישער דראַמע, און דאָס איז דער גבאי ישראל, און פּרץ האָט אים געגעבן בלויז צוויי־דריי ווערטער.

ער איז די וואָך צווישן די שבתדיקע מענטשן, ווארים אַלע, אויסער דעם גבאי, זיינען שבתדיקע מענטשן, וואָס זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַ וואָכעדיקער וועלט.

די טראַגעדיע איז דורכאויס אַן אַבסטראַקטע, און דער לבוש, דער וואונדערלעכער פּאָעטישער לבוש, פּאַסט זיך וואונדערלעך צו דער אַבּ־סטראַקטער טעמע.

מען האָט אַביסל צופיל אַריינגעטייטשט אין שלמהן, מען האָט אין אים אַריינגעטייטשט רעוואָלוציאָנערישקייט און פֿאַרקערט — רעאַק־ציאָנערישקייט. דער אמת איז, אַז דער צדיק שלמה זעט בלויז דעם אונטערגאַנג פֿון חסידות. חסידות איז זיכער געווען אַ רעליגיעז־רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונג. זי האָט זיך געוואָלט שאַפֿן יום־טובדיקע, שבת־דיקע יידן, יידן מונטערע, גלויביקע, יידן פֿול מיט חדווה, יידן וואָס ווייסן ניט פֿון מרה־שחורה און פֿון יאוש.

איז אָבער חסידות, ווי אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, פֿאַר־וואָכעדיקט געוואָרן. דער צדיק האָט געמאַכט פֿון זיין הויז אַ מין ברכות־קרעמל, אַ הויז צו וועלכן עס ציען זיך פֿאַראומערטע בעטלער, וואָס בעטלען אַביסעלע געזונט, אַביסעלע פּרנסה, אַ שידוך פֿאַר פֿאַר־זעסענע מיידלעך א.אַ.וו.

אַנשטאָט חדווה — מרה־שחורה, אַנשטאָט מונטערקייט — קרעמע־רישע פֿאַרזאָרגטקייט, אַנשטאָט שבתדיקייט — גרויע וואָך.

שלמה איז דער רעוואָלוציאָנער־חסיד, וואָס זעט דעם אונטערגאַנג פֿון חסידות, ד.ה. איר גרויע פֿאַרוואָכעדיקייט און איר געדיכטע מרה־שחורה.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס קאָן זיין אַ משל אויף אַלע אַנדערע רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען, וואָס ווערן וואַכעדיק און גרוי. אָבער דאָס איז ניט דער תּוך, ניט דער אינהאַלט און ניט די כּוונה פֿון „די גאָלדענע קייט״.

און ניט בלויז אין דער גאַס זעט דער רבי דעם אונטערגאַנג פֿון חסידות. ער זעט עס ביי זיך אין הויז. פֿיר דורות זעט ער ביי זיך אין הויז און אַלע גייען אַוועק פֿון חסידות, אַלע, יעדער אויף זיין שטייגער גייט אַוועק.

און די גאָלדענע קייט צערייסט זיך.

אין צדיקס הויז האָט זיך פֿאַרקליבן די מרה־שחורה, די בייזע און פֿינצטערע כּפֿירה, די שוואַכקייט און די אָנמעכטיקייט.

אָבער ווי אַלע טראַגישע געשטאַלטן, זיינען די געשטאַלטן אין „די גאָלדענע קייט״, אָנהייבנדיק פֿון שלמהן און ענדיקנדיק מיט לאהן און יהונתנען, וואונדערלעך־שיינע געשטאַלטן. זיי זיינען רירנד מיט זייער אומבאַהאָלפֿנקייט, מיט זייער שוואַכקייט און מיט זייער פֿאַרלוירנקייט.

די איינציקע מעכטיקע טראַגישע געשטאַלט איז די געשטאַלט פֿון ר׳ שלמהן. ער איז ניט שוואַך און יאושדיק. ניין, פּונקט פֿאַרקערט, ער איז אין זיין פֿאַרצווייפֿלונג שטאַרקער, שענער און מאַיעסטעטישער געוואָרן.

און ער איז מיטן יאוש נאָך דער רעוואָלוציאָנער.

ער פֿאַרמעסט זיך אָפּצושטעלן די וואָכעדיקייט, ער מאַכט ניט קיין הבדלה און די וועלט בלייבט אַ שבתדיקע, אַ חרובע, אָבער אַ יום־טוב־דיקע. איבער דער חרובער וועלט גייען אַרום עטלעכע שבתדיקע און יום־טובדיקע יידן.

און אויף די חורבות וועט אפֿשר געבויט ווערן אַ נייע, אַ דורכאויס שבתדיקע, אַ דורכאויס יום־טובדיקע וועלט...

עס זיינען געמאַכט געוואָרן אַ היפּש ביסל פּראָבן אויפֿצופֿירן „די גאָלדענע קייט״.

פּרץ האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם שווידערלעכן דורכפֿאַל פֿון דער ערשטער וואַריאַציע פֿון „די גאָלדענע קייט״, וואָס האָט געהייסן

„דער נסיון״. זי איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין וואַרשע אין 1906 פֿון דער בשותּפֿותדיקער טרופּע פֿון קאַמינסקי־פֿישזאָן. צו דער פֿאָרשטע־לונג איז געקומען די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ. מען האָט דערוואַרט עפּעס נייעס, אָבער...

עס איז געווען אַ גרויזאַמער דורכפֿאַל.

פּרץ האָט געהאַלטן, אַז אין דורכפֿאַל זיינען שולדיק די שוישפּילער.

און ער איז געווען גערעכט. דער יידישער טעאַטער האָט פֿאַר די איבער זעכציק יאָר פֿון זיין עקסיסטענץ ניט אויסגעלערנט זיך שפּילן אַ רבין עכט. אַ רבי איז אָדער אַ וויסטער טיפּש, אָדער ער איז אַ מגושמדיק־הייליקער.

מער ווי בערד און קאַפּאָטעס האָט דער יידישער טעאַטער ניט גע־קאָנט און קאָן עד־היום ניט געבן; און דווקא ווייל ער איז ניט בכּוח צו שפּילן רביים האָט ער כּסדר געטאָן און געשפּילט זיי.

דער יידישער טעאַטער איז ווייטער פֿון רעאַליזם ניט אָוועק. דער רעאַליזם אין יידישן טעאַטער איז אַ האַמעטנער, אָן אויסערלעכער און דעריבער אַ פֿאַלשער.

מאָריס שוואַרץ פֿירט־אויף „די גאָלדענע קייט״ אין יאָר 1920.

און ווייטער אַ דורכפֿאַל.

עס איז גענוג צו ברענגען עטלעכע שורות פֿון מאָריס שוואַרצס דעקלאַמאַציע וועגן דער אויפֿפֿירונג, צו זען קלאָר ווער עס איז שולדיק אין דעם דורכפֿאַל.

מאָריס שוואַרץ שרייבט:

„מיין גרויסע ליבע צו פּרצן האָט זיך אויסגעגאָסן (?) אין דער אויפֿפֿירונג פֿון „די גאָלדענע קייט״. איך שרייב־צו מיין רעזשיסאָ־רישע אַרבעט אין „די גאָלדענע קייט״ אַלס דעם ערשטן וויכטיקסטן טעאַטראַלן אָנהייב פֿון „קונסט־טעאַטער״.

„דער געלייטערטער חסידיזם פֿון מיינע זיידעס (!) האָט זיך בולט אָפּגעשפּיגלט און אַרויסגעשטראַלט אין (!) דער אויפֿפֿירונג״ (ציטירט לויט „טעאַטער־העפֿטן״ י. ל. פּרץ־העפֿט).

דאָס איז איבערגענוג צו זען פֿאַרוואָס די אויפֿפֿירונג איז געווען אַ דורכפֿאַל.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פּראָבן אויפצופירן „די גאָלדענע קייט״ אין העברעאיש, אין יידיש, אָבער עס איז כסדר געווען אַ דורכפאַל.

און „די גאָלדענע קייט״ איז די שפּילבאַרסטע פּיעסע פּרצעס. אָבער מען דאַרף האָבן אַ טעאַטער מיט קולטור און מיט טאַלאַנט, כּדי ער זאָל זי קאָנען אַרויסנעמען פון צווישן די צוויי טאָוולען פון בוך און אַריבערטראָגן אויף דער סצענע און די וואונדערלעכע דראַמאַטישע פּאָעמע זאָל ניט פאַרלירן איר וואונדערלעכע פּאָעטישקייט, איר וואונדערלעכן דיכטערישן פלאַטער און איר וואונדערלעכער שיינקייט הינטער די קוליסן פון טעאַטער.

5.

„אין פּאָליש אויף דער קייט״

„אין פּאָליש אויף דער קייט״ איז געשריבן אין סטיל פון „די גאָלדענע קייט״. עס איז אַ דראַמאַטישע פּאָעמע. זי איז געשריבן אין ווייסן פערז ווי „די גאָלדענע קייט״ און פאַרמאָגט די זעלביקע פּאָעטישע און דראַמאַטישע שטאַרקייט.

זי איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1908, ניט לאַנג נאָך דער לעצטער און ענדגילטיקער באַאַרבעטונג פון „די גאָלדענע קייט״.

איר האָט די טעכניק פון „די גאָלדענע קייט״, זי איז פון אַ ריין דראַמאַטיש־טעכנישן שטאַנדפּונקט גאַנצער און סצענישער געבויט ווי „די גאָלדענע קייט״; דאָ האָט איר פאַר זיך אַ גאַנצע דראַמע, אָבער ווייטער אַ קורץ־אָטעמדיקע, ניט קיין איינאַקטער און ניט קיין פולע דריי־אַקטיקע דראַמע, סך־הכל וועלכע דרייסיק זייטלעך מיט קורצע שורותלעך פאַרנעמט די פּיעסע.

דאָ איז די דראַמאַטישע טעכניק גוט באַהערשט, אָבער די סקיצנהאַפטיקייט, דעם אימפּעט, די קורצאָטעמדיקייט האָט פּרץ הפּנים ניט געקאָנט באַקעמפן.

„אין פּאָליש אויף דער קייט״ איז די יידישסטע פּאָעטישע דראַמע אין דער יידישער ליטעראַטור. צו וועלכער אמתער און עכטער יידישער דראַמע איר זאָלט ניט צוגיין וועט איר געפינען די ווירקונג פון דער דאָזיקער דראַמע.

עס איז אַ דיבוק־דראַמע אָן אַ דיבוק. דאָ האָט איר חננס ערדישע ליבע אין „דיבוק״ דורכגענומען מיט רעליגיעזן מיסטיציזם.

עס איז גאָר קיין ספק ניט ביי מיר, אַז אַנ־סקי האָט אויסגעבאָרגט זיין חנן ביי פרצעס „זינדיקן״ פון „אין פּאָליש אויף דער קייט״. אַנ־סקיס יוחנן איז דאָך אויך אַ זינדיקער, ער איז דאָך אַ „הציץ ונפגע״, אָבער פרצעס „זינדיקער״ איז, פאַרשטייט זיך, פּאָעטישער, שטאַרקער.

און בּרכיהס טאָכטער איז דאָך לאה פון „דיבוק״. אָבער דאָ איז זי ליידנשאַפטלעכער, שטאַרקער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס איר ראָלע איז אַ קליינע. זי באַווייזט זיך בלויז צוויי מאָל. איין מאָל לייקנט זי, אַז זי האָט ליב דעם קלויזניק (דעם „זינדיקן״) און צום צווייטן מאָל, ווען זי אַנטלויפט פון דער חופּה־נאַכט־בעט אין איין העמד און קומט צום „זינדיקן״ אין פּאָליש אויפן קייט און דערציילט אים:

> אַ רגע האָב איך געלייקנט אָן דיר
> צוליב דעם טאַטנס ווייסן קאָפּ,
> צוליב דער מאַמעס קראַנק האַרץ,
> און מיט שאַנד און שפּאָט געשראָקן.

און אָט דערציילט זי דעם זינדיקן פון וואַנען זי קומט איצט:

> כ׳קום צו דיר...
> פון אונטער זיין היציקן אָטעם
> פון זיינע שווייסיקע הענט —
> כמעט אין העמד פון בעט אַרויס...

און דער זינדיקער שטויסט זי אָפּ:

> פאַרשווועכט.
> געוויקלט האָט זיך אַרום דיין נאַקעטן האַלדז
> אַ פרעמדע האַנט!
> אין דיין אויג, אין דיין הימל־בלויען,
> האָט אַ פרעמדער זיך געטיקט!
> הייליק זיינען דיינע ליפּן מיר געווען,
> צום בית־המקדש צוויי פאַרמאַכטע טויערן,
> און דו האָסט זיי פאַר אַ פרעמדן
> הייסן אָטעם אויפגעשלאָסן...

און איינגעזאַפּט האָסטו דורך זיי
פֿון אַ פּרעמדן מענטש דעם שאָטן!
און ער וואַקסט אין דיר!
און ער וואַקסט!...

(פּויזע)

אָפּגעאָט איז מיין היילּיקטום,
אין קדשי־קדשים — אַ געץ —
ביסט פֿאַרשוועכט...

און ווען ברכיהס טאָכטער פֿרעגט וואוהין זי זאָל גיין איצט:

וואו אַהין?
כ׳בין פֿון מאַנס בעט אַרויס,
פֿון טאַטע־מאַמעס הויז אַוועק...

זאָגט איר דער זינדיקער (דער קלויזניק):

צום טייך, צום טייך...
פּריוו דיך וואַשן ריין,
פּריוו דיך וואַשן ריין...

און ברכיהס טאָכטער לויפֿט צום טייך און דערטרינקט זיך.

דאָס איז דער קערן פֿון דער דראַמע. אָבער איר האָט דאָ אַ משוגענעם, וואָס ווערט דער פֿריינד פֿון קלויזניק, וואָס איז צוגעשמידט צום וואַנט פֿון פּאָליש אויף אַ קייט.

דער משוגענער דערמאָנט פּרצעס „דער משוגענער בטלן״. איר האָט דאָ ווערטער וואָס דערמאָנען אייך דעם משוגענעם בטלן.

אָבער פֿון אַ גאַר באַזונדער סצענישער שיינקייט און שאַרפֿקייט זיינען די צדדים, אין וועלכע די שטאָט האָט זיך צעשפּאָלטן. איין צד, וואָס איז מיט ברכיהן און מיטן רב, און דער צווייטער צד, וואָס האָט פֿיינט ברכיהן, ווייל:

ער צעוואַקסט זיך אין שטעטל,
און צעשפּרייט און צעגיסט זיך
ווי אַ ראַשטשינע אין מולטער —
— און מיר ווערן איינגעשרומפּן,
איינגעצויגן, אָפּגעשטויסן,

און דער אַלטער רב, דער שיצט אים...
„דער דין אַזוי! דער דין אַזוי!"
וועל'מיר מאַכן דיך פֿאַר אַ רב:
אויף דעם גרויסן שטול דיך זעצן
און דעם שענסטן מאַנטל געבן,
און דאָס רייכסטע שטריימל שענקען,
מיט די לענגסטע זילבער־האָר...
און אַ נייע קלויז דיר בויען,
נייע ספֿרי־תּורות שרייבן
אויף דער פֿיינסטער הירשן־פֿעל.

און די ווייבער זאָגן:

און מיר אַלע, און די טעכטער
און די שנירן — וועל'מיר נייען
רויטע מענטעלעך פֿון סאַמעט,
און באַשפּינען גאָלד און זילבער.

און אָט האָט איר אַ שמועס מיט די דאָזיקע בעלי־בתּים צווישן זיך:

און אַ האַנט זאָל וואַשן אַ האַנט,
און דו וועסט אונדז באַפֿרייען
פֿון ר׳ ברכיהן, פֿון דעם רויבער
און פֿון דעם רב, זיין אונטערשטיצער,
פֿאַר רח"ש און יום־טוב־געלט.
ר'האָט אונדז אַלץ צוגענומען, אַלץ.

איינער:

אויסגעדונגען מיר די מיל.

צווייטער:

אויסגעריסן מיר די פּאַכט...

דריטער:

מיר דעם טייך אַוועקגענומען...

פֿערטער:

מיר די שבת־שענק...
מיר די זין, מיט די איידימס
שלינגט ער איין די וועלט.

דאָ האָט איר אַ וואַכעדיקע וועלט אַרום אַ ריינער, אומגליקליכער ליבע.

און דער סוף איז — עס קומט די אויסגעלאָסענע, זי צערייסט די קייט און דער זינדיקער גייט אַוועק מיט איר.

און דער משוגענער שרייט זיי נאָך:

כ׳גיי איך נאָך!

כ׳גיי איך נאָך!

דאָ האָבן מיר אַ פולע, גאַנצע דראַמע, און אַ שטאַרקע דערצו. אָבער די קורצקייט פון דעם דיאַלאָג און די קאָנצענטרירטקייט פון דער האַנדלונג האָבן זי איינגעשרומפּן אַזוי, אַז עס איז כמעט אומ־מעגלעך זי אויפצופירן.

אין יאָר 1910 האָט מאַרק שווייד אויפגעפירט „אין פּאַליש אויף דער קייט״, אָבער צוליב איר קורצקייט האָט ער געמוזט שפּילן צום סוף איין אַקט פון אַ פּוילישער פּיעסע.

אין 1926 פירט אויף מ. ראַפּאַלסקי אין דעם „ווייסרוסלענדיש ייִדישן מלוכה־טעאַטער״ „אין פּאַליש אויף דער קייט״. די קריטיק האָט ניט פיל גוטס צו זאָגן וועגן דער אויפפירונג.

געקוואַפּעט אפנים האָט זיך דער ייִדיש־סאָוועטישער טעאַטער אויף דער סאָציאַלער זייט אין דער פּיעסע. אויף דער סצענע באַווייזן זיך אַחוץ בעלי־בתים אויך בעלי־מלאכות. די בעלי־מלאכות ווילן אויך באַפרייען דעם „זינדיקן״, דעם קלויזניק, און אָט וואָס זיי זאָגן דערביי:

פייל, פייל,
אויף אונדזער חשבון פייל,
זאָל אַ האַנט ד׳צווייטע וואַשן,
דו וועסט אונדז די יאָך ברעכן,
מבטל זיין וועסטו די פּאַכט;
פליש, ניט ביינער, וועלן מיר עסן —
מתּיר מאַכן שחיטת־חוץ,
הייוון — פריי און שבת־שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פיש!
און מיר רייסן אויף די שפּייכלער
מיטן קאָרן, מיט די ווייצן.

און ווייטער:

קומט נאָר פּרעסן, קומט נאָר זויפֿן
און פֿאַרשיכּורט וועל׳מיר שיקן
ז׳רויטן האָן, ז׳רויטן האָן!
זאָל זיינע רויטע פֿליגל
שטרעקן אויס און צעשפּרייטן
איבער ברכיהס פֿולע שפּייכלער,
איבער קלייטן, איבער שענקן...
זאָל אים לייכטן! רויט זאָל ברענען
ווי אַמאָל צום נייעם חודש —

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס ביסעלע סאָציאַלישקייט האָט ניט גע־קאָנט זעטיקן דעם גרויסן סאָציאַלן אַפּעטיט פֿון די סאָוועטישע קריטיקער.

אין דער פּאָעטישער דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קייט" זעט מען מיט אומהיימלעכער קלאָרקייט פּרצעס דראַמאַטישע אָנמעכטיקייט און הינטערשטעליקייט.

איר זעט ממש ווי ער קאָן אַנטוויקלען דעם דיאַלאָג. דער דיאַלאָג זיינער איז אַ ספּאַזמאַטישער, ער איז אויסערסט קאָנדענסירט און קנאַלט אַרויס מיטן סוף; קיין אַריינפֿירנדיקער טייל, קיין איבערברוך אין מיטן, עס איז דאָ בלויז דער סוף, דער קנאַליקער סוף.

אַ דראַמע איז אייגנטלעך אַ ציקל פֿון דראַמען. יעדער דיאַלאָג איז אַ דראַמע פֿאַר זיך. ער הייבט זיך אָן פֿאַרוועבן, ער פֿאַרוויקלט זיך, ער דערגייט צו אַ קלימאַקס און דערנאָך קומט די אויפֿלייזונג.

פּרץ קאָן אייך געבן אויסערסט שאַרף און אויסערסט קלאָר בלויז דעם קלימאַקס פֿון דיאַלאָג, און אָפּט אַפֿילו ניט דעם קלימאַקס, נאָר בלויז די אויפֿלייזונג.

יעדער דראַמאַטורג מיט טאַלאַנט וועט זייער לייכט מאַכן פֿון פּרצעס קורצער דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קייט" אַ פֿולע, דריי־אַקטיקע, אָדער פֿיר־אַקטיקע דראַמע.

עס איז דאָ איבערגענוג שטאָף פֿאַר אַ דריי־ אָדער פֿיר־אַקטיקער דראַמע, און דער דראַמאַטישער שטאָף איז אַ מעור־אחדיקער, ער האָט איין העלד און אַרום אים פֿאַרפֿלעכט זיך די גאַנצע דראַמע.

דאָ האָט איר דעם גראַדועלן אָנוואָקס פֿון דער דראַמע, איר נאָ־טירלעכע אַנטוויקלונג, איר לאָגישן קלימאַקס און די לאָגישע אויפֿ־לייזונג.

עס איז אפֿשר די איינציקע דראַמע פּרצעס מיט אַן איינהייטלעכן דראַמאַטישן שטאָף, מיט אַריינגעוואָקסענע אין דעם לייב פֿון דער דראַמע שאַרפֿע און קלאָרע עפּיזאָדישע סצענעס. דאָס איינציקע וואָס פֿעלט דאָ איז אַביסעלע באַרעדעוודיקייט — אַנטוויקלטער דיאַלאָג, וואָס איז ווי אַ ראָם אַרום דער דראַמע.

דאָ איז די דראַמע געבליבן ממש אַ נאַקעטע. עס איז געבליבן אַ וואונדערלעכער סקעלעט פֿון אַ דראַמע, עס פֿעלט פֿלייש און בלוט — אַנטוויקלטער דיאַלאָג.

קאָנצענטרירטקייט איז געווען די גרויסע מעלה פֿון פּרצעס טאַלאַנט און אויך זיין גרויסער חסרון, און דער חסרון איז געווען אַן אָרגאַנישער.

זיינע אַלע דראַמען זיינען נאַקעטע, זיי זיינען דראַמען אָן אַן אַנט־וויקלטן דיאַלאָג.

איר לייענט און איר פֿילט, אַז דער אָדער יענער דאַרף עפּעס זאָגן, ער מוז עפּעס זאָגן, איר פֿילט ווי די ווערטער זיינע וואָלטן אויסגעפֿילט ממש בלויזן אין דער דראַמע, אָבער פּרץ גיט אַ בליק, אַ זאָג, און די דראַמע גאַלאָפּירט אַ נאַקעטע צו איר אויפֿלייזונג.

אָבער אַ קלוגער רעזשיסאָר קאָן זיך אַן עצה געבן. מען קאָן אויס־פֿילן די בלויזן אין דיאַלאָג מיט מוזיק, מיט פּויזעס, וואָס זאָגן עפּעס, מיט טאַנץ און מיט אַלע אַנדערע מיטלען.

„אין פּאַליש אויף דער קייט" איז בפּירוש אַ דראַמע, וואָס קאָן אויסגעפֿילט ווערן, ווייל דער עיקר — די דראַמע — איז דאָ מיט אַ פֿולער האַנט.

אין דער דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קייט" איז דאָ אַ וואונ־דערלעכע ריינע, מיסטישע ליבע צווישן צוויי ריינע נשמות.

ביידע ווערן פּאַרפֿלעקט. ברכיהס טאָכטער האָט חתונה און אַנט־לויפֿט פֿון דעם מאַנס בעט און קומט צום „זינדיקן" אַ באַפֿלעקטע, און דער קלויזניק, דער „זינדיקער", גייט אַוועק מיט דער אויסגעלאָסענער פֿרוי.

און דאָך בלײַבן בײדע רײן און אומשולדיק װי דער פּריש־געּ
פֿאַלענער שנײ...

שולדיק איז די װעלט אַרום זײ מיט אירע פֿאַראורטײלן, מיט אירע סאָציאַלע אונטערשײדן און מיט אירע שטרענגע, אָבער אומגערעכטע, סאָציאַלע געבאָטן.

אין דעם זין איז די דראַמע „אין פּאַליש אויף דער קײט" מער אַ סאָציאַלע דראַמע װי „די גאָלדענע קײט" און אַלע אַנדערע דראַמען פּרצעס.

פּרץ האָט ניט באַדאַרפֿט אָנקומען צו אַ דיבוק־מעשהלע צו מאָלן פֿאַר איך די רײנסטע ליבע, די ליבע פֿון הנאהבים והנעימים, װאָס צעשײדן זיך ניט, ניט בײם לעבן און ניט אין טויט.

בײדע דראַמען, אי „די גאָלדענע קײט" און אי „אין פּאַליש אויף דער קײט" װאַרטן אויף דעם אמתן ײדישן טעאַטער. ער װעט זײ קאָנען געבן אַן אמתן תּיקון.

עס מוז קומען אַ טעאַטער, װעלכער װעט קאָנען אויספּילן די בלויזן פּרצעס און דער ײדישער רעפּערטואַר װעט באַקומען צװײ װאונדער־לעכע דראַמען.

.6

„בײנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק"

י. ל. פּרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט די דאָזיקע דראַמע זײנע; אַזױ ליב געהאַט, אַז ער איז פֿון אײן זײט געגאַנגען אויף אַלע פּשרות, כּדי זי זאָל קאָנען אויפֿגעפֿירט װערן, און פֿון דער אַנדער זײט האָט ער מורא געהאַט אַרײנצוברענגען אין איר צו ניכּרדיקע ענדערונגען.

און װען איר װעט געבוי באַנעמען פּרצעס טאַלאַנט, װעט איר פֿאַר־שטײן פֿאַרװאָס פּרץ האָט אַזױ ליב געהאַט די שטומע דראַמע.

אין דער דראַמע איז דאָ דער גאַנצער פּרץ מיט זײן גאַנצן סטיל. און מהאי טעמא איז זי קײן דראַמע ניט.

איך האָב אַמאָל אָנגעװיזן פּרצן אויף דער רמזדיקײט און האַלב־שטומקײט פֿון זײן דראַמע „בײנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

האָט ער אַ קוק געטאָן שאַרף מיט זיינע גרויסע פֿייערדיקע אויגן און געזאָגט:

— דאָס איז, מיין ליבער פֿריינד, יידישער סטיל, יידישער סטיל איז רמז, „ודו״ק״, קבלה א.אַ.וו. דאָס איז דער ריינסטער און דער עכטסטער יידישער סטיל.

נאָר אין ווייבערישן טייטש־חומש איז דאָ אָפֿנקייט, באַרעדעוודיקייט און מענה־לשונדיקייט.

אין אַלע יידישע ספֿרים איז דער קיצור, דער צימצום, דער רמז, דער ודו״ק, דער אמתער סטיל.

איך ווייס ניט צי ער האָט דאָס געמיינט ערנסט — געזאָגט האָט ער עס מיט פֿולן ערנסט. דער ספֿק — צי ער האָט געמיינט ערנסט — קומט פֿון דעם, וואָס ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער פֿראַגע פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, און ווי מען מאַכט די דאָזיקע דראַמע סצענע־פֿעאיק.

ער האָט זיך כּסדר צוגעהערט צו אַלעמענס עצות, אָבער די דראַמע „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז געבליבן ווי זי איז — אַ שטומע דראַמע, כּמעט אַ פּאַנטאָמימע.

זומער, פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מיר פּרץ איבערגעגעבן אַ נייעם וואַריאַנט פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, לויטן פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿון אונדז ביידן.

דער מאַנוסקריפּט איז געבליבן אין וואַרשע, אין אַ קעלער ערגעץ מיט אַ היפּש ביסל ביכער און מאַנוסקריפּטן מיינע.

מיר האָט זיך ניט איינגעגעבן, ניט קוקנדיק אויף אַלע מיינע באַמיאונגען, צו דערגריין וואו דאָס אַלץ איז אַהינגעקומען.

„ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז כּולו סימבאָליק. דאָ האָט פּרץ ממש אויסגעמיטן צו געבן וועלכע אָנצוהערענישן אויף רעאַלישקייט, אויף ווירקלעכקייט.

אין דעם פֿאָרשפּיל זאָגט אָן דער דירעקטאָר דעם לעקטאָר:

דו רעדסט פֿאַר יעדן אַקט,
אָבער קורץ און שאַרף!

ווען סיוזשעט רעדט דער דיכטער, דער פּראָפֿעסער אַליין, אָבער קלאָר ווערט ניט דער אינהאַלט פֿון „דער טרוים אין אַ פֿיבער־נאַכט". אַזוי הייסט אויך „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

דיכטער:

אַ טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט,
אויף אַ זומפּ, וואָס וויל נישט טראָגן
שטייט דאָס קראַנקן־בעט,
עס וואַכט
דאָס טויט־צעשראָקענע האַרץ...
פֿון ערגעץ העט,
פֿון סטעפּן־שוואַרץ,
פֿון נאַכט־באַגאָסענע פֿעלדער
און וועלדער
קומען
טענער ווילדע געשוואומען...
ווילדע בלוט־דורשטיקע חיות ברומען,
טייוול־געלעכטער, מתים־געשפּעט...
און ווייטער מיראַזשן־פֿלעמלעך
ווי הינטישע שוועמלעך,
טאַנצן אַרום, לעשן זיך, וועקן
און שרעקן...
און אין דער הייך —
אַ הימל בלייך,
טויב־שטום אַנגעצויגן...
אָן אַ שימער, אָן אַ ליכטיקן צאַפּל...
אָן אַ שוואַרצן אַפּל,
אַ ווייסל פֿון בלינדע אויגן...
קיינער וואַכט, אַ טויב־שטומע פֿיבער־נאַכט!
און אַ וואַנזיניקער ליך
פֿלעכט צופֿוסנס איין אַלטע נעץ —
אַ נעץ פֿון שאָטן און שטראַלן...

— — —

שאָטנס פֿון פֿאַרגאַנגענהייט,
קוים איבערגעבליבענע קוואַלן...

און שטראַלן
ווערן אַריינגעהאַפּטן
פון נאַך אין גען ניט געפאַנגענעם,
פון קוים געהאַפּטן...
פרעגט דאָס האַרץ אין שטילער פּיין:
„געוועזן", „וועט קומען", וואו איז זיין?
ווען קומט זיין פאַדים אַריין אין געפלעכט?
ענטפערט ווער אין פיבער־נאַכט?
דער שאַקאַל, די היענע...

אַט דאָס איז אַלץ וואָס דער דיכטער, דער פּאַרפאַסער האָט אונדז צו זאָגן וועגן דעם סיוזשעט, וועגן דעם אינהאַלט אָדער טעמע פון דער דראַמע.

ער זאָגט עס ניט קלאָר. אויב ער וואָלט עס געזאָגט קלאָר וואָלט עס געווען אַ סתירה צו דעם רמזידיקן כאַראַקטער פון דער דראַמע, צו דער גאַנצער טונקעלער דראַמאַטישער וויזיאָנערישקייט פון דער דראַמע.

און אין דעם פּרט איז פּרץ שטאַרק אויסגעהאַלטן.

ניטאָ אין דער גאַנצער דראַמע קיין איין שורה, וואָס זאָל אַ בלענד טאָן מיט דראַמאַטישער קלאָרקייט, מיט דראַמאַטישערווירקלעכקייט, מיט רעאַלישקייט.

וואָרים רעאַלישקייט איז ניט בלויז אַ סתירה צום סטיל פון דער דראַמע; עס איז אַ סתירה צו דעם גאַנצן תוך פון דער דראַמע:

די דראַמע וויל אייך באַווייזן די ניט־ווירקלעכקייט פון אונדזער ווירקלעכקייט. אונדזער ווירקלעכקייט ווערט כסדר פאַרוואַנדלט אין ניט־ווירקלעכקייט, פון אַלץ ווערט שאָטן, צערונענער שאָטן.

בלויז דאָ און דאָרט רייסט זיך אַרויס אַ וואָרט ביי דעם אָדער יענעם שאָטן.

דאָס איז די גאַנצע ווירקלעכקייט.
אַ וואָרט, אַ צעשוואומען וואָרט...
דאָס איז דער סך־הכל.

די כוונה איז אַ קלאָרע. און עס איז ניט בלויז די כוונה, עס איז דיכטעריש אַרויסגעבראַכט. אָבער אַרויסברענגען האָט דאָ פּרץ געדאַרפט עפּעס ניט קלאָרס, עפּעס שאָטנדיקס, עפּעס אַ מיראַזש פון

אונדזערווירקלעכער וועלט, און אַט דער מיראַזש איז די איינציקע ווירקלעכקייט. שאָטנס זיינען ווירקלעכקייט, מתים דרייען זיך אַרום צווישן לעבעדיקע, ווייל די לעבעדיקע זיינען אין עצם מתים, אָדער שאָטנס פֿון אַ ווירקלעכקייט.

מען האָט געשריבן פֿיל פּירושים צו דער דראַמע „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". דער אמת איז, אַז די דראַמע בייטיקט זיך ניט אין קיין פּירושים, זי איז אין עצם קלאָר.

עס איז אַ שפּיל פֿון סימבאָלן. אַלץ וואָס טומלט, לעבט און שטרעבט אין יידישן לעבן, היינט און נעכטן, ווערט סימבאָליזירט, באמת סימבאָליזירט. קיין קערפּער איז ניטאָ, עס איז דאָ בלויז אַ שאָטן פֿון אַ וואָרט. דאָס איז דער גאַנצער מאַטעריאַל פֿאַר די סימבאָלן.

איר האָט דאָ אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" די שאָטנס פֿון ווירקלעכע מענטשן. שאָטנס זיינען ניט רעאַל, זיי זיינען אָפּט קאַריקאַטורן פֿון דער ווירקלעכקייט.

גייט אַ מענטש אין גאַס ערנסט און וויכטיק, אָבער זיין שאָטן איז קאָמיש, סימבאָליש-קאָמיש. דאָ איז ער קורץ ביזן עקסטרעמען קאָמיזם און דאָ איז ער לאַנג ביזן עקסטרעמען קאָמיזם.

אייניקע ווילן האָבן, אַז פּרץ האָט פּשוט דאָ נאָכגעמאַכט פֿון וויספּיאַנסקיס „חתונה". דאָרט זיינען אויך די מענטשן סימבאָלן. ביי וויספּיאַנסקין זיינען דאָ דוממים וואָס שפּילן און ביי פּרצן אויך א.אַ.וו.

בין איך שטאַרק מסופּק צי פּרץ האָט געדאַרפֿט זוכן פֿאָרם-דער־פֿינדערישקייט ביי וויספּיאַנסקין. אגב, איז אַזוי גוט ווי פֿעסטגעשטעלט, אַז פּרץ האָט זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" געשריבן איידער עס איז דערשינען וויספּיאַנסקיס „חתונה".

אַז פּרץ האָט געשריבן זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" נאָך איידער וויספּיאַנסקיס „חתונה" איז דערשינען, זאָגט עדות אין אירע זכרונות פּאַולינע אַלטבערג, פֿאַר וועלכער פּרץ האָט צום ערשטן מאָל געלייענט די דאָזיקע דראַמע פֿון מאַנוסקריפּט.

ווען די קריטיק האָט אָנגעהויבן טייטלען מיט די פֿינגער אויף וויספּיאַנסקיס „חתונה", אויף וועלכער „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק"

זאָל לויט איר פאָרם זיין ענלעך, האָט פרץ אָנגעוויזן אויף די זכרונות פון פאולינע אַלטבערג.

אַזוי אַרום איז די גאַנצע מעשה מיט דעם „פּלאַגיאַט״ פון פאָרם פשוט פון פינגער אויסגעזויגן.

אָבער פאַלשע באַהויפּטונגען קלעפּן זיך צו שטאַרקער ווי אמתע; איז עד־היום נאָך אָנגענומען, אַז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ איז לויט איר פאָרם ממש אַ קאָפּיע פון וויספּיאַנסקיס „חתונה״. כמעט אַלע, וואָס רעדן אָדער שרייבן וועגן דער דאָזיקער דראַמע אין די סאַמע לעצטע יאָרן, חזרן איבער מיט דער זיכערקייט פון אַנטדעקער די דאָזיקע גרייזיקע באַהויפּטונג.

אָבער עס זיינען ניט נייטיק קיין היסטאָרישע באַווייזן. די בעסטע באַווייזן זיינען — פרץ איז דאָ אַזוי פיל פרץ, אַז קיין אַנדערער האָט אים ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט עפּעס אונטערזאָגן.

אויב איר ווילט האָט איר דאָ דריי־פערטל פון פרצעס געשטאַלטן. דאָ אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ האָט ער זיי צונויפגעקליבן און זיי געלאָזט שפּילן. ער האָט זיי געמוזט געדיכטער סימבאָליזירן, אויב ניט וואָלט עס געווען אַן אַנטאָלאָגיע פון פרצעס געשטאַלטן.

פרץ איז אומעטום געבליבן פרץ, און דאָס איז געווען זיין גרויס־קייט און זיין הינטערשטעליקייט.

פרץ האָט ממש ניט געקאָנט זיין אַן אַנדערער.

די מעשה, אַז פרץ האָט נאָכגעמאַכט עמעצן, שטאַמט פון דוד פרישמאַנען. פון דעם זעלביקן דוד פרישמאַן, וואָס איז געווען אַ זייער פּעאיקער, אַ זייער טאַלאַנטפולער ליטעראַט, אָבער שעפעריש אַ שטיקל עקר, און ער האָט דווקא יאָ געמוזט אַמאָל אָנקומען צו אַנדערע.

און דאָס איז באַוויזן געוואָרן שוואַרץ אויף ווייס.

פרץ אָבער האָט ניט געקאָנט נעמען ביי עמעצן אַנדערש ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט, ווייל דאָס פרצישע וואָלט אַרויסגעשטויסן דאָס פרעמדע, און פון דאָס פרעמדע וואָלט קיין שום זכר ניט געבליבן.

די זעלביקע קורצקייט, סימבאָלישקייט און צימצומדיקייט געפינט איר אין זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען, אין זיינע קליינע פעליעטאָנען, אין זיינע רעצענזיעס און אין זיינע מעשהלעך.

מיט דעם ווי̈ל איך בשום אופן ניט זאָגן, אַז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אַ גערעאַטענע סצענישע שאַפונג. ניין, בשום אופן ניט. אָבער די ניט־גערעאַטנקייט איז פּרצעס, די זעלביקע ניט־געראַטנקייט געפינט איר אין אַ קלענערער מאָס אין אַלע זיינע דראַמען.

די דראַמע איז בטבע ניט סובל פּרצעס קורצקייט, פּרצעס רמזדי־קייט, פּרצעס ודו"קס און פּרצעס אַפאָריזמישקייט.

פּרצעס טאַלאַנט איז בפירוש ניט קיין סצענישער.

די אַלע רעדערייען וועגן דער ניט־קלאָרקייט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זיינען פּוסטע רייד.

ווער, למשל, קאָן זאָגן, אַז די רייד פון „וואַנדערער" אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זיינען ניט קלאָר?

וואַנדערער (זיך אומקוקנדיק)

דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן,
די זעלבע ערד...
און דאָס אויער הערט
און ווערט ניט פול פון הערן,
דאָס אויג — פון זען ניט זאַט...
נישט ליניען־ און פאַרבן־מיד...
דאָס נאָענטע טרייבט, דאָס ווייטע ציט
אַלץ מער, אַלץ מער...
ביז ווערן מאַט...
דער רוק־זאַק — שווער.

— — —

עס דריקן די געוועגדער
מיטן שטויב פון וועגן און לענדער
אין די נעט, אין געוועב.
(זעצט זיך ביי דער שול־מויער)
שוועב צו נאַכט, שוועב,
דיין שאָטן איז ווייך,
דיין אָטעם לינד...
איך קום, פרעג ניט פון וואַנען...
און איידער דיין שאָטן צערינט
גיי איך פון דאַנען.

וואו אַהין? נישט פֿרעג...
אפֿשר ווייסט ווער אין דער הייך...
איך, פֿון מיין לאַנגן וועג
בין עלטער געוואָרן, נישט קליגער...
כ׳גיי שוין לאַנג, זייער לאַנג
מיט דער זון; פֿון אויף־ ביז אונטערגאַנג...
אין ערגעץ קיין פֿרעמדער און קיין היגער...
געטריבן פֿון אומבאַקאַנטן יעגער,
וואָס טרייבט אַלע און מיך נאָך שנעלער.
רו איך, טרוים איך אויף אַ פֿרעמדן געלעגער,
און ווערט עטוואָס העלער,
פֿון בעט אַרויס!...
נאָכט, לאָז רוען אין דיין שויס,
איך וויל ניט אַריין אין שטאָט...
איך קען זי; דאָ, אין דיין גנאָד
שפּין אַ טרוים מיר אויס,
שטיל פֿאַרוויג דאָס מידע האַרץ...
שפּין גרוי, שפּין שוואַרץ,
שפּין רויט...
קאָנסט די פֿאַרבן מישן, צוזאַמענוועבן...
נאָר שפּין! שפּין פֿון לעבן,
שפּין פֿון טויט
און פֿון צווישן...

דאָס איז דאָס קלאָרסטע סימבאָלישע ליד, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען. דער צימצום איז דאָ אַזוי עצמדיק, ווי אין אַ כינעזישער שניצערייַ, און חכמה איז דאָ, און אַ וואונדערלעך משל־און נמשל־שפּיל איז דאָ.

ניטאָ קיין איין טונקל וואָרט ממש.

און אַזוי איז ווען איר נעמט יעדן קורצן דיאַלאָג. ער איז קלאָר, ער איז ביז גאָר פֿאַרשטענדלעך.

אָט האָט איר אַ קורצן שמועס צווישן „ער" און „זי":

זי (פֿאַרחלומט):

מעבל — ווייס, ראָזע טאַפּעטן.

ער (באַרימעריש):

גער (באַרימעריש):

געביטן דאַרפֿסטו, קינד, נישט בעטן.

זי:

און איין אַמפּל!

ער:

פֿון טריעסט.

זי:

און אַ פֿאָנאָגראַף פֿאַר געסט?
ווער ניט זיין צו־טייער?

וואו איז די ניט־קלאָרקייט? דאָ האָט איר די רייד פֿון „ער" און „זי", די אייביקע רייד פֿון אַן „ער" און אַ „זי".

און אַזוי קאָנט איר דורכגיין די גאַנצע דראַמע, יעדער זאַץ, איט־לעכס ליד, יעדער געשפּרעך באַזונדער איז קלאָר און פֿאַרשטענדלעך.

די ניט־פֿאַרשטענדלעכקייט הייבט זיך אָן אין דער דראַמאַטישער פֿאַרבינדונג, אין דעם סצענישן צוזאַמענשפּיל און אין דער צונויפֿגיסונג פֿון אינהאַלט.

דאָ הייבט זיך אָן דער פּלאָנטער.

דאָ זעט איר די דראַמאַטישע אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אַ געניאַלן שריפֿטשטעלער.

ער האָט צוזאַמענגענומען פּערל, ער קען זיי אָבער ניט שנירלען אויף איין פֿאָדים; זיי בלייבן צעשאָטענע, ניט־געשנירלטע.

ער האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן איינפֿאַל, ממש אַ געניאַלן איינ־פֿאַל, און נעמלעך — דער בדחן פֿירט די וועלט, דער בדחן, וועמען עס פֿעלט אַ וואָרט צו אַ גראַם, ער איז דער פֿירער.

דער בדחן זאָגט:

מאָרגן קאָנסטו שטראָפֿן!
נאָר כּל־זמן דו ועסט שלאָפֿן
בין איך פֿעלדמאַרשאַל!
און איך וועל פֿירן!
היי, פֿון אַלע נאַכט־קוואַרטירן,

פֿון פֿעלד און וואַלד,
פֿון הייל, ריץ און שפּאַלט,
פֿון כף־הקלע
קום שאַטנדיק געזינדל,
פֿון טרוים,
שוים צוזאַמענגעוועבט!
זיין ליבן נאָמענס הייליקער שווינדל...
אַלץ, וואָס טויט און גלויבט, עס לעבט...
געזונט זייט מיר און שטאַרק!
קומט צום אַלטן מאַרק, צום אַלטן מאַרק!
קומט, איך וועל קאָמאַנדירן!

יאָ, דער בדחן איז דאָ, די וועלט אָבער, וואָס ער דאַרף רעגירן, איז ניטאָ אין דער דראַמע.

און ווען פּרצן וואָלט זיך איינגעגעבן צו ווייזן אונדז טאַקע די וועלט און ווי זי ווערט קאָמאַנדירט פֿון בדחן, וואָלטן מיר געהאַט אפֿשר די גרעסטע און שאַרפֿסטע סאַטירע.

פּרץ האָט די וועלט ניט געקאָנט אָרגאַניזירן אין עפּעס גאַנצס; ער האָט געגעבן שטיקלעך און ברעקלעך. אַמאָל אַזעלכע קליינע שטיקלעך, וואָס מען דאַרף זיי מיט אַ מיקראָסקאָפּ באַטראַכטן.

איז דער בדחן, וואָס דערקלערט זיך פֿאַרן קאָמאַנדיר פֿון דער וועלט, אפֿשר טאַקע דער קאָמאַנדיר פֿון דער וועלט, דאָס גלויבן מיר פּרצן, אָבער ער האָט עס ניט באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, דורך אַקציע, דורך געבונדנקייט פֿון דער האַנדלונג, דורך אַן אַנטוויקלטן דיאַלאָג.

יעדער באַזונדער איז קלוג, שאַרף און חלפֿדיק ביי פּרצן, אָבער אַלע אינאיינעם פֿאַרלירן זיי זייער קלוגשאַפֿט, זייער שאַרפֿקייט, זייער חלפֿדיקייט.

עפּעס הערט זיך אַ ווייטער טומל, דער טומל דערגייט צו דיר, אָבער עס דערגייט ניט קיין קלאָר קאָלעקטיוו וואָרט.

דאַרף מען זיין פֿאָרזיכטיק ווען מען רעדט וועגן דער ניט־קלאָר־קייט און וועגן דער ניט־פֿאַרשטענדלעכקייט פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״. מען מוז בפֿירוש זאָגן, אַז יעדער באַזונדער איז אויסערסט קלאָר

און אויסערסט פֿאַרשטענדלעך, נאָר ווי אַ קאָלעקטיוו זיינען זיי פּשוט ניט אָרגאַניזירט אין דער דראַמע.

די וועלט איז ניטאָ, עס זיינען דאָ בלויז מיקראָסקאָפּישע שטיקלעך און ברעקלעך וועלט, און זיי זיינען ניט געבונדן און ניט געקייטלט.

די גאַנצע כּוונה פּרצעס איז ביז גאָר אַ קלאָרע, ער האָט זי בלויז ניט געקאָנט פּלאַסטיש אַרויסברענגען.

האָבן מיר דאָ ניט צו טאָן מיט עפּעס פֿאַרנעפּלטס, מיט עפּעס פֿאַרשלייערטס און מיט עפּעס קבלהדיקס. ניין, מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ וואונדערלעכער סכעמע פֿון אַ דראַמע, אַ סאַטירישע דראַמע פֿון אַ גרויסן פֿאַרנעם. דער גרויסער דיכטער האָט אַלץ געהאַט פֿאַרטיק, ער האָט געהאַט ליים און ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן אויפֿצו־בויען אַ גרויסע סאַטירישע דראַמע, אָדער אַ גרויסע סימבאָלישע מענטשלעכע קאָמעדיע, ער איז אָבער קיין אַרכיטעקט פֿון דער דראַמע ניט געווען, לחלוטין ניט.

און דאָ ליגט דער גאַנצער פֿעלער, אָדער די גאַנצע טראַגעדיע.

און נאָך עפּעס:

פּרץ איז געווען דער דיכטער פֿון לויטער אַבסטראַקציע, האָט ער געוואָלט אַמאָל זיין רעאַליסטיש, איז ער אָדער געוואָרן סענטימענטאַל, אָדער אַגיטאַטאָריש; פֿריי האָט ער זיך געפֿילט אין אַבסטראַקציעס.

און עס איז לחלוטין ניט קיין צופֿאַל וואָס ער איז צוגעפֿאַלן צו די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן; זיי זיינען לויטער אַבסטראַקציע. און חסידיש איז אַבסטראַקציע א.אַ.וו.

אים האָט זיך כּסדר איינגעגעבן צו פֿאַרוואַנדלען רעאַליטעטן אין אַבסטראַקציעס. אָט איז אַ רעאַליטעט, אַ פֿיר מיט דער פֿעדער און די רעאַליטעט ווערט אַן אַבסטראַקציע.

אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" זעען מיר אין פֿלוג לויטער רע־אַליטעטן, אויסער, פֿאַרשטייט זיך, די מתים. איז זעט נאָר ווי וואונדער־לעך פּרץ האָט זיי פֿאַרוואַנדלט אין אַבסטראַקציעס. אַלע זיינען געוואָרן אַבסטראַקציעס, „ער" און „זי" אַבסטראַקציעס, דער בדחן אַן אַבסטראַק־ציע, דער פּרוש אַן אַבסטראַקציע, אַפֿילו די קרעמער, די קינדער, דער גען, דער בישאָף, אַלע רעאַליטעטן זיינען געוואָרן אַבסטראַקציעס.

ער האָט זיי וואונדערלעך אַרויסגעשיילט פֿון די רעאַליטעטן, ער האָט וואונדערלעך זיי אויסגעטאָן פֿון אַלץ וואָס איזווירקלעכקייט און געמאַכט פֿון זיי אַ וואָרט, צוויי, אָדער דריי ווערטער.

און אַבסטראַקציעס איז שווער אַרויסצופֿירן אויף די ברעטער פֿון טעאַטער, טעאַטער איז ברעטער, לייוונט, פֿאַרב, פּאַפּע־מאַשע, לעבע־דיקע קערפּערס פֿון שוישפּילער. זיי קאָנען ניט ווערן קיין אַבסטראַק־ציע לויט דעם באַפֿעל פֿון פּרצן.

זיי קאָנען ווערן סימבאָליש. דאָס איז די גרעסטע הנחה וואָס זיי קאָנען מאַכן, אָבער ווערן אַן אַבסטראַקציע קאָנען זיי ניט, ווייל זיי זיינען כולו גוף, אין גאַנצן רעאַליטעטן.

און דער לייענער זעט ניט קיין אַבסטראַקציעס. ער הערט בלויז ווערטער. זיי דערמאָנען אים אָן עפּעס רעאַלס, אָבער ער קאָן זיי ניט אַנטאָפּן, ער קאָן זיי ניט פֿאַרשטעלן ווי לעבעדיקע באַשעפֿענישן. אַזאַ כוח האָט זעלטן דאָס וואָרט, דערהויפּט דאָס קורצע, צימצומדיקע און אויסגעטאָנענע פֿון רעאַלישקייט וואָרט.

צו דעם איז נאָך די אַבסטראַקציע אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" אַ רמזדיקע. דאָס וואָרט איז ניט גענוג אָנגעלאָדן מיט אַבסטראַקטן אינ־האַלט, עס איז אַמאָל ניט מער ווי אַ וואָרט...

אָבער דער עיקר איז וואָס די אַבסטראַקציעס האָבן ניט קיין אַקציע. זיי טוען גאָרניט, מיט זיי פּאַסירט גאָרניט, זיי בלייבן ביים סוף פֿון דער דראַמע דאָס, וואָס זיי זיינען געווען ביי דעם אָנהייב פֿון דער דראַמע.

און אויף די ברעטער פֿון דער סצענע מוז מען זען אַלץ אין אַקציע, ווייל אין אַקציע אַנטפּלעקן זיך די מענטשן, ווייל אין אַקציע זעט איר זייערע עמאָציעס. די אַקציע איז דער אויסדרוק פֿון עמאָציע.

און „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" איז אין גאַנצן אויסגעליידיקט פֿון אַקציע. עס פּאַסירט לחלוטין גאָרניט. מענטשן דעפֿילירן פֿאַר אייך, איינער דעקלאַמירט אַ גוט, שאַרף ליד, איינער זאָגט אַ שאַרפֿן אַפֿאָריזם, אָבער צום גרעסטן טייל זאָגן זיי עטלעכע אָפּגעהאַקטע ווערטער, עט־לעכע פֿראַזן, וואָס זיינען אַרויסגעכאַפּט פֿון זייער וואָקאַבולאַר, פֿון זייער טאָג־טעגלעכן וואָקאַבולאַר, וואָס גיט אַ גאַר שוואַכע אָפּשפּיגלונג פֿון זייער מהות.

איז ניט די רמזדיקייט, ניט די פֿאַרשטעלטקייט מאַכט „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" ניט טויגבאַר צו אויפֿפֿירונג און צום לייענען, נאָר די אַבסאָלוטע אָפּוועזנקייט פֿון דראַמאַטישקייט און די אַבסאָלוטע אַב־סטראַקציעס, אין וועלכע מענטשן און זאַכן זיינען דאָרט פֿאַרוואַנדלט.

מיר זיינען געוואוינט צו האָבן פֿאַר זיך אין אַ דראַמע אַ סיפּור־המעשה, אַ געבונדענעם און געקייטלטן סיפּור־המעשה; דאָס איז וואָס עס פֿאַרכאַפּט אונדז, דאָס איז וואָס שאַפֿט שפּאַנונג, דאָס איז וואָס רייצט אונדזער נייגיריקייט, דאָס איז וואָס ציט אונדז אַריין ווי אַנטיילנעמער אין שפּיל, און דאָס איז וואָס מאַכט די מענטשן רעאַל ווען זיי זיינען אַפֿילו אַבסטראַקט.

אין אַ מעשהלע ווערט אַלץ רעאַל, מעג זי זיין פֿאַנטאַסטיש. דאָס איז דער כּוח פֿון דער מעשהלע.

אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" איז קיין סיפּור־המעשה ניטאָ. ער איז צעפּיצלט געוואָרן, ער איז צעשטויבט געוואָרן אין קורצע זאַצן, אין קורצע סצענעס, און דער אימפּעט איז אַזוי גרויס, אַז דו קאָנסט זיי ניט אָניאָגן און באַזינען.

דאָס איז די הויפּט־סיבה פֿון דער אַזוי־גערופֿענער ניט־פֿאַר־שטענדלעכקייט.

י. ל. פּרץ רופֿט זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" — אַ טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט.

איז געוויינטלעך דער חלום זייער פֿאַנטאַסטיש. דאָס וואָס איר קאָנט זיך ניט פֿאָרשטעלן אין וואָר קומט פֿאָר אין חלום. פֿאַרן חלום איז אַלץ מעגלעך. אַ מענטש קאָן פֿליען, קאָן איבערשפּרייזן קאָנטינענטן, קאָן ווייזן אויסטערלישע גבֿורות; הכּלל, אין חלום איז אַלץ מעגלעך.

און ווען אַ דראַמאַטורג וויל אַרויסברענגען אויף דער סצענע עפּעס פֿאַנטאַסטישס, עפּעס גאָר אויסערגעוויינלעכס, באַנוצט ער זיך מיטן חלום.

פּרץ האָט בלויז אויסגענוצט דעם חלום צו לאָזן מתים אַרויסקומען פֿון זייערע קבֿרים און מאַכן דעם גאַנץ לעבעדיק, אָדער באַוועגלעך.

און היות וויביידע פֿאַלן זיינען ניט וועזנטלעך פֿאַר דער גאַנצער דראַמע, אָדער פֿאַרן עיקר פֿון דער דראַמע, איז דער חלום דאָ כּמעט איבעריק; ער איז ניט מעלה און איז ניט מוריד.

„ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ האָט אַפֿילו ניט קיין דיאַלאָג אין דעם אָנגענומענעם זין פֿון וואָרט. דאָ רעדט יעדער צו זיך, עס רעדן עטלעכע צוזאַמען, אָבער זייער ריידן איז ניט געבונדן און ניט געקייטלט, יעדער רעדט פֿאַר זיך. בלויז אין איינצלנע פֿאַלן האָט איר עפּעס וואָס איז ענלעך אויף אַ צוויי־געשפּרעך, אויף אַ דיאַלאָג.

דאָס אַלץ נעמט צו פֿון דער דראַמע איר וועזנטלעכקייט, איר מהות, איר דראַמאַטישקייט.

עס איז פֿיל געשריבן און גערעדט געוואָרן וועגן די טיפֿע כּוונות פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, און, פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען מען האָט אויפֿגעדעקט די כּוונה האָט מען אָנגעטאַפּט „סאָציאַלישקייט״, און ווי־באַלד סאָציאַלישקייט, האָט שוין יעדער זיין פּאַרטיקע שטעלונג און פּאַרטיקע מיינונג.

זיינען די ראַדיקאַלן ניט צופֿרידן פֿון דער סאָציאַלישקייט; זי איז ראשית־כּל פֿול מיט יאוש, די גאַנצע דראַמע איז איין יאושדיקער געשריי, עס איז גאָר ניטאָ אין אונדזער לעבן און אין דעם לעבן פֿון דער וועלט אויסער ווערטער.

קיין קלאַס, קיין גרופּע ווערט דאָ ניט אַרויסגערוקט ווי אַ בויענדיקע, ווי אַ מונטערנדיקע. אַלע ריידן ווערטער, און זיי ריידן די ווערטער מעכאַניש, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעליידיקט פֿון וועלכן ס׳איז אמתן אינהאַלט.

ווילן אייניקע זען פּרצעס פּאָליטישע ירידה אין דער דראַמע „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״. ער איז פּאָליטיש אויסגעלאָשן געוואָרן און ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַנטי־סאָציאַלן יאוש.

קלאָר איז אָבער, אַז פּרץ האָט געוואָלט שרייבן אַ סאַטירישע דראַמע פֿון אונדזער לעבן היינט און נעכטן, ער האָט געוואָלט אַרויסלאָזן אַלע מינים מענטשן, אָנהייבנדיק פֿון קינדער און ענדיקנדיק מיט מתים, און

באַוויזן ווי אַלע דרייען זיך ווי דערווישן אויף איין אָרט, און אַלע בלייבן ביי דעם אויסגעליידיקטן וואָרט.

און סאַטירע איז בטבע ניט אָפּטימיסטיש, זי איז בפּירוש פּעסי־מיסטיש, סאַטירע איז אין עצם יאוש.

סאַטירע שטעלט זיך אָפּ אויף די אומהיילבאַרע סאָציאַלע דערשיי־נונגען אין אונדזער לעבן.

סאַטירע איז קריטיק דורכגעוועבט מיט יאוש. זי האָט ניט אין איר בוזעם־קעשענע קיין היילמיטלען. דאָס איז ניט איר אויפגאַבע.

ער האָט געוואָלט אַרויספירן אַ וועלט, אין וועלכער דער בדחן איז דער קאָמאַנדיר, אַ קאָמישע און אומזיניקע וועלט, וואָס איז געפירט פון אַ ליץ.

נאָך איידער עס איז געווען אַ מוסאָליני, אַ בדחן, וואָס האָט געפירט אַ טייל פון דער וועלט, און איידער עס איז געווען אַ היטלער, אַ גרעס־סערער בדחן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו פירן די גאַנצע וועלט, האָט פּרץ אין זיין וויזיע שוין געזען דעם בדחן ווי דעם פירער פון דער וועלט.

באַוויזן האָט ער עס אין אַ פיבער־נאַכט, אין וועלכער די מענטשן זעען אויס ווי נאַכט־וואַנדלער.

און ווען עס הייבט־אָן צו טאָגן ווערט דער בדחן אויס קאָמאַנדיר און ער שרייט:

אין שול אַריין!...
אין שול...

איז ניט אַזוי וויכטיק די פראַגע, וואָס האָט פּרץ געמיינט; וויכטי־קער איז ווי ער האָט עס אַרויסגעבראַכט. דאָס איז דער עיקר.

און דווקא ווייל „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז בפּירוש ניט קיין פּיעסע צום אויפפירן און צום שפּילן, דווקא ווייל זי פאַרמאָגט ניט קיין איין־איינציקן שפּאַנענדיקן מאָמענט, וואָס זאָל פאַרכאַפּן דעם צושויער, אָדער פאַראינטריגירן אים, זיינען געמאַכט געוואָרן אַ היפּש ביסל אָנ־שטרענגונגען זי אויפצופירן און שפּילן.

א. גראַנאָווסקי, דער דירעקטאָר פֿון דעם „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער״, האָט אין יאָר 1925 אויפֿגעפֿירט „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ ווי אַ „טראַגישן קאַרניוואַל״ אין צוויי אַקטן.

א. גראַנאָווסקי שרייבט וועגן דער אויפֿפֿירונג פֿאָלגענדיקס:

„דריי הונדערט שורות טעקסט אַן סוזשעט, אַ שטענדיקער אומ־אויפֿהעריקער בייט פֿון בילדער, בילדער נישט געבונדענע״ (דאָס וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט).

„ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז גיכער אַן איינאַקטיקער קאַר־ניוואַל פֿון מענטשן־שאָטנס. נאָר אַזוי — אין דעם פּלאַן — האָט מען עס געקאָנט פֿאַרווירקלעכן אַלס טראַגישן קאַרניוואַל״.

„די רעפּעטיציעס״, דערציילט בנימין זוסקין, איינער פֿון די טאַלאַנטפֿולסטע שוישפּילער אין „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער״, „האָבן געדויערט 10 חדשים. עס זיינען געווען איבער 250 רעפּעטי־ציעס״ (ציטירט לויטן „טעאַטער־העפֿט״ געווידמעט י. ל. פּרצן).

מ. ליטוואַקאָוו שרייבט וועגן דער אויפֿפֿירונג פֿאָלגנדיקס:

„פּרצעס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז ניט קיין פּיעסע פֿאַר טעאַטער־שפּיל, וואָס אַנטוויקלט זיך אין אַן איינהייטלעכער קייט פֿון דראַמאַטישע האַנדלונגען. . . . פֿאַרן טעאַטער זיינען דאָ גוואַלדיקע שוועריקייטן, ווארים אויסער דעם וואָס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ האָט ניט קיין איינהייטלעכע דראַמאַטישע האַנדלונג, נאָר אַ מין פּאַ־נאָראַמע, איז די דאָזיקע פּאַנאָראַמע אַליין זייער כאַאָטיש געבויט״.

„אָבער״, האַלט ליטוואַקאָוו, „דער מלוכה־טעאַטער האָט געלייזט די דאָזיקע אויפֿגאַבע אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן״.

„פֿריער פֿון אַלץ האָט דער טעאַטער אָרגאַניזירט דעם אינהאַלט. ער האָט פֿון „ביינאַכט״ געשאַפֿן אַ טעמע, וואָס איז שוין ניט ווייט פֿון אַ סוזשעט״.

מוזיק צו דער אויפֿפֿירונג האָט געשריבן א. קריין, אַ זייער טאַ־לאַנטפֿולער מוזיקער, און דעקאָראַציעס און קאָסטיומען האָט געמאָלט דער מאָלער ד. פֿאַלק.

דאָס הייסט, מען האָט אַרויסגענומען פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, די קערנדלעך פֿון טעמאַטיק, צוגעגעבן צו דעם מוזיק, דעקאָ־ראַציעס און קאָסטיומען, איינגעשטעלט די ביזאַרע כאַראַקטערן און גע־לאָזט זיי דעפֿילירן פֿאַרן עולם.

דאָס איז אָבער ניט פּרצעס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק”. דאָ האָט אַ גוטער רעזשיסאָר מיט אַלע מעגלעכע טעאַטער־מיטלען געשאַפֿן עט־וואָס טעאַטראַלישעס.

דאָס באַשטעטיקט אונדזער קוק אויף „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק” ווי אַ פּיעסע, אָדער ריכטיקער — ווי ניט קיין פּיעסע.

דוד הערמאַן האָט אויך געטאָן דאָס נעמלעכע, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, מיט שוואַכערע מיטלען און מיט צו־גרויסער פּיעטעט צו פּרצעס טעקסט, און דעריבער מיט ווייניקער דערפֿאָלג ווי א. גראַנאָווסקי.

א. גראַנאָווסקי האָט ניט געקענט פּרצן, ניט פּערזענלעך און ניט ליטעראַריש. דאָס איז געווען אַ מעלה פֿאַר דער אויפֿפֿירונג, אָבער אַ חסרון פֿאַר דער אויפֿפֿאַסונג.

אין הערמאַנס אויפֿפֿירונג איז געלעגן מער האַרץ. אין דעם איז גאָר קיין ספק ניטאָ. ער איז געווען אַ היימישער און נאָענטער מענטש אין פּרצעס הויז, און ער האָט ניט געקאָנט צוגיין צום טעקסט אַזוי קאַלט און אַזוי פֿרעמד ווי גראַנאָווסקי.

א. גראַנאָווסקי האָט גוט צוגעטראַכט דעם נאָמען „טראַגישער קאַר־ניוואַל”. דאָס איז אָבער אין עצם ניט „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק”. עס איז דאָ ניט בלויז טראַגעדיע אין דער דאָזיקער פּיעסע, עס איז דאָ שאַרפֿע סאַטירע, ווייטאָגדיקע סאַטירע, פֿון וועלכער עס קוקט אַרויס יאוש.

וואָרים מען מוז קומען צו יאוש ווען מען זעט פֿאַר זיך אַ וועלט אַן אויסגעלייידיקטע פֿון אַלץ, אַ וועלט וואָס עס זיינען איר געבליבן ווערטער; יעדערער האָט עטלעכע ווערטער; עטלעכע ווערטער, וואָס דער קלאַס, די גרופּע און די קאַסטע, צו וועלכער ער געהערט, האָט אים אַריינגעלייגט אין מויל אַריין.

שרייט אַ מאַרקסיסטישער אַגיטאַטאָר:

„ס׳איז אַן אייזערן געזעץ...”

און דער קרעמער ענטפֿערט, אָדער עס קומט אויס, אַז ער ענטפֿערט:

„העץ, העץ דעם עולם”.

און אַ צווייטער קרעמער איז סאַרקאַסטיש:

„וועסט אויסגיסן דאָס באָד״.

און אַ פֿרוי פֿון גאַניק זאָגט אָפּ איר פּסוק:

„זיי וועלן פֿאַרברענען די שטאָט״.

דאָס זיינען אומהיימלעכע גולמלעך, וואָס רעדן זייער גאַנץ לעבן די זעלביקע עטלעכע ווערטער, וואָס מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין מויל אַריין.

דאָ איז פֿאַראַן עפּעס מער ווי אַ קאַרניוואַל.

א. גראַנאָווסקי האָט גענומען אַ פֿרעמדע פֿאָרם, דעם טראַגישן קאַרניוואַל, און אין איר אַריינגעקוועטשט פּרצן.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע איז דאָס — אַלע זיינען מודה, אַז „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז ניט קיין פּיעסע, ניט קיין טעאַטער־שטיק, אָבער קיינער קאָן זי ניט פֿאַרבייגיין.

עס איז דאָ אַ מאָדנער רייץ, אַ מאָדנער כּישוף אין דער דאָזיקער פּיעסע, עס איז דאָ אין איר עפּעס פֿאַסצינירנדיקס.

זי איז אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער פֿון דער אומפֿאַרשטענדלעכקייט בליצט אַרויס דאָ און דאָרט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביז גאָר פֿאַרכאַפּנ־דיק, ביז גאָר שאַרף כאָטש ניט קלאָר, און אפֿשר דערפֿאַר ווייל עס איז ניט קלאָר.

עס איז דאָ אַ ציטער פֿון אַ גרויסן דיכטער אין דער פּיעסע, עס איז דאָ אַ ברייטער קוק, עס איז דאָ אַ גרויסער פֿאַרמעסט פֿון אַ דיכטער אַרומצוכאַפּן די וועלט און באַווייזן איין, אַז זי איז אַן אומגליקלעכע פּוסטע קרעטשמע.

און דער גאַנצער טאַראַראַם אַרום דער וועלט און די מענטשן איז אַ פּוסטער, אַ קאָמישער און ממילא — אַ טראַגישער.

„ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז אַ שטיקל היינטיקער זוהר, אַ שטיק מאָדערנע קבלה; איר פֿאַרשטייט, דוכט זיך, אַלץ, אָבער איר פֿאַרשטייט ניט.

און איר קאָנט לערנען אייער פּשט, איר קאָנט אַריינטייטשן אייערע כּוונות, איר קאָנט געבן אייער פּירוש...

...ווי עס איז אין אונדזער אַלטער רעליגיעזער ליטעראַטור...

צוריקקערנדיק זיך צו דער פֿראַגע וועגן פּרצעס פּאָליטישע אני־מאמינס און די אָנשטרענגונג פֿון די פֿיל פּאָליטישע קריטיקער, אָדער פּאַרטיי־מענטשן, אָנהענגער פּרצעס, צו צעטיילן פּרצן אין פֿאַרשיידענע פּאָליטישע פּעריאָדן, אָדער פּעריאָדיזירן אים פּאָליטיש, און לויט דער פּעריאָדיזאַציע דערקלערן די פּאָליטישע ליניע אין זיינע ווערק אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן, מוז געזאָגט ווערן מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אַז פּרץ האָט געהאַט פּאָליטישע סימפּאַטיעס, אָבער ער איז קיין מאָל ניט געווען געבונדן מיט וועלכער עס איז פּאָליטישער אידעאָלאָגיע.

פּרץ איז געווען בטבע אַ רעוואָלוציאָנער, ער איז אָבער אויך געווען בטבע אַ מענטש, וואָס קאָן אויף זיך ניט נעמען דעם עול פֿון אַ פּאַרטיי. פּרצן האָט מען ניט געקאָנט אַריינגעמען אין אַ פּאַרטייאישער דיסציפּלין.

פּרץ האָט כּסדר געפֿירט ליבעס מיט פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, אָבער ער האָט מיט קיין איינער פֿון זיי ניט חתונה געהאַט.

איך גלויב, אַז וועגן פּרצעס סימפּאַטיעס צו פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס האָט ה. ד. נאָמבערג געזאָגט דאָס ריכטיקע וואָרט:

„פּרץ איז אין זיין לעבן געשטאַנען אונטער אַלערליי השפּעות (פּאָליטישע). ער האָט אָבער געהאַט אַ קנאַפּע צוגעבונדנקייט צו אידעען — ער איז געווען אַן אמתער פֿרייער פֿויגל, אַ דאָן־זשואַן אין דער וועלט פֿון אידייען: ער האָט געלעבט מיט דער לעצטער און שענסטער אידייע, וואָס האָט באַוועלטיקט זיין האַרץ. אין דער טיפֿעניש פֿון זיין וועלט־אַנשויאונג איז עס געווען, וואָס ער האָט זיי טראַקטירט ווי שיינע פֿרויען. און ער האָט זיי געשטעלט די פֿאָדערונגען, וואָס מען פֿאָדערט פֿון אַ פֿרוי, ד״הייִנו: זי זאָל זיין רייצנדיק, שיין, שטראַלנדיק און אַמוזאַנט, און — זי זאָל נישט פֿאָדערן קיין חופּה מיט אַ כּתובה און אַ פֿאַרבינדעניש אויף אייביק.

„אויף דעם דאָזיקן געביט פֿון אַלערליי פּאָליטישע, מאָראַלישע און עסטעטישע אני־מאמינס איז ער אָן ספֿק געווען דער גרויסער אָנהענגער פֿון „פֿרייער ליבע״.

„מיט איין תּנאי: אַז דאָס זאָל ניט זיין גלאַט אַזוי אַ תּאווהלע, נאָר טאַקע אַ ליבע, וואָס פֿאַרכאַפּט, פֿאַרכּישופֿט און פֿאַרבלענדט, וואָס מאַכט די אויגן גלאַנצן, דאָס בלוט רירעוודיקער אין די אָדערן״.

עס איז דאָ אין דעם דאָזיקן אידעאָלאָגישן פּאָרטרעט נאָמבערגס אביסעלע פון נאָמבערגן אַליין. דאָס איז נאַטירלעך. פּרץ איז געווען אַ היפּש ביסל ערנסטער און אַפילו אויסגעהאַלטענער, אָבער ווען מען וואַרפט אָפּ דאָס ביסעלע „ליטעראַטור" אין נאָמבערגס פּאָליטישן פּאָר־טרעט, בלייבט ער דורכאויס גערעכט.

אַזאַ איז געווען פּרץ.

פּרצעס סימפּאַטיעס צום „בונד" זיינען געווען לאַנגיעריקע, אָבער ער איז קיין מאָל קיין בונדיסט ניט געווען. איך צווייפל צי האָבן עס די בונדיסטן פון אים אַמאָל פאַרלאַנגט, אָדער פאַרגעשלאָגן.

דער „בונד" איז געווען ביי אים פאַרבונדן מיט דער געבורט פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס, און מיט דער רעוואָלוציאָניזירונג פון די יידישע מאַסן.

עס איז געווען ביי אים מער ראָמאַנטיק ווי פּאַרטייאישע גע־בונדנקייט.

י. ל. פּרצעס איינאַקטערס

דער דראַמאַטישער איינאַקטער איז ווי צוגעפּאַסט צו פּרצעס ליי־טעראַרישן אָטעם. ער פילט זיך אין אים ניט ענג, ניט געפּענטעט און ניט ווי אין אַ סדום־בעטל, ווי עס איז דער פאַל מיט אַ גאַר גרויסער צאָל דראַמאַטורגן.

די דראַמע, די דריי־אַקטיקע, פיר־אַקטיקע און אַפילו די פינף־אַקטיקע איז אַ סדום־בעטל. דער דראַמאַטורג מוז זיך אויסלייגן אין בעטל. די איין־אַקטיקע דראַמע איז אַ סדום־בעטל דריי מאָל, פיר מאָל און פינף מאָל קלענער. פעלט־אויס אַ סך דראַמאַטורגן ממש אָטעם אין דער איין־אַקטיקער דראַמע.

פאַר פּרצן אָבער, פאַרן שרייבער פון דער קורצער סקיצע און דער דערציילונג, איז דער איינאַקטער ממש ווי געבוירן.

און איר זעט עס ממש בחוש.

קיין פולע דראַמע איז ביי פּרצן ניט אַרויס אָן פּגימות, אָבער עס איז ניטאָ ביי אים קיין איינציקער איינאַקטער וואָס זאָל ליידן פון די פּגימות פון די גרעסערע דראַמעס זיינע.

אין דעם איינאַקטער פּרצעס איז דאָ אַ גאַנצע דראַמע, אַ פולע דראַמע, אַ דראַמע לויט אַלע כּללים פון דער דראַמאַטישער טעכניק.

אין דעם איינאַקטער האָט פּרץ ממש וואונדערלעך באַהערשט די דראַמאַטישע טעכניק.

פון די עלף איינאַקטערס זיינען אפשר דאָ צוויי־דריי, אין וועלכע די דראַמאַטישע טעכניק איז שוואַך, אין דער צייט וואָס אין זיינע פולע דראַמעס איז אין אַלע, אָן אויסנאַם, די דראַמאַטישע טעכניק אויסערסט אומבאַהאָלפן; אָדער עס האָט פּרצן אויסגעפעלט אָטעם און עס איז אַרויס ניט קיין פולע דראַמע, אָדער דער דראַמאַטישער שטאָף איז ניט צעלייגט אין דער ריכטיקער פּראָפּאָרציע, ווי, למשל, אין „די גאָלדענע קייט״, אין וועלכער די דראַמאַטישע אויפלייזונג קומט אין ערשטן אַקט, אָדער אין „אין פּאָליש אויפן קייט״, אין וועלכער פּרצן האָט אויסגעפעלט דראַ־מאַטישער אָטעם און עס איז אַרויס ניט קיין פולע און ניט קיין איין־

אַקטיקע דראַמע, אָדער אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״, וואָס איז אין גאַנצן ניט קיין דראַמע פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער דראַמאַטישער טעכניק.

קיין איינציקער איינאַקטער פּרצעס ליידט ניט פֿון די פֿעלערן, וואָס זיינען אַזוי ניכּר אין די גרויסע דראַמעס פּרצעס. די איינאַקטערס זיינען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער האַנדלונג און פֿון דער טעמע פֿולערע דראַמען ווי די גרעסערע דראַמען.

אין די איינאַקטערס האָט איר כּסדר גאַנצע דראַמען.

לאָמיר נעמען פֿאַר אַביישפּיל דעם איינאַקטער „ס׳ברענט״.

דאָ האָט איר אַ יונגע פֿרוי, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן על־טערן רייכן ייד. דער עלטערער ייד וויל קויפֿן די ליבע פֿון דער יונגער פֿרוי. ער זעט איין, אַז חתונה איז נאָך ניט קיין קאָנטראַקט אויף ליבע. עס איז אַ קאָנטראַקט, אַז די באַטרעפֿנדיקע פֿרוי איז בלויז זיין פֿרוי; שענקט ער איר מתּנות. די מתּנות זיינען צירונג, וואָס עס איז אים געבליבן פֿון זיינע פֿריערדיקע דריי פֿרויען. איז ווען ער שענקט זיי דער יונגער פֿרוי זיינער זאָגט זי אים ביטער — דאָס איז פֿון דער ערשטער פֿרוי, דאָס איז פֿון דער צווייטער פֿרוי און דאָס איז פֿון דער דריטער פֿרוי...

ער קאָן די ליבע פֿון דער יונגער פֿרוי ניט קויפֿן...

אין דער דאָזיקער קליינער סצענע האָט איר שאַרף און קלאָר די באַציאונג צווישן מאַן און ווייב.

אַגב זעט איר דאָ, אַז דער מאַן וויל פֿאַרלויפֿן דעם וועג נאָך עפּעס: זיין יונגער זון, ווייסט ער, האָט ליב געהאַט און האָט אויך איצט ליב זיין יונגע פֿרוי.

איז ראשית געטרויט ער ניט צו לאָזן זיין פֿרוי אַליין מיט זיין זון און צווייטנס, וויל ער די פֿרוי באַשיטן מיט גאָלד און מיט דעם אָפּרייסן איר פֿון דעם יונגן זון זיינעם.

דער אַלטער גייט אַוועק.

און דאָ טרעט אויף דער זון.

און באַלד צעפּלאַקערט זיך אַ ליבע־דיאַלאָג צווישן זון און זיין פֿאָטערס פֿרוי.

דער מאַנער, אָדער דער אַגרעסיווער צד, איז דער זון. די פֿרוי איז מער ווי פּאַסיוו, זי איז פֿאַרטיק מיט ליבע, זי איז אויסגעלאָשן, זי איז דעם אַלטן שמריהס ווייב, זי איז אַן אשת־איש. דאָס איז דער סוף, דאָס איז דער ברעג. זי איז מער ניט פֿעאיק צו ליבע, זי איז טויט צו ליבע.

שטויסט זיך די פֿייערדיקע ליבע פֿון שמריהס זון אָן אויף אַ טויטן ווידערשטאַנד, אָדער אויף אַ טויטער גלייכגילטיקייט.

דאָ האָט איר אַ געראַנגל פֿון פֿייער און אייז, פֿון לעבן און טויט.

פּלוצלינג דערזעט שמריהס זון אַ רויטן הימל דורכן פֿענצטער; עס ברענט ערגעץ, עס ברענט...

און ווי ער זאָגט אַרויס די דאָזיקע ווערטער קומט אַריין דער אַלטער שמריה און זאָגט, שאַרף: „עס ברענט, דאָ...”

דאָס הייסט, די זינד ברענט דאָ...

דאָ איז אַזוי פּרציש, דאָ איז אַלץ ממש, אי דער אָנהייב און אי דער סוף פּרציש.

אַ גאַנצע דראַמע איז דאָ אין דעם איינאַקטער.

דער קורצער זאַץ, וואָס איז דער פֿינאַל פֿון דעם איינאַקטער, איז טיפּיש פּרציש, אָבער ער איז אויך אַ שאַרפֿער פֿינאַל.

אין די איינאַקטערס פּרצעס זעען מיר נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס מיר זעען ניט אין די גרעסערע דראַמען און ניט אין פּרצעס דערציילונגען.

אין די איינאַקטערס זיינען די הויפּט־געשטאַלטן, אָדער די העלדינס דורכאויס פֿרויען.

אין די דריי גרעסערע דראַמען זיינען מענער די העלדן, די פֿרויען זיינען זייטיקע, עפּיזאָדישע געשטאַלטן. זיי זיינען עפּיזאָדיש ווען אַפֿילו די פֿרוי איז די אורזאַך אָדער די הויפּט־סיבה פֿון דער דראַמאַטישער געשעעניש, ווי צום ביישפּיל אין „וואָס אין פֿידעלע שטעקט”. דאָ איז „די שוואַרצע פּעשע” די הויפּט־סיבה פֿון דער דראַ־מאַטישער געשעעניש, אָבער פּעשען זעט איר בלויז איין מאָל דורכ־גייענדיק און איין מאָל זאָגנדיק עטלעכע ווערטער; אָדער אין „אין פּאַ־

ליש אויף דער קייט״, וואו די פרוי איז אייגנטלעך די הויפט־סיבה פון דער דראמע, זעט איר זי כמעט ניט, זי באווייזט זיך בלויז צוויי מאל און אירע אויפטריטן זיינען אויסערסט קורצע.

אביסל קאנטיקער און דראמאטיש תוכיקער איז לאה אין ״די גאל־דענע קייט״. זי איז אבער איינע פון די הויפט־פערזאנען, אבער בפירוש ניט די הויפט־פערזאן.

אין ״ביינאכט אויפן אלטן מארק״ זיינען די פרויען כמעט גארניט קאנטיק.

אין די עלף איינאקטערס פרצעס האט איר דעם גאנצן טראגיזם פון דער פויליש־יידישער פרוי.

די לאגע פון דער פויליש־יידישער פרוי איז געווען טראגיש, ביז גאר טראגיש.

פון צוויי סיבות שטאמט דער דאזיקער טראגיזם: ער שטאמט ראשית פון דער פארשיידנקייט פון דער דערציאונג פון דער פרוי און פון דער עקאנאמישער לאסט, וואס פאלט אויף די פלייצעס פון דער יידיש־פוילישער פרוי.

עס האט זיך אזוי איינגעשטעלט אין דעם יידישן לעבן אין פוילן, אז די פרוי האט באקומען א גוטע וועלטלעכע דערציאונג, זי איז אויס־געהאדעוועט געווארן אויף דער פוילישער ליטעראטור מיט איר נא־ציאנאלער ראמאנטישקייט און מיט איר נאציאנאלן מיסטיציזם.

זי איז דערצויגן געווארן אין די פוילישע פריוואטע שולן אין גייסט פון דער פוילישער מיטעלער אריסטאקראטיע. זי האט זיך געלערנט טאנצן עלעגאנט, קליידן זיך עלעגאנט, ריידן עלעגאנט און באנעמען זיך גרויסוועלטיש.

אין דעם אלץ איז ניט געווען קיין טיפקייט, עס איז געווען אויסער־לעכער גלאנץ, גוטע מאנירן און גרויסשטאטישע באנעמונג.

בלויז די פוילישע שיינע ליטעראטור מיט איר נאציאנאלער רא־מאנטישקייט האט איבערגעלאזן א טיפן רושם.

אזוי האט דערצויגן זיינע טעכטער דער גרעסטער חסיד; דער רעליגיעזער פוילישער ייד האט געהאלטן, אז א פרוי טאר מען קיין

תורה ניט לערנען, אָבער פויליש דאַרף זי יאָ לערנען, ווייל אַ פרוי מיט איר גוטן פויליש קאָן, אַגבֿ, העלפן דעם מאַן אין זיינע געשעפטן מיטן פוילישן פריץ...

און אָט די דאָזיקע יידישע יונגע פרוי, וואָס איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ יונגע פוילישע פּריצטע, האָט חתונה געהאַט פאַר אַ חסידישן יונגנ־מאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, מיט אַ קליין היטעלע און אין שטיוועלעך.

ווייל אַ מאַנספּאַרשוין מוז זיין פרום, מוז לערנען תורה, מוז זיצן אין בית־המדרש, מוז פאָרן צום רבין, מוז זיין אַ חסיד. הכלל, עס איז אַ מאַן, אַ פויליש־יידישער מענטש.

פלעגט איר זען די קאָנטראַסטן אַפילו אויסערלעך שאַרף און שרייענדיק:

אָט פירט מען אַ פּאָר־פאָלק צו דער חופּה; פירט מען די כלה אָנ־געטאָן ווי אַ פּאַריזער כלה, און דער חתן איז אָן אויסגעווייקטער יונגער מענטש, אין אַ לאַנגער אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט פאות און מיט אַ פיצל בערדל אויף דער גאָמבע.

און אָט באַגעגנט איר דאָס פּאָר־פאָלק אין גאַס: שפּאַצירט אַ פּריצטע מיט אַ כניאָק, מיט אַ יונגן בית־המדרשניק; צוויי פאַרשיידענע וועלטן ווערן צוזאַמענגעפירט און פאַרבונדן אויף אייביק.

איז עס געווען טראַגיש פאַר דער פרוי. בלויז דער מאַן האָט זיך געלעבט זיין לעבן. ער האָט געהאַנדלט, געדאַוונט אין שטיבל, געפאָרן צום רבין. הכלל, ער האָט געלעבט זיין לעבן, און אין זיין לעבן האָט זיין פרוי קיין שום אָנטייל ניט גענומען.

פלעגן פאָרקומען טראַגעדיעס כמעט אין איטלעכן חסידישן הויז.

דער שאַרפער אונטערשייד אין דער דערציאונג פון מאַן און ווייב האָט זיך געלאָזט פילן אויף טריט און שריט.

אַ סך טראַגעדיעס האָבן זיך געענדיקט מיט שמד פון דער פרוי.

קיין יידישער ישוב האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסע צאָל משומדות ווי דער דורכאויס פרומער פוילישער יידישער ישוב. דאָס איז געווען דער דירעקטער פועל־יוצא פון דער דערציאונג פון דער פרוי.

שמד איז געווען דער פינאַל פון דער טראַגעדיע. צום גרעסטן טייל אָבער האָט די טראַגעדיע געטליעט און געטליעט ביז עס איז געקומען

די עלטער, און די טראַגעדיע איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט דער אויס־לעשונג פֿון אַלע ליידנשאַפֿטן.

דאָס איז געווען בלויז איין טראַגעדיע פֿון דער יידיש־פּוילישער פֿרוי.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַ טראַגעדיע:

דער יונגער מענטש, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין חסידים־שטיבל, איז געווען על־פּי־רוב אַ לא־יוצלח, ער האָט זיך ווייניק אויסגעטויגט צום לעבן.

דאָ און דאָרט פֿלעגן דווקא פֿון די דאָזיקע חסידים־שטיבלעך אַרויס־קומען שאַרפֿע סוחרים, האָווענדיקע און שמאַיענדיקע סוחרים, און סוחרים וואָס האָבן געקערט וועלטן.

אָבער בכלל זיינען אַריין אין דער פּראַקטישער וועלט נאָך דער חתונה אַ היפּש ביסל לא־יוצלחס; און די פֿרוי האָט סוף־כל־סוף געמוזט נעמען אויף זיך דעם עול פֿון פּרנסה.

איך האָט אין קיין יידישן ישוב ניט געזען אַזוי פֿיל הענדלערינס, קויפֿערינס און פֿאַרקויפֿערינס ווי אין פּוילן; און עפּעס מיט אַן אומ־היימלעכער פֿאַרביסנקייט האָבן זיי געהאַנדלט, געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט.

און דאָס זיינען געווען דאָס רוב פֿרויען פֿון מענער לא־יוצלחס, פֿון מענער לערנערס, פֿון מענער חסידים, וואָס פֿלעגן אָפּליגן טאָג און נאַכט אין די שטיבלעך, פֿון מענער, וואָס פֿאָרן כסדר צום רבין, און פֿון מענער, וואָס טויגן זיך ניט אויס צום פּראַקטישן לעבן.

די פֿרוי די הענדלערין, די קויפֿערין און פֿאַרקויפֿערין האָט אויך געדאַרפֿט דערציען אירע קינדער, זיין די בעל־הביתטע אין הויז, הכלל, דער גאַנצער עול איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף די פּלייצעס פֿון דער שוואַכער פֿרוי.

און דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער איז געווען אַן איינגעשטעלטער און אַ געהייליקטער; ער האָט זיך ביסלעכווייז, פֿאַרשטייט זיך, געענ־דערט, אָבער די ענדערונג איז פֿאָרגעקומען אַזוי לאַנגזאַם, אַז מען האָט זי אין לעבן כמעט ניט געפֿילט.

בלויז אין די גאָר גרויסע שטעט איז די ענדערונג פֿאָרגעקומען אַביסל האַסטיקער.

אָבער בכלל איז דער דאָזיקער לעבנס־שטייגער געבליבן פֿעסט ביז די סאַמע לעצטע טעג פֿון דעם פּויליש־יידישן ישוב.

און פֿלעגט אַמאָל טרעפֿן אַ גלייכע פּאָר, גלייך אין דערציאונג און גלייך אין דער צעטיילונג פֿון דעם עול צווישן מאַן און ווייב, פֿלעגט טאַקע דאָס לעבן פֿון אַזאַ פּאָר פֿאַלק זיין גליקלעכער, פֿולער און האַר־מאָנישער ווי אין אַנדערע יידישע ישובים.

אַט האָט איר אַ ביישפּיל אין אַן איינאַקטער פּרצעס, וואָס הייסט „נאָך קבורה".

אין דעם דאָזיקן איינאַקטער זיינען דאָ בלויז דריי פּערזאָנען: אַ פֿרוי, די אלמנה, און צוויי מומעס. די צוויי מומעס שפּילן די ראָלע פֿון דעם גריכישן כאָר, זיי פֿאַלן בלויז אַריין מיט אַ וואָרט דאָ און דאָרט, און העלפֿן קלאָרער און פֿאַרשטענדלעכער מאַכן די דראַמע.

די אלמנה איז יונג, זי איז געבליבן אַליין, קיין קינדער ניטאָ, קיין נאָענטע קרובים, אויסער די צוויי מומעס, זיינען ניטאָ. דער מאַן איז געווען איר משפּחה, איר וועלט.

מאַן און ווייב זיינען געווען גלייך און דעריבער פֿאַרליבט איינער אין דער אַנדערער.

די אלמנה קומט פֿון בית־עלמין. זי האָט אָקאָרשט באַגראָבן איר מאַן. זי קאָן אַפֿילו ניט וויינען.

דאָס הערט איר איינער פֿון די מומעס, זי זאָגט:

— האָט נאָך קיין טרער ניט געלאָזט...

אָבער די אַנדערע מומע זעט אַ פֿונק לעבן אויף איר געזיכט און זי זאָגט:

— דאָס פּנים, דוכט זיך, גייט איר אָפּ.

זי זאָגט עס מיט האָפֿענונג.

די יונגע אלמנה גיט פּלוצלינג אַ פֿרעג:

— מומע, וואָס האָסטו געטאָן אויפֿן בית־עלמין?...

די מומע ענטפֿערט:

— גאָרנישט...

די אלמנה (מיט אַ פֿאַרגליווערטן שמייכל):

— בלימעלעך געריסן?

שושקעט איין מומע דער אַנדערער אַריין אין אויער:

— דאָס האָט זי געטאָן... אין מיטן קריעה שניידן אַנגעבויגן זיך...

און אָט האָט איר אַ שמועס פֿון די מומעס צווישן זיך, פֿון וועלכן איר דערוויסט זיך וועגן דער מאָוימדיקער איינזאַמקייט און עלנט פֿון דער יונגער אלמנה.

איין מומע: — וואָלט זי אַ טאַטן געהאַט...

צווייטע מומע: — וואָלט זי אַ מאַמען געהאַט...

ערשטע מומע: — אַ מאַמען. אַ מאַמע ווייסט שטענדיק וואָס צו טאָן...

צווייטע מומע: — אָדער אַ קינד.

ערשטע מומע: — ס׳וואָלט געוויינט...

צווייטע מומע: — אַ קליינס, וואָלט עס געצופּט ביי דער ברוסט...

מיט אַמאָל איבעררעדשט זיי די אלמנה מיט אַזעלכע ווערטער:

— מיידלוויז האָב איך געקאָנט טאַנצן...

די מומעס דערשרעקן זיך.

די אלמנה: — און פֿייפֿן אויך... קיינער נישט געוואוסט... ער אויך נישט...

פֿון איינער פֿון די מומעס דערוויסן מיר זיך, אַז מאַן און ווייב זיינען געווען איינזאַמע מענטשן.

די מומעס לייגען די אלמנה שלאָפֿן. זיי וועלן באַלד צוריקקומען, זען וואָס זי מאַכט. אָבער ווי די מומעס גייען אַוועק באַווייזט זיך די אלמנה צוריק.

און דאָ שפּילט זי אָפּ מיט איר פֿאַרשטאָרבענעם מאַן איינע פֿון זייערע געוויינלעכע ליבע־סצענעס.

עס איז אַ ריינע, אַן אידיליש ליבע־סצענע, עס איז אַ יידישע ליבע־סצענע. זי איז וואונדערלעך ריין.

אָט גייט זי מיט אים שפּאַצירן:

— קום, חתן מיינער, שפּאַצירן (זי נעמט אים אונטערן אָרעם), נאָר זאָלסט מיך ניט קושן, הערסט, האָסט צייט (בייגט־צו דעם קאָפּ צו אים). די האָר מעגסטו קושן. זיי שמיר זיי מיט גאָרניט. דאָס שמעקט מיין נשמה... אַזוי זאָגסטו? יאָ? וואָס רעדסטו היינט

אַזוי ווייניק? דיינע ליפּן רירן זיך ניט, איך הער ניט קיין קלאַנג... (זי שטעלט זיך אָפּ). עפּעס פֿיל איך ניט דיין האַנט... דיך אויך ניט. (דערשראָקן) וואו ביסטו? אַ! (שמייכלט) ערב שבת, געגאַנגען דאַוו־נען... (באַטראַכט זיך) און איך בין נאָך ניט אָנגעטאָן. ער וועט באַלד קומען, און זאָגן „גוט־שבת", אַזוי האַלב זינגענדיק „גוט־שבת" (זי שטעלט דאָס מויל צום קושן), דערנאָך אויף און אָפּ: „שלום־עליכם"... (זי כאַפּט זיך) נאָך מיין ליכט ניט געבענטשט...

און אַזוי לעבט זי איבער אַ גאַנצע אידילישע טצענע, אַ געוויינט־לעכע סצענע צווישן אַ גליקלעך יידיש פּאָר־פֿאָלק פֿרייטאָג־צו־נאַכטס, אָדער יום־טוב אין אָוונט.

די איבערלעבונגען אין דער אידילישער סצענע זיינען רעאַל, ווירק־לעך, אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אַ וואונדערלעכן ראָמאַנ־טישן אַראָמאַט, אַ ראָמאַנטיש־יידישן אַראָמאַט.

פּרץ האָט דאָ וואונדערלעך אַריינגעפֿלאָכטן דעם ערב־שבת אין דער אידילישער ליבע־סצענע. דער ערב־שבת איז דער יידישער עלעמענט אין דער ליבע־סצענע, און גיט די פֿאַרב דער גאַנצער סצענע.

עס איז אַ גאָר קליינער איינאַקטער, אין גאַנצן קאַרגע זעקס בלעט־לעך, אָבער ער איז שיין און דראַמיטיש, ביז גאָר שיין און ביז גאָר דראַמאַטיש.

פּרץ האָט מסתמא פֿאַראויסגעזען מוזיק פֿאַר דעם דאָזיקן איינאַק־טער, ווייל לויט דעם לעצטן רעמאַרק ענדיקט זיך דער איינאַקטער מיטן פּלאַצן פֿון אַ סטרונע...

ענלעך אויף „נאָך קבורה" איז דער איינאַקטער „אַ קברות־נאַכט". אָבער דאָ זיינען פֿאַרוויקלט עטלעכע דראַמען, אַ דראַמע פֿון אַ יונגער פֿרוי, וואָס קומט אויף איר מוטערס קבר קלאָגן זיך אויף איר מאַן.

זי פֿאַלט צו צו דער מאַמעס קבר מיט אַ געשריי:

— געשלאָגן!

דאָס בין איך, מאַמע... קוים אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט! ס׳האָט מיך געשטיקט, געוואָרגן, געמיינט, עס וועט נישט אַרויס — כ׳וועל שטאַרבן און נישט זאָגן, צינד איז גרינגער...

געשלאָגן, מאַמע, געשלאָגן.

וועמען?

דיין בת־יחידה, דיין איין־איינציקע, אויף וועלכער דו האָסט גע־הויכט...

ווער עס האָט מיך געשלאָגן?

ער!

פאַרוואָס? מיינסט חלילה, ער האָט מיך נישט ליב? מיינסט, חלילה, איך פאַרקלאָג אים פאַר דיר?

חס ושלום! זאָלסט ערגעץ דאָרט, חלילה, ניט דערציילן...

פאַר הונגער, מאַמע! און ווייל איך האָב ניט געוואָלט ווינען. אָבער איך האָב ניט געוואָלט! גאָט איז מיין עדות, איך האָב ניט געוואָלט, איך האָב ניט געקאָנט... איך בין אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, פאַרגליווערט! און ער זאָגט: אַ ווייבל, וואָס דער מאַן שפּייזט ניט, שרייט, שעלט; און שוואַרץ פייער צינדט זיך אים אַן אין די אויגן: דו וועסט שרייען! מוזסט וויינען!

און ווי ער האָט מיין בלוט דערזען, מאַמע, איז ער אויסער זיך געוואָרן, האָט אַ ווילדן אויסגעשריי געטאָן, ביים קאָפּ זיך אָנגעכאַפּט און אַנטלאָפן...

ר׳איז אַנטלאָפן, מאַמע... ער וועט זיך אַ מעשה אַנטאָן, מאַמע, ער וועט ניט אויסהאַלטן...

שוין צוויי טעג, אַז איך זוך אים אַרום...

מאַמע, איך גיי פון דיין קבר ניט אַוועק; קום איך אַהיים, און די שטוב איז ליידיק, הענג איך מיך — הערסט מאַמע?

איך וועל דאָ ליגן, ביי דיינע פיס.

דאָס ווייבל כאַפּט אַרום די מצבה, און שלאָפט־איין אויף דער מאַ־מעס קבר פון מידקייט און צער.

דאָס וואָלט געווען אַ וואונדערלעכער דראַמאַטישער מאָנאָלאָג, דער שטאַרקסטער דראַמאַטישער מאָנאָלאָג.

און וויפּיל ליבע עס איז דאָ אין אים, און וויפּיל לײדן זײנען דאָ אין דעם מאָנאָלאָג.

האָט אָבער פּרץ דאָ אַרײנגעפּלאָכטן נאָך אַ דראַמע — דעם קברנס טאָכטער האָט אַ קינד געהאַט, און דער יונג, דער טאַטע פֿון קינד, קומט צונעמען דאָס קינד און פּטור ווערן פֿון אים... אָבער דאָ קומען גנבים באַגנבענען דעם קברן. ער האָט הײנט געהאַט אַ רײכן בר־מינן, האָט ער זיך אָנגעטרונקען, איז עס די ריכטיקע צײט אים צו באַגנבענען.

דער יונג דערשרעקט זיך און פֿאַרלירט דאָס קינד אַנטלויפֿנדיק.

און דאָ קומט דער מאַן פֿון דעם ווײבל, וואָס ליגט אײנגעשלאָפֿן אויף דער מוטערס קבר, און הענגט זיך אויף אַ בוים.

מתים קומען אַרויס פֿון די קברים און פֿירן אַ שמועס ווי לעבע־דיקע. דער קברן כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך מאַכן אָרדענונג אויף דעם בית־עולם. עס איז זײן ממשלה...

הכלל — צופּיל דראַמען, אָבער גאָר צופּיל.

אָבער בײנאַכט אויפֿן בית־עלמין איז עס טעאַטראַלי...

אָבער גלײכער וואָלט געווען ווען פּרץ בלײבט בײם ווײבל, וואָס ליגט אויף איר מאַמעס קבר, און איר מאַן, וואָס קומט אויך אויפֿן בית־עלמין און הענגט זיך. דאָס איז גענוג דראַמע, איבערגענוג.

אין דער דאָזיקער דראַמע האָט איר ווידער אַ סצעניש ווערק, וואָס האָט הינטער זיך אַ יידישע ליבע צווישן מאַן און פֿרוי. אָבער דאָ מישט זיך אַרײן די רוצחישע קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיק און צעשטערט זי אכזריותדיק.

הונגער האָט זיך אַרײנגעריסן אין הויז פֿון אַ יונג פּאָר־פֿאָלק. די יונגע פֿרוי איז פֿאַרשטײנערט, פֿאַרגליווערט פֿון צער. דער יונגער מאַן, דער שפּײזער, קאָן ניט איבערטראָגן די פֿאַרשטײנערטקײט און פֿאַר־גליווערטקײט פֿון זײן יונגער פֿרוי און אין אַ מאָמענט פֿון ביטערן צאָרן שלאָגט ער זײן יונגע פֿרוי, וואָס ער האָט אַזוי ליב.

די פֿרוי קומט צו איר מאַמע, אויפֿן בית־עלמין, רעדט אַראָפּ פֿון האַרצן איר גרויסן צער. דער מאַן האָט זי געשלאָגן, אָבער ניט, חלילה, ווײל ער האָט זי ניט ליב, נאָר ווײל ער האָט זי צו־ליב.

און בשעת די יונגע פרוי ליגט אויף איר מאַמעס קבר קומט איר אומגליקלעכער מאַן אויך אויפן בית־עלמין. ער קומט זיך נעמען דאָס לעבן. ער הענגט זיך אויף אויפן בית־עלמין...

דאָס איז די דראַמע אַרויסגעשיילט פון די אַנדערע דראַמעס.

און אָט האָט איר אַ קליינע דראַמע אין אַ קורצן דיאַלאָג.

די דראַמע איז — ווען דער אונטן און דער אויבן אויף דעם עקאָנאָמישן לייטער באַגעגענען זיך, פאַרליבן זיך און גייען זיך פונאַנדער.

די קליינע דראַמע הייסט „ביי דער טיר" און דעם דיאַלאָג אין דער דראַמע פירן „ער" און „זי".

„ער" באַגעגנט „זי". „ער" (קוקט זיך אום, רירט־אָן איר אַקסל).

זי: דו?

ער: אַליין?

זי: דער טאַטע אין קבר — די מאַמע אין תפיסה — אַליין.

ער: וואָס ווייטער?

זי: האָט ערגעץ אַ הון געכאַפּט... אַ בריה דערויף. זי האָט אָבער קיין גליק נישט געכאַפּט!

ער: כ׳האָב דאָך דיר געוואָלט געבן —

זי: כ׳וועל ביי דיר נישט נעמען. גיי אַהיים...

ער: טרייב מיך נישט.

זי (נאָך אַ פּויזע): כ׳האָב דיין מאַמע געזען.

ער (דערשראָקן): זי ווייסט עפּעס? האָט דיר עפּעס געזאָגט?

זי: זייער אַ גוטע, דיין מאַמע; עס טוט איר זייער לייד וואָס די אַלטע זיצט... און פונקט אַצינד...

ער: וואָס אַצינד?

זי: ווען מען דאַרף אַזוי פיל איינקויפן צו דיין — חתונה... „אַזוי ווי זי קויפט איין, וועט קיינער נישט... פעט, ביליק און פּינקטלעך..."

ער (מיט פאַרוואורף): מרים!

זי: זי וויל, כ׳זאָל פאַרטרעטן די מאַמען... זי וואונדערט זיך פאַרוואָס איך זאָל ניט ערלעך פאַרדינען!

ער: מרים!

זי: אַזוי הייס איך.

דער דיאַלאָג ציט זיך ניט לאַנג. „ער" גייט אַוועק צו זיין טאַטן מיטן הויכן שטערן, צו זיין מאַמען, די נגידותטע און צו זיין כּלה. „זי" שיקט אים אַוועק...

דאָ איז דער דיאַלאָג שאַרף ווי אַ חלף. איטלעכס וואָרט איז אָנגע־לאָדן מיט דראַמאַטישקייט. נאָך די ערשטע פינף־זעקס ווערטער ווערט אַלץ אַזוי קלאָר, אַז מען טאָר ממש קיין איבעריק וואָרט ניט ריידן.

דאָ האָט איר אין עטלעכע ווערטער דעם גאַנצן אינהאַלט פון אַ דראַמע.

און איר ווייסט גענוי מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן, ווייל דער סוף איז פאַטאַל. דער אונטערשייד אויף דעם עקאַנאָמישן לייטער איז אַזוי שאַרף, אַז אַלץ מוז קומען צו דעם פאַטאַלן סוף.

און די פרוי איז דאָ די שטאַרקע. זי שיקט אַהיים איר רייכן „גע־ליבטן".

און „זי", וואָס דערציילט וועגן איר מוטערס גנבה פון אַ הון מיט ביטערקייט, לאָזט אויף איר מוטער קיין שטויב ניט פאַלן פון אַנדערע.

ווען „ער" זאָגט איר, אַז איר מוטער איז איר אומגליק, האַקט זי אים אָפּ:

— רייד נישט! — זי האָט אַלץ געטאָן, וואָס זי האָט געקאָנט... דער הונגער איז שטאַרקער געווען... האָט זי געכאַפּט עפּעס... און די יתומה, אַז זי איז אַליין געבליבן, האָט חן אין לייטנס אויגן געפונען...

דאָ האָט איר אַן אלמנה, וואָס כאַפּט אַ מאָל אַ הון כּדי איר טאָכ־טערל זאָל זיין זאַט און שיין.

און אָט האָט איר נאָך אַן אלמנה.

די דאָזיקע אלמנה, וואָס אין דעם איינאַקטער „שאַמפּאַניער", האָט אַפילו נאָכן טויט פון איר מאַן, דעם סופר, געוואָלט אָנהאַלטן דעם פרומען שטאַט פון אַ סופרס אַ פרוי.

האָט זי אַ שטרענג אויג געהאַלטן אויף אירע טעכטער, דעם סופרס טעכטער, די טעכטער פון דעם פרומען גאָטספאָרכטיקן סופר. איז איין טאָכטער געבליבן זיצן ביזן גרויען צאָפּ. די צווייטע טאָכטער איז יונג געבליבן אַן עגונה. און די יינגסטע טאָכטער איז אַ נייטאָרין.

דאָס איז דער תּכלית וואָס איז געוואָרן פון די דריי טעכטער אירע.

זי האָט געקעמפּט מיט די לעצטע כּוחות, ביז זי האָט אָפּגעלאָזן די לייצעס...

קומט די פרומע שכנה דבורה, אויך אַן אלמנה, און דערציילט איר, אַז „זי איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס גערטנדל מיט דער רעסטאָראַציע, וואו די מוזיק שפּילט, הער איך זי? מוזיק פעלט מיר. כ׳קוק מיך אפילו ניט אום... ווער מיר גערטנדל. ס׳וואַקסט מיר אַ מויד אין גרויען צאָפּ אַריין. פון מיינע עסקים וועט קיין נדן ניט זיין... גיי איך... נישט די אויגן זעען און נישט די אויערן הערן... פּלוצלינג אַ געלעכטער! כ׳קוק מיך אום, דערזע׳ך...

פרעגט די אלמנה:

— וואָס האָסטו געזען?

דערציילט די צווייטע אלמנה:

— הלוואי וואָלטן עס מיינע אויגן ניט געזען! יאָגט נאָך אַ קאַפּעלוש אַ צנועה... פון רעסטאָראַציע איבער דער לענג פון צוים... זי קנאַקט צוקערקעס און לאַכט, ס׳קליידל שוועבט, ער — נאָך... יאָגט ער זי, כאַפּט זי אַ הויפן בלעטער און שמייסט אים, אין פּנים אַריין... און לאַכט... און לאַכט...

די ערשטע אלמנה:

— הדסל?!

זאָגט די צווייטע אלמנה:

— און דו האָסט געוואוסט און געשוויגן?!

ענטפערט די ערשטע אלמנה פעסט:

— יאָ, אַצינד שווייג. דו הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן. אַלץ וועל איך דיר דערציילן. איין גאָט אין הימל וועט אונדז הערן.

און די מעשה איז קורץ און שאַרף:

דריי טעכטער האָט דער סופר איבערגעלאָזן... איז די עלטסטע אַצינד אַ זויערע לימענע — אַ גרויער צאָפּ. נאָר דעמאָלט האָט זי געלויכטן ווי די זון... איך בין דעמאָלט דעם פרומען סופרס פרוי געווען. איך האָב זי ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָב געוואוסט, אַז היינטיקע צייטן... עס דרייען זיך אַרום קלעזמער, שניידערלעך, אַזוי דייטשלעך און אַלטע בחורים... בית־המדרשניקעס אפילו פלעגן זיך

דרייען ביים פענצטער... נאָר אויף וואָס איז אַ מאַמע? אַ כּלה־מיידל, האָב איך געוואוסט, דאַרף זיין ווי אַ שפּיגל... און איך האָב מיינס באַוויזן. עס איז אויף איר קיין הויך ניט געפאַלן! געהיט האָב איך זי, געהיט, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזן, קיין טריט פון שטוב אָן מיר ניט געמאַכט, און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעל דיך נישט... דאָ מעק זיך נישט... קוק נישט ווי פייגעלעך פליען.

איצט איז זי 36 יאָר אַלט, אַן ערלעך מיידל, די ביינער צו ציילן, אַ געראונצלטע הויט, ווי פאַרמעט פון תּפילין, אויגן פאַרלאָשענע, דאָס פּנים זויער...

און ווייסטו וועמען זי האָט פיינט? מיך, איר אייגענע מאַמע. זי אַליין ווייסט ניט פאַרוואָס. נאָר איך ווייס...

און די צווייטע האָט חתונה מיט אַ שניידער־יונג. ניט געוואָלט לאָזן די צווייטע זיצן ביזן גרויען צאָפּ. האָט ער אָפּגעלעבט מיט איר אַ יאָר, צוגענומען דאָס געלט מיטן רעשט כּוח און איז אַוועק.

אַן עגונה געבליבן.

האָט זי זיך אָנגעלעבט אַ לונגען־פעלער, זי שפּייט מיט בלוט... אַ שאָטן איז זי שוין, און זי טוליעט זיך צו מיר ווי אַ קינד, ווי אַ קליין קינד, און עס וויינט גאַנצע נעכט...

און ווייסטו אויף וועמען זי וויינט? אויף מיר. איך האָב זי אומגליקלעך געמאַכט. אירע טרערן פאַלן ווי הייסער בליי אויף מיין האַרץ.

הכּלל — האָב איך געזאָגט — זאָל די דריטע לעבן, זאָל זי זיין ווי זי וויל! זי פאַרדינט מיט דער נאָדל, זעכצן שעה אין טאָג אַרבעט זי, קוים טרוקן ברויט פאַרדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסן! זי וויל לאַכן, שטיפן, קושן זיך — זאָל זי!

...און דאָ קומט אַריין דאָס דריטע טאָכטערל שיכּור און שרייט:

— שאַמ־פּאַ־ני־ער!

און די מאַמע, די אַלמנה, זאָגט מיט טיפן וויטאָג:

— נישט דאָס האָב איך געמיינט... נישט אַזוי ווייט... (מיט פאַרוואורף צום הימל). נישט קיין רחמנות געהאַט... געשטראָפט און אַזוי האַרט, אַזוי האַרט...

אין אָרעמקייט און אין נויט זיינען מיידלעך אין אַ שטענדיקער געפֿאַר. מען לויערט אויף זיי, מען קאָן זיי קויפֿן ביליק, זייער ביליק.

און שיין זיינען די אָרעמע מיידלעך, און הייס בלוט האָבן זיי, ווערן זיי לייכט געשטרויכלט...

און היטן זיי, שרעקן זיי מיט גיהנום איז אויך ניט גוט. עלטערן זיי זיך, זיצן ביזן גרויען צאָפּ.

און אַ מאַמע קאָן זיך ניט צערייסן, זי דאַרף זאָרגן פֿאַר פּרנסה, און אַפֿילו ווען עס איז דאָ אַ פֿאָטער, איז ער אַ לאַ־יוצלח. די מאַמע מוז אַרבעטן שווער, וואַקסן קינדער אויף הפקר, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען.

און אַזאַ שרעקלעך בילד האָט איר אין דעם איינאַקטער „אין אַ פֿרימאָרגן״.

עס איז מער בילד ווי דראַמע, אָבער שטאַרק איז דאָס בילד.

דאָ זעט איר אַן אָרעמע פֿאַמיליע, אַ זיידע, וואָס איז אַלט און קראַנק, אַ פֿאָטער, וואָס איז אַ לאַ־יוצלח, אַ מאַמע, וואָס אַרבעט פֿאַר גבירישע הייזער, און צוויי מיידלעך, איינע אַ ברען פֿון אַ יאָר אַכצן און די אַנדערע „אַ בלאַסע שיינהייט מיט שטאַרע אויגן״, אָבער גייסטיק אַ צוריקגעשטאַנענע, אָבער אַ מאַן אין האָטעל גיט איר אַ קוש און זי באַקומט אַ רובל דערפֿאַר. פֿאַר יעדן קוש אַ רובל... און די עלטערע, וואָס איז אַ ברען אַ מיידל, פֿרעגט זיך נאָך שטאַרק אויפֿן רייכן בחור, וואָס האָט היינט חתונה. זי פֿרעגט זיך נאָך שטאַרק. און די מאַמע איז עס אַוועקגעגאַנגען אַהין אַרויסהעלפֿן און פֿאַרדינען עטלעכע גראָשן.

דאָס מיידל האָט אַ בילד פֿון חתן ביי זיך. זי קוקט אויפֿן בילד און צעוויינט זיך און חלשט אַוועק...

און ווען די נאַרישעוואַטע שוועסטער קומט־צו צו איר און זאָגט:

רבקה, עפֿן די אויגן, אַניט וועט מען דיך הייסן באַגראָבן —

ענטפֿערט רבקה:

— מען האָט מיך שוין... באַגראָבן...

אין דעם איינאַקטער „שוועסטער״ איז דאָ ווידער אַן אלמנה, אַן אלמנה נאָך אַ שוחט, ניט סתם אַן אלמנה. די אלמנה, מירל, האָט איין קינד אַ חדר־יינגל, אברהמל, האַלט די מאַמע דעם פֿאַרשטאַרבענעם

טאַטן דעם יינגל פֿאַר די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ לעבעדיקער. אַ קליינינקייט, אַזאַ טאַטע, אַ שוחט, אַ ירא־שמים...

די אלמנה מירל האָט צוויי שוועסטער,ביידע דינסטמיידלעך, און נאָך עפּעס...

באַגעגענען זיך די דריי שוועסטער אין סקווער. די צוויי שוועסטער, די דינסטמיידלעך, ברענגען אַלע מאָל עפּעס פֿאַרן חדר־יינגל אברהמל.

דאָס חדר־יינגל איז אַ קראַנקס, עס הוסט, אָבער אַ זייער עמפּינדלעך יינגל. ווייסט עס, אַז די גוטע מומעס זיינען עפּעס גאָר ניט גוט... אגב, יינגלעך אין חדר טראַגן אונטער...

אַנטלויפֿט דאָס יינגל ווען ער זעט איינע פֿון זיינע מומעס אַנקומען.

קומט די שוועסטער לאה און ברענגט וואַקס פֿאַר אַ ליכט. עס איז מאָרגן יאָרצייט נאָכן שוחט. דער געשטאָרבענער שוחט לעבט אין דער פֿאַמיליע און האַלט אַלעמען עפּעס אין מורא. זי לייגט אויס טיי, צוקער פֿאַרן הוסטנדיקן אברהמל, דערנאָך גיט זי אַביסל געלט... דער חתן, וואָס איז „געקומען באַקוקן די געשוואָלענע מויד מיט די קעלבערנע אויגן" (די טאָכטער פֿון אירע בעלי־הבתּים), האָט איר אַ דיזנע געלאָזן...

און אַ מעשה דערציילט זי, ווי נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט לכּבֿוד דעם חתן, פֿאַלט זי אַריין אין בעט אַ מידע, אַ צעבראָכענע, און קוים דרעמלט זי איין, ער איז דאָ, ער אַליין, ר' יאָקעלע! מיט זיינע קאַציגע אויגן... אַ ברענענדיקער אָטעם... די פּאות קריכן איר אויפֿן האַרץ אַרום ווי ווערים...

אָבער אויף אים, אויף ר' יאָקעלען, האָט זי זיך דאָס האַרץ גע־קילט, „איין אַריינפֿאַר־הויז מיינט ער? אַלע פֿינף פֿינגער!"

און אָט קומט די צווייטע שוועסטער. זי קומט מיט איר בחור, מיט זרחן, אָבער זי שיקט אים אַוועק. די שוועסטער, דעם שוחטס פֿרוי, וועט אַ פֿינצטער יאָר אויסלאָזן אויף איר קאָפּ.

און עס הייבט זיך אָן אַ שטעכיקער דיאַלאָג צווישן דער שוועסטער. דער אלמנה, און דער צווייטער נחמה. נחמה איז שאַרף אויף דער צונג. די פֿרומע שוועסטער וויל ניט נעמען לכתּחילה די „אתנן־זונה", אָבער זי נעמט מיט וויי׳טאָג און מיט בייזקייט.

און ווען די פֿרומע שוועסטער דערמאָנט נחמהן גאָטס שטראָף, זאָגט איר נחמה שאַרף:

— כ׳האָב דיר איין מאָל געזאָגט, מירל, שטעל דיך ניט צווישן מיר און גאָט... כ׳וועל מיין שטעטל אַליין באַשטיין.

און האָט גאָט צו מיר טענות, האָב איך צו אים אויך טענות... אויף איין טענה טויזנט תירוצים.

די אַלע איינאַקטערס זיינען שאַרף־רעאַליסטישע און שטאַרק קאָנ־צענטרירטע דראַמען. דאָ איז ממש קיין איבעריק וואָרט ניטאָ. דאָ און דאָרט איז דאָ די טיפּישע פּרצעס ניט־דערזאָגטקייט, וואָס זאָגט אָפּט מער ווי באַרעדעוודיקייט.

דער דיאַלאָג אין זיי איז מייסטעריש־שאַרף און מייסטעריש־קלאָר.

קיין געוויינטלעכע רעאַליסטישע פּערזאָנען, וואָס טראָגן זייער כאַ־ראַקטער אויף דער נאָז, האָט איר דאָ ניט. דער מענטש איז סתם אַ מענטש, אָבער די דראַמאַטישע סיטואַציע, אין וועלכער ער ווערט אַריינ־געקלעמט, איז רעאַליסטיש; די פּראָבלעם, די טעמע, זיינען שטיקער פלייש פון לעבן.

די מענטשן קאָנט איר פאַרבייטן אויף „ער״ און „זי״, „מאַן״, „וויב״, „מומעס״ א.א.וו. און אַזוי טוט טאַקע פרץ אָפּט.

עס האַנדלט זיך ניט אין איינאַקטערס וועגן שאַרפע אינדיווידואַ־ליטעטן. עס האַנדלט זיך אין זיינע איינאַקטיקע דראַמען וועגן קרבנות פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט און וועגן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט, פון וועלכער עס ליידן מער די שוואַכע, דער עיקרשט די פרויען.

אין אַלע איינאַקטערס כמעט איז די פרוי דער קרבן, ווייל זי איז די שוואַכערע, און זי איז דער קרבן פון די שטאַרקערע, פאַר די מאַנס־פאַרשוינען.

און ווי עס קומט צו דער באַציאונג פון דעם מאַן צו דער פרוי זיינען אָפּט די סאָציאַלע אונטערשיידן גאָר ניט וויכטיק. אַ פעלדשער־יונג פאַרפירט אַ דינסטמיידל („שוועסטער״), אַ שניידער־יונג נעמט־צו ביי אַ יונגער פרוי איר געלט און איר כוח און ווערט נעלם. ער לאָזט זיין יונגע פרוי אַן עגונה („שאַמפּאַניער״). דאָ ליידט די פרוי אַפילו פון די מענער פון איר קלאַס.

ניטאָ קיין טיפּן, קיין רעאַליסטישע כאַראַקטערן מיט טיפּיש־אינדי־ווידואַליסטישע שטריכן. עס זיינען דאָ רעאַליסטישע סיטואַציעס, וואָס פירן צו שאַרף־רעאַליסטישע קאָנפליקטן און צו רעאַליסטישע אויפ־לייזונגען.

דאָס מוזן מיר געדענקען.

פּרץ האָט געגעבן בעסער דראַמאַטישן רעאַליזם ווי רעאַליסטישע פּאָרטרעטן־מאַלעריי.

ער האָט אַפּנים געוואוסט, אַז אַ רעאַליסטישער כאַראַקטער וועט אים שטערן; ער וועט אים מוזן געבן דאָס רעאַליסטישע לשון, די רעאַליסטישע באַוועגונג און די גאַנצע רעאַליסטישע באַנעמונג, וועט ער זיין געבונדן און געפּענטעט, ער וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון זיין פאָרם, פון זיין וואָקאַבולאַר און פון זיינע בליציקע אַפאָריזמען.

אַ שטרענג רעאַליסטישער כאַראַקטער פאָדערט, אַז דער מחבר זאָל זיך צופּאַסן צו אים, ער קאָן און דאַרף זיך ניט צופּאַסן צום מחבר; דער רעאַליסטישער כאַראַקטער האָט זיין שטרענגע לאָגיק. איז ער אַ באַלעגאָלע, מוז ער ריידן און דענקען ווי אַ באַלעגאָלע, ער קאָן ניט אָנהייבן ריידן פון העלער הויט ווי אַן אינטעליגענט.

און דעריבער זעען מיר, אַז פּרצעס מענטשן ריידן פּרצעס שפּראַך, בליצן מיט שאַרפע און קלוגע אַפאָריזמען און ריידן אָפט אַפילו מיט דיכטערישן פּאַטאָס.

האָט ער אַרויסגעלאָזן סימבאָלן, אָבער אין רעאַליסטישע סיטואַציעס האָט ער זיי כסדר באַוויזן.

אָט די קלוגע פּשרה האָט זיך אָפט איינגעגעבן, אָבער אָפט איז די סתירה ניכּר; די ניט־רעאַלישקייט פון מענטשן איז ניט שלום מיט דער רעאַלישקייט פון דער דראַמאַטישער סיטואַציע.

און דאָס געהערט אויך צו די שוואַכקייטן פון פּרצעס דראַמען.

פּרצעס איינאַקטערס זיינען אַלע כּמעט דורכאויס סאָציאַלע דראַמען.

און די טאָפּלטע, אָדער צווייפאַכע דראַמאַטישקייט, אָדער טראַגיש־קייט, די נאַציאָנאַל־שטייגערישע און נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע, מאַכן די איינאַקטערס אויסערסט שאַרף דראַמאַטיש.

אין די איינאַקטערס איז דער קרבן כסדר די פֿרוי. זי איז דער קרבן פֿון דעם טאָפּלטן טראַגיזם.

און דאָ איז דער קרבן ניט בלויז די יונגע יידישע פֿרוי, אויף וועלכער עס ליִערן מענער אי פֿון די סאָציאַל העכערע שיכטן און אי פֿון איר אייגענעם סאָציאַלן שיכט. עס זיינען קרבנות די מאַמעס. זיי, די מאַמעס, טראָגן דעם טאָפּלט־שווערן עול פֿון אַ טאַטן און פֿון אַ מאַמען. דער פֿאָטער איז אָדער טויט, אָדער ער איז אַזאַ לאַ־יוצלח עקאָנאָמיש, אַז די פֿרוי מוז נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול פֿון פּרנסה.

בלויז אין דראַמע האָט איר דאָ וואָס די פֿרוי און דער מאַן ליידן גלייך („אַ קברות־נאַכט״) און קומען־אום ביידע גלייך. דאָ איז דער מאַן ניט שולדיק. שולדיק אין ביידנס אומקום איז די אומגערעכטע סאָציאַלע אָרדענונג.

אין די גרויסע דראַמען זיינע איז פּרץ דורכאויס נאַציאָנאַל. דאָס נאַציאָנאַלע קאָן אויסגעטייטשט ווערן אוניווערסאַל, וואָרים סוף־כּל־סוף לעבן דאָך יידן אין דער אַלגעמיינער וועלט און זייערע פּראָבלעמען זיינען טיילווייז וועלט־פּראָבלעמען, אָדער אוניווערסאַלע פּראָבלעמען.

אין די איינאַקטערס איז פּרץ דורכאויס סאָציאַל. דאָס נאַציאָנאַלע פֿאַרשאַרפֿט אָדער פֿאַרטאָפּלט בלויז די דראַמאַטישקייט.

איניקע האָבן פּרובירט פּעריאָדיזירן פּרצעס דראַמאַטיש שאַפֿן, אָבער אַ שאַרפֿע און קלאָרע פּעריאָדיזאַציע, ספּעציעל פֿון זיין דראַמאַטיש שאַפֿן, איז אַזוי גוט ווי ניט מעגלעך, ווייל פּרץ האָט כּמעט אַלע דראַמען זיינע געשריבן אין דעם קורצן פּעריאָד פֿון וועלכע צען יאָר, און אין די צען יאָר האָט ער געשאַפֿן אַנדערע ווערק, וואָס וואָלטן זיי געהערט צו אַנדער פּעריאָד. וואָלט איר דאָ געהאַט אַ פּעריאָדיזאַציע אין אַ פּעריאָדיזאַציע, וואָס איז אַבסאָלוט פֿאַלש.

אגב האָט פּרץ איניקע איינאַקטערס באַאַרבעט פֿון זיינע קליינע דערציילונגען; ווי, למשל, פֿון דער דערציילונג „משופּע״ איז געוואָרן דער איינאַקטער „אַ פֿרימאָרגן״, פֿון דער דערציילונג „מוסר״ — דער איינאַקטער „שאַמפּאַניער״.

איז וואָס וועט דאָ אויפֿטאָן די פּעריאָדיזאַציע?

די דערציילונגען זיינען געשריבן געוואָרן אין די 90קער יאָרן און די איינאַקטערס זיינען ביידע געשריבן געוואָרן אין 1907.

וועגן דער באַארבעטונג פֿון אייניקע דערציילונגען אין איינאַקטערס קאָן מען זיך בלויז משער זיין, אַז פרץ האָט דערשפּירט די גרעסערע מעגלעכקייטן פֿון דער דראַמע אַרויסצוברענגען שאַרפֿער, אָפֿענער און אַגרעסיווער סאָציאַלע פּראָבלעמען.

ווען מען פֿאַרגלייכט די דערציילונג און דעם איינאַקטער זעט מען עס באַשיינפּערלעך; אין איינאַקטער איז די פּראָבלעם שניידיקער און קלאָרער, דער קאָנפֿליקט שאַרפֿער און די אויפֿלייזונג פּיקאַנטער.

דאָ קומט דער מענטש פֿון דער דראַמע צום צושויער, און אַפֿילו צום לייענער, דירעקט אָן דער פֿאַרמיטלונג פֿון מחבר. דער צושויער אָדער דער לייענער ווערט אַ שותּף צו דער דראַמע, ווייל צו אים רעדט דירעקט דער העלד פֿון דער דראַמע.

ווי פּגימהדיק, ווי אַ דראַמע, „די גאָלדענע קייט" זאָל ניט זיין, איז זי גאָרניט דער ערך שאַרפֿער און ברויזנדיקער ווי אַ דראַמע ווי ווען זי וואָלט געווען אין אַ דערציילונג.

פּרצעס איינאַקטערס זיינען געשפּילט געוואָרן סיי פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע שוישפּילער און סיי פֿון אַמאַטאָרן. ביי די לעצטע זיינען פּרצעס איינאַקטערס און מאָנאָלאָגן געווען און זיינען נאָך עד־היום שטאַרק באַליבט.

דער העברעאישער טעאַטער „הבימה" האָט אַריינגענומען אין זיין „נשף בראשית", אין זיין ערשטער אויפֿפֿירונג, דעם איינאַקטער „ס׳ברענט".

עס זיינען געשפּילט געוואָרן אַ סך אינסצענירונגען פֿון פּרצעס מעשהלעך. קיין גרויסע אויפֿטואונגען זיינען זיי ניט געווען, ניט ווי אינסצענירונגען און ניט ווי ספּעקטאַקלען.

דער פּראָפֿעסיאָנעלער טעאַטער (מאָריס שוואַרץ און אַנדערע) האָבן פּרובירט שאַפֿן איין דראַמע פֿון עטלעכע דערציילונגען, זיינען די דער־

ציילונגען פראָפּאַנירט געוואָרן, און קיין פּרץ־ספּעקטאַקלען זיינען ניט אַרויסגעקומען.

ביז גאָר פּאָפּולער ביי אַמאַטאָרן־גרופּן זיינען פּרצעס „די דריי נייטאָרינס״.

אַרום און אַרום אָבער איז פּרץ ניט געשפּילט געוואָרן. מען קאָן זיך ניט אָפּשטעלן אויף איין אויפפירונג און טייטלען אויף איר ווי אויף אַ מוסטערדיקער, גוטער פּרץ־אויפפירונג.

סיבות זיינען דאָ גאָר אַ סך. ראשית, פּאַרשטייט זיך, די דראַמאַטישע פּגימהדיקייט פון פּרצעס דראַמען, און צווייטנס — דער מאַנגל פון גוטע פּרץ־קענער צווישן אונדזערע טעאַטראַלן.

פּרץ קאָן געשפּילט ווערן. וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין.

ביי דער איצטיקער אַנטוויקלטער טעאַטער־טעכניק איז גאָר ניטאָ קיין דראַמע, וועלכע דער טעאַטער קאָן ניט אויפפירן; די סצענישע טעכניק איז אַנטוויקלט אַזוי, אַז זי קאָן אויפפירן ממש אַ טעלעפאָן־בוך.

די הינטער־קוליסן פון אַ מאָדערנעם טעאַטער איז פול מיט מאַשינען, די בינע קאָן צעפּיצלט ווערן אין קליינע חלקים ממש אין אַ הרף־עין. מען קאָן אויפטורעמען פּינף, זעקס שטאָק אויף דער בינע אין דעם זעלביקן הרף־עין.

די באַלייכטונג־מאַשינעריע ווייזט ממש וואונדער. זי קאָן שאַפן די סאַמע סובטילע שטימונגען, די סאַמע נאַקעטע און סענסועלע שטימונגען. זי קאָן שאַפן פרייד, טרויער א.אַ.וו.

די קונסט פון דעקאָראַציע האָט דערגרייכט איר העכסטן שטאַפּל.

מען קאָן געבן אַ רמזדיקע דעקאָראַציע, אַ דעקאָראַציע אין עטלעכע שטריכן, מען קאָן געבן אַ קאָנסטרוקטיווע דעקאָראַציע, מען קאָן לאָזן דעם שאַרפן שפּיל פון פאַרבן בלענדן אויף דער סצענע. מען קאָן אויפטורעמען אויף דער סצענע פּלאַטפאָרמען, אָנשטעלן טראַפּעציעס, לייטערס, און מאַכן דעם סאַמע געוואַגטן אַקראָבאַטישן שפּיל.

און דער שוישפּילער איז אויך אָוועק ווייטער. ער איז שוין לאַנג ניט צוגענאַגלט צו אַ באַשטימטן אַמפּלואַ, ער קאָן שפּילן אַלע אַמפּלואַס

און אַלע זשאַנרס, ער איז אויסערסט באַוועגלעך, ער איז דער אמתער בינע־קינסטלער, וואָס קאָן באַהערשן אַלע ראָלעס.

מען קאָן פּרצן שפּילן.

עס דאַרף בלויז קומען דער ריכטיקער רעזשיסאָר, דער ריכטיקער טעאַטער־קינסטלער, וואָס וועט באַנעמען פּרצן. פּרץ איז אַ סטיל פאַר זיך, פּרץ איז פאָרם פאַר זיך, פּרץ האָט זיין וואָקאַבולאַר, פּרץ האָט זיין צוגאַנג צו דער טעמע, צו די מענטשן און צו די דראַמאַטישע קאָנפליקטן. פּרץ איז יידיש, דורכאויס יידיש, אָבער יידיש געזען און איבערגעלעבט פּרציאַניש.

און דער קינסטלער, וואָס וועט דערשפּירן דאָס פּרצשע אין זיינע סצענישע ווערק וועט אים קאָנען אַרויפברענגען אויף דער סצענע.

ער וועט קאָנען אַפּילו מאַכן ענדערונגען אין דער טעכניק פון פּרצעס דראַמע, אָבער ער וועט בלייבן פּרץ, ער וועט בלייבן אומבאַרירט.

אויף אַזאַ קינסטלער וואַרטן „די גאָלדענע קייט", „אין פּאַליש אויף דער קייט" און אַפּילו „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

עס דאַרף קומען דער שוישפּילער, וואָס וועט קאָנען אויספילן פּרצעס קיצור, פּרצעס צימצום, פּרצעס סקיצנהאַפטיקייט.

עס דאַרף קומען דער מוזיקער, וואָס וועט אויספילן די בלויזן, וואָס פּרץ האָט ספּעציעל איבערגעלאָזן פאַר אים.

עס דאַרף קומען דער טעאַטער־מאָלער, וואָס קאָן פּרצן איבערטראָגן אויפן לייוונט, אין קאָנסטרוקטיווער דעקאָראַציע און אין שפּאָרעוודיקע, רמזדיקע שטריכן.

פּרצעס הינטערשטעליקייט אין דער דראַמאַטישער טעכניק קאָן לייכט קאָרעגירט ווערן פון אַ געניטער קינסטלערישער האַנט; און די באַלויכטונג איז גאָר ניט אַפּצושאַצן, וואָרים פּערצעס אייגנאַרטיקייט בלענדט ממש, פּרצעס בליציקייט, פּרצעס אַפאָריזמישקייט, פּרצעס אימפּעט, פּרצעס נערוועזיטעט, פּרצעס וויזיאָנערישקייט, פּרצעס הומאַניזם, פּרצעס געלייטערטע קינסטלערישע יידישקייט, פּרצעס שאַרפע סימבאָלישקייט, פּרצעס חכמה און פּרצעס דיכטערישער פּאַטאָס — דאָס וועט זיין די גרויסע און רייכע באַלויכטונג.

י. ל. פרץ און דער טעאַטער

קאַפּיטלען זכרונות

ווען איך בין געקומען אין יאָר 1909 קיין וואַרשע זיינען שוין די האָניג־טעג פֿון דעם יידישן טעאַטער מיט דער יידישער ליטעראַטור געווען כמעט פֿאַראיבער.

פרץ, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין טעאַטער אין די דאָזיקע האָניג־טעג מיט לייב און לעבן, איז געווען שטיל, ווי אַ וואולקאַן נאָך אַן ערופּציע.

פרץ איז ממש אויסגעלאָשן געוואָרן פֿון יאוש. ער האָט זיך אַריינ־געוואָרפֿן מיט זיין טיפּישן ברען אין דער טעאַטער־אַרבעט. ער האָט געשריבן דראַמען, ער האָט זיך געדולט מיט סטודיעס, וואָס זיינען אויס־געוואַקסן ווי שוועמלעך, ער האָט אַפֿילו פּערזענלעך פּרובירט רעזשי־סירן. שפּעטער איז ער צוגעפֿאַלן צו דוד הערמאַן. ער האָט אַפֿילו גע־שריבן רעצענזיעס אויף אויפֿפֿירונגען.

אָבער אַ קללה איז געלעגן און ליגט עד־היום אויפֿן יידישן טעאַטער. עס ציט אים כסדר, ווי דעם וואָלף, אין וואַלד אַריין, אין דעם שונד־וואַלד אַריין.

אָט, דוכט זיך, איז ער שוין אויפֿן וועג. ער ווערט באַרימט, מען צאַצקעט זיך מיט אים. אָבער פּלוצלינג גיט ער אַ בריקע מיטן פֿוס און קערט איבער די דאָניצע מיט מילך.

מיט פּרצן האָט מען, ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע, שוין כמעט ניט געקאָנט ריידן וועגן יידישן טעאַטער. עס האָבן זיך נאָך גע־דרייט אַרום אים, אַזוי צו זאָגן, די האַלעוועשקעס פֿון דעם נעכטיקן טע־אַטער־ברען, ער האָט נאָך באַוואונדערט זיינע נייע טאַלאַנטן, וואָס ער האָט אַנטדעקט, אָבער פֿאַר וועלכער עס איז טעאַטער־אַרבעט האָט מען אים ניט געקאָנט האָבן.

איך האָב אין אַ קורצער צייט אַרום איינגעזען, אַז ביי אַזאַ צושטאַנד פון טעאַטער איז גאָר ניט שייך צו זיין אַ טעאַטער־קריטיקער, ווי ביי אַנדערע טעאַטערס. די יידישע טעאַטער־קריטיק דאַרף זיין אַ דרדקי־מלמד, דאַרף לערנען אַלף־בית סיי מיט די אַקטיאָרן און סיי מיטן פּוב־ליקום; די יידישע טעאַטער־קריטיק דאַרף זיין אַ קעמפּנדיקע; די יידי־שע טעאַטער־קריטיק דאַרף גאָר ערשט אָרגאַניזירן די עפנטלעכע מיי־נונג אַרום טעאַטער.

איך האָב אָנגעהויבן איינטענהן מיט מיין אָפיציעלן רעדאַקטאָר מ. ספּעקטאָר וועגן דעם, אַז מען מוז זיך נעמען צום טעאַטער ערנסט, מען דאַרף אָנהייבן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער הפקרות וואָס הערשט אין אים, מען דאַרף זיך ווענדן צו דער יידישער עפנטלעכקייט, אַז זי זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער לאַגע פון טעאַטער, מען דאַרף איר קלאָר מאַכן די וויכטיקע קולטורעלע פונקציע פון טעאַטער, הכלל די צייטונג דאַרף זיך אָפּגעבן ערנסט מיט דער טעאַטער־פראַגע.

מיין גוטער רעדאַקטאָר מ. ספּעקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט פאַר־וואונדערט און דערשראָקן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען פשוט, וועגן וואָס איך קאָך זיך אַזוי, און האָט מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל.

ער האָט זיך ביי מיר געבעטן און איינגעטענהט מיט מיר, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג און בכלל וואָס האָט מען צו די אָרעמע אַקטיאָרן און צו די אָרעמע דירעקטאָרן; זיי אַרבעטן, נעבעך, שווער און ביטער אויף זייער שטיקל ברויט; זיי גיבן דעם עולם מער, וויפיל ער פאַרדינט, און בכלל... דאַ לאָזט זיך אַריין מיין גוטער ספּעקטאָר אין מבינות־זאַגערייַ און עס קומט אַרויס, אַז עס איז אַ מחיה צו זיצן אין יידישן טעאַטער, מען זעט אַ דראַמע, מען הערט אַ לידל, אַ טענצל, — וואָס זאָלן די אַקטיאָרן נאָך טאָן?

איך האָב געהאַט די פרייהייט צו שרייבן אין דער „נייער וועלט״ וואָס איך וויל, אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען ווייניק. איך האָב גע־וואָלט אָרגאַניזירן אַ גרופּע שרייבער און מיט זיי צוזאַמען אָנהייבן שטורעמען די טעאַטער־פראַגע און אויף דעם איז מ. ספּעקטאָר בשום אופן ניט איינגעגאַנגען.

סוף זומער האָבן מיר איבערגעלעבט אַ גרויסן ליטעראַרישן יום־טוב. עס איז געקומען צו גאַסט קיין וואַרשע דער זיידע מענדעלע מוכר־ספרים. דאָ האָבן מיר דערזען דאָס מערקווירדיקסטע: די זעלבע מאַסע, וואָס האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ ברען אויף אַן עלנטן שונד־ראָמאַן, האָט אויפגענומען דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג און מיט ברענענדיקסטן ענטוזיאַזם. די גאַנצע יידישע וואַרשע איז אַרויס באַגעגענען דעם אַלטן שריפטשטעלער. דער אַרבעטער האָט אָוועקגעוואָרפן זיין אַרבעט, דער קרעמער זיין קראָם און דער סוחר זיינע מסחרים. די קאָכעדיקע, האַנדלענדיקע יידישע וואַרשע האָט אין אַ וואָכעדיקן טאָג געמאַכט יום־טוב.

אין מיין לעבן האָב איך ניט געזען אַזאַ גרויסע, באַגייסטערטע און יום־טובדיקע יידישע מאַסע.

די פוילישע באַפעלקערונג האָט זיך איינפאַך דערשראָקן פאַר אַזאַ נאַציאָנאַל־יידישער דעמאָנסטראַציע. פאַרוואונדערט און צעטומלט האָט זי געפרעגט: וואָס איז עס אַזונס?

איך האָב פרובירט אַ רעד טאָן מיט מענדעלען וועגן דער לאַגע אין אונדזער טעאַטער און געוואָלט אָנטאַפּן ביי אים, צי וואָלט ער צוגע־שטאַנען צו אַ ברייטער אַקציע פאַרן יידישן טעאַטער. אָבער דאָ האָב איך זיך, ליידער, אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט. מענדעלע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ענין טעאַטער, אַז איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך דאַרף ניט פאַרלירן קיין איבעריק וואָרט.

מיט פרצן איז עס אויך צוגעגאַנגען שווערלעך. ער האָט שוין איבער־געלעבט אַ פעריאָד פון קאַמף און אינטערעס פאַר דעם יידישן טעאַטער, און פרץ איז ניט געווען פון די מענטשן, וועלכע זאָלן זיך לייכט צוריק־קערן צו אַלטע איבערצייגונגען; ער האָט באַדאַרפט האָבן פרישע צאַפּלדיקע איבערלעבונגען. אָגב איז ביי פרצן געווען דענסטמאָל איינער פון זיינע קורצע אַפּאַטיע־פעריאָדן; פון צייט צו צייט, מייסטנס נאָך אַ פעריאָד פון ברויזנדיקער טעטיקייט, פלעגט זיך אַריינשניידן אין זיין לעבן אַ קורצער פעריאָד פון אַפּאַטיע, און דאַן איז ער געווען קאַלט און סקעפּטיש צו אַלץ.

אזוי־אַרום איז מיין טעאַטער־טעטיקייט געווען באַגרענעצט אין דער צייט בלויז אויף רעצענזיעס וועגן די עלנטע אויפפירונגען אין די יידישע טעאַטערס. פון צייט צו צייט פלעג איך דורכלאָזן אַ גרעסערן אַטאַקע־אַרטיקל.

דאָס איז געווען צופעליק און ניט סיסטעמאַטיש.

איין מאָל, גאַנץ אומגעריכט, באַקום איך פון י. ל. פרצן אַ קורץ צעטל, ווי זיין שטייגער. ער בעט מיך קומען צו אים. ער האָט נייטיק דורכצורעדן זיך מיט מיר וועגן אַן ענין. צו דער באַשטימטער צייט בין איך געזעסן ביי פרצן אין זיין באַקאַנטער וואוינונג צעגליאַנע 1.

קורץ: י. ל. פרץ וויל האָבן אַן אַרטיקל פון מיר פאַר זיין צווייטן זאַמלבוך „יידיש" און דווקא וועגן טעאַטער.

מיר האָבן אָנגעהויבן לופטערן טעמעס. מיר האָבן געוואָלט אַ טעמע, וואָס זאָל זיין אַקטועל, וואָס זאָל עפּעס אָנרירן דאָס לעבן פון דעם יידישן טעאַטער. איך האָב פאָרגעלייגט אַן אַרטיקל וועגן יעקב גאָרדינען. איך האָב געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם יידישן טעאַטער באַפרייען פון דעם גאָרדין־היפּנאָז. איך האָב געהאַלטן ממש פאַר אַן אומגליק, אַז איין דראַמאַטורג זאָל באַהערשן אין גאַנצן דעם טעאַטער. און די לאַגע איז געווען אַזאַ: גאָרדין האָט אַזוי באַהערשט דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד, אַז עס האָט געהייסן, אויב ניט גאָרדין, איז צוריק צו דער אָפּערעטע, צוריק צו דער וויסטער מעלאָדראַמע.

גאָרדינס טויט האָט געטראָפן דעם יידישן טעאַטער ווי אַ דונער. עס איז געווען אַ קלאָרע שטימונג אין די טעאַטער־קרייזן: אַ סוף, מען דאַרף זיך איצט נעמען צו די פאַפירענע קרוינען און צו די הילצערנע שווערדלעך.

ווען מיר פלעגט אויסקומען צו רעדן מיט יידישע אַקטיאָרן וועגן גאָרדינען, פלעגן זיי זיך צעוויינען ווי קליינע קינדער, ווי קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם טאַטן, דעם שפּייזער.

זי האָבן ניט געגלייבט און פשוט ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז אַן אַנדערער קען פאַרנעמען זיין אָרט. ליטעראַטור האָט ביי זיי געהייסן גאָרדין, טעאַטער האָט ביי זיי געהייסן גאָרדין, אַלץ גאָרדין.

אסתּר־רחל קאַמינסקי האָט געכליפּעט ווי אַ קינד, ווען זי האָט געהערט וועגן גאָרדינען. מיטן גרעסטן ערנסט האָט זי מיר געזאָגט, אַז עס איז אויס מיטן יידישן טעאַטער. די דאָזיקע שטימונג האָט געשטאַרקט נח פּרילוצקי מיט זיינע הספּד־אַרטיקלען נאָך גאָרדינען, אַז כּלו כּל הקיצין. איינס נאָך דעם אַנדערן זיינען געדרוקט געוואָרן אַרטיקלען אין „אונזער לעבען" וועגן דער אַלמעכטיקייט פון גאָרדינס טאַלאַנט און וועגן דעם, אַז דער יידישער טעאַטער איז פאַריתומט געוואָרן אויף אייביק.

מען האָט געמוזט צעזייען די דאָזיקע כמאַרעדיקע שטימונג, מען האָט געמוזט צעטרייבן די פינצטערע וואָלקנס און אַוועקשטעלן גאָרדינען אויף זיין ריכטיקן אָרט.

איך האָב געהאַלטן, אַז גאָרדין איז בלויז דער איבערגאַנג פון דער אָפּערעטע צו דער דראַמע. כ'האָב לחלוטין ניט געוואָלט לייקענען זיינע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער. איך האָב געהאַלטן, אַז די גאָרדין־עפּאָכע האָט דער יידישער טעאַטער שוין דורכגעמאַכט און ער דאַרף מאַכן אַ טריט ווייטער.

מיך האָט דערהויפּט געשראָקן דער גאָרדין־נוסח, וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין טעאַטער. איך האָב געזען, אַז אין אַנדערע פּיעסן שפּילן די יידישע אַקטיאָרן אויף גאָרדינען. איך האָב געהערט, אַז די יידישע אַקטיאָרן ריידן מיט גאָרדינס שפּראַך אַפילו אין פּריוואַט־לעבן און אַז אין דעם יידישן לעבן זעען זיי בלויז נחומצי חנה־דבורהס, ראַפּאַפּאָרטס, טראַכטענבערגס, וולאַדימירס, ווילדע מענטשן און משכּילישע מטורפים.

י. ל. פּרץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער טעמע פאַר מיין אַרטיקל. פּרץ האָט ממש פיזיש ניט געקאָנט אַריבערטראָגן גאָרדינען און האָט אָפּגעלייקנט אין גאַנצן זיינע פאַרדינסטן פאַרן טעאַטער. ער האָט געטענהט, אַז פריער איז דער יידישער טעאַטער געווען פּשוט פאַלקסטימלעך, אמת — פּרימיטיוו־פאַלקסטימלעך, אָבער פון האַרצן, פון דעם גאַנצן מהות פון דער יידישער מאַסע איז עס אַרויסגעוואַקסן; גאָרדין האָט געבראַכט דעם רוסישן אָסטראָווסקי אין דעם יידישן טעאַטער, מיט די רוסישע לעבנס־קאָנפליקטן, מיטן רוסישן דראַמאַטיזם אין יידישע קאַפּאָטעס.

איך האָב אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און זיך ווייטער פונאַנדערגערעדט מיט י. ל. פּרצן וועגן אַ ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַקציע פאַרן יידישן טעאַטער. דאָ איז פּרץ אַביסל אויפגעלעבט געוואָרן און מיר פייערלעך צוגעזאָגט צו גיין מיט מיר „ביזן לעצטן טראָפּן בלוט״.

אָבער דער קלוגער פּרץ האָט זיך באַלד געכאַפּט:

— דורך וועלכער צייטונג וועלן מיר אָנפירן די אַקציע? ספּעקטאָר וועט ניט איינגיין אויף דעם, דער „אונזער לעבן״ אויך ניט און דער „היינט״ אוודאי און אוודאי ניט.

ער איז געווען גערעכט. איך האָב עס באַלד אויך איינגעזען און מיר זיינען געבליבןביידע אַזעלכע אַפּהענטיקע און איינזאַמע.

אָבער לאַנג אין יאוש האָט פּרץ ניט געקאָנט זיין.

ער האָט מיר געזאָגט:

— באַלד עפענען מיר „די ליטעראַרישע געזעלשאַפט״ (אַזאַ חברה איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג מיטן רעכט צו עפענען אָפּטיילונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד. די געזעלשאַפט האָט זיך שוין געווענדט צו פּרצן, ער זאָל נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע צו גרינדן אַן אָפּטיילונג אין וואַרשע), דאָ וועלן מיר האָבן אַ טריבונע.

פּרצעס אָפּטימיזם און האַפערדיקייט האָבן מיך ניט אָנגעשטעקט. איך האָב געזען, אַז דערווייל זיינען מיר די צוויי איינציקע, וואָס נעמען די טעאַטער־פראַגע נאָענט צום האַרצן. קיין איינציקער פון די וואַרשעווער שריפטשטעלער האָט זיך מיט דער פראַגע ניט אינטערעסירט, אַפילו דער גרעסטער עולם־הזהניק און וועלטלעכסטער צווישן זיי, ה. ד. נאָמבערג, איז געווען קאַלט און פרעמד צו דער פראַגע. אַש איז נאָך געווען דאַן יונג, אומגעהובלט און מוראדיק ניט־געזעלשאַפטלעך. אָבער איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב סוף־כל־סוף געוואונען פּרצן אויף מיין זייט.

דערווייל זיינען אָנגעקומען די יום־טובים און פון די דריי וואַרשעווער טעאַטערס האָט אַ פליץ געטאָן מיט אַ מבול פון שונד. איך

האָב מיט פּרצן באַזוכט די טעאַטערס און אונדזערע יסורים און פאַר־צווייפלונג זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז גאָר ניט צו באַשרייבן.

לכּבוד יום־טוב האָט מען געגעבן דעם עלנטסטן רעפּערטואַר, די שמוציקסטע לידלעך, די סאַמע חלבנע וויצן. לכּבוד יום־טוב זיינען אַלע אַקטיאָרן געווען הייזעריק און דאָס פּובליקום — אַלמעכטיקער גאָט! — דער סאַמע אָפּפאַל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די ערשטע רייען האָבן כּסדר פאַרנומען די אַלפאָנסן מיט זייערע „כּלות", גנבים, „וואוילע יונגען" און דאָס מענטשלעכע פּסולת פון די וואַרשעווער הינטערגעסלעך.

פאַר מיר איז עס געווען אַ נייע אַנטדעקונג; איך האָב זיך ערשט דערוואוסט, אַז דער יידישער טעאַטער שטיצט זיך און האַלט זיך טייל־וויז אויף דעם דאַזיקן עולם.

שפּעטער האָב איך שוין געזען, אַז דער דאַזיקער עולם איז גאָר זייער אינטים מיט פיל אַקטיאָרן, ער איז גוטברודעריש מיט זיי און צו זייערע בענעפיסן (ערן־אָוונטן) טראָגט זיי דער דאַזיקער עולם אונטער מתּנות: זייגערס, רינגען, זילבערנע לעפל און גאָפל...

אין דער דאַזיקער צייט האָב איך געמאַכט אַ שטילע אויספאָרשונג וועגן דער אַזוי־גערופענער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג פון די אַקטיאָרן און וועגן זייער קולטורעלן מצב. דער רעזולטאַט פון מיין אויספאָרשונג איז געווען לערך אַזאַ: כּמעט אַלע אַקטיאָרן זיינען געוועזענע בעלי־מלאכות; בלויז געציילטע האָבן געשטאַמט, אַזוי צו זאָגן, פון באַלעבאַטישע פאַ־מיליעס. די סאָציאַלע אָפּשטאַמונג פון די שוישפּילערינס איז געווען נאָך אַ נידעריקערע. אַן אויסנאַם זיינען געווען די זינגערינס; זיי זיינען שוין אַרויס פון בעסערע פאַמיליעס.

וועגן דעם קולטורעלן מצב האָט די אויספאָרשונג געגעבן נאָך מער טרויעריקע רעזולטאַטן: 50 פּראָצענט פון די שוישפּילערינס זיינען פּשוטע אַנאַלפאַבעטן. זיי האָבן פּשוט פון קיין אלף־בית אויף דער וועלט ניט געוואוסט. דאָ זיינען די זינגערינס ווייטער געווען אַן אויסנאַם; זיי האָבן אַלע אַביסעלע געלערנט, כּמעט אַלע האָבן געקענט רוסיש און אַביסל יידיש.

צווישן די מענער זיינען, אמת, קיין אַנאַלפֿאַבעטן ניט געווען. אָבער דאָס, וואָס מען רופֿט עמי־הארצים, זיינען געווען איבער 50 פּראָצענט. שרייבן האָט געקאָנט נאָר אַ קליינער פּראָצענט. מיט דער יידישער ליטעראַטור, מער אָדער ווייניקער, באַקאַנט זיינען געווען בלויז איינצלנע.

זייער פּריוואַטער לעבנס־שטייגער איז געווען אַ שוידערלעך־קליינבירגערלעכער. דער מעת־לעת איז ביי אַלעמען כּמעט אַוועק אין עסן, שלאָפֿן און אין קאָרטנשפּיל. קיין שום אַנדערע אינטערעסן האָבן זיך ניט אַריינגעריסן אין זייער לעבן.

אַלע טרופּעס זיינען באַשטאַנען פֿון פּאָרלעך. דעם שוישפּילערס פֿרוי האָט געמוזט זיין אַן אַקטריסע, צי זי האָט געהאַט טאַלאַנט אָדער פֿעאיקייטן, צי ניט. די ווייבער זיינען געווען פֿאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיט קאָכן פֿאַר די מענער עסן און אין אָוונט פֿלעגט מען פֿאַרלאָזן דאָס טעפּל און גיין שפּילן טעאַטער.

קיינער פֿון די מענער און פֿון די פֿרויען האָט זיך ניט געקאָנט קליידן ווי געהעריק. די מענער פֿלעגן אַרומגיין ווי אָפּגעלאָזענע באַלעבעסלעך און די פֿרויען האָבן זיך געקליידט ווי קליינשטעטלדיקע דינסטמיידלעך. אַן אויסנאַם זיינען ווייטער געווען די זינגערינס און די, וואָס זיינען געקומען פֿון באַלעבאַטישע פֿאַמיליעס.

די געזעלשאַפֿט, די מענטשן, מיט וועלכע די שוישפּילער זיינען געקומען אין באַרירונג, זיינען געווען דאָס פּסולת, דער אָפּפֿאַל פֿון דער יידישער וואַרשע. ליטעראַטן און אינטעליגענטן האָט מען אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט. מען האָט פֿאַר זיי עפּעס מורא געהאַט און מייסטנס זיי פּשוט פֿיינט געהאַט. די אַלע האָבן געהייסן „יאָלדן״, „אינטעליגענטלעך״, „שרייבאַרעס״ און אַזוי ווייטער. אַז זיי פֿלעגן זיך אַמאָל צונויפֿקומען מיט ליטעראַטן, זיינען זיי געווען ממש שטומע, זיי האָבן מורא געהאַט צו רעדן. עס זיינען געווען בלויז עטלעכע, וועלכע זיינען געווען די „אָפֿיציעלע״ רעדנערס מיט די ליטעראַטן. מייסטנס זיינען עס געווען ליבערט און זשעליאַזאָ. ווען מען האָט זייער ליב געהאַט אין די ליטעראַרישע קרייזן, מיט זיי האָט מען געקאָנט ווי עס איז שמועסן, און אַמאָל אַפֿילו פֿירן אַ וויכּוח.

כמעט קיינער פֿלעגט ניט אַריינקומען צו פּרצן אין הויז, אַפֿילו ניט צום אַלטן יעקב דינעזאָן.

איך האָב זיך אַמאָל דערשלאָגן צו דעם, אַז מען זאָל אַראַנזשירן אַ געמיטלעכן צוזאַמענקום צווישן מיר און די אַקטיאָרן. מען האָט זיך לאַנג מיישב געווען, לאַנג געקווענקלט, צום סוף איז עס געשען. מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. איך האָב געוואָרט, אַז עמעצער זאָל עפֿענען דאָס מויל, אָבער שטיל, שטום און אָנגעברוגזט זיינען אַלע געזעסן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן און זיך גענומען אַרויסרופֿן זיי אויף אַ שמועס. דאָס האָט זיך אָבער מיר ניט איינגעגעבן. בלויז ליבערט און זשעליאַזאָ האָבן גערעדט. די פּרוּװן האָבן די מיילער ניט געעפֿנט, ווי ווילדע האָבן זיי מיך אָנגעקוקט, ווי אַ פֿרעמדן, וואָס איז געקומען עפּעס אויס־שפּיאָנירן.

פּריוואַט זיינען זיי געווען מער ריידעוודיק, אָבער דאָס זיינען געווען טעפּל־לעפֿל־געשפּרעכן. ווייטער זיינען זיי ניט געגאַנגען.

די שטימונג אין דער רעדאַקציע פֿון דער „נייער וועלט" איז גע־וואָרן וואָס אַ טאָג אַ געדריקטערע. די געשעפֿטן זיינען געגאַנגען שלעכט, דער „היינט" האָט פֿאַרכאַפּט אַלע יידישע לעזער און פֿאַר די איבעריקע צוויי צייטונגען איז געבליבן דאָס ביסל בעסערע לעזער, וואָס קאָנען אָבער ניט אויסהאַלטן קיין צוויי צייטונגען.

דער גוטער מ. ספּעקטאָר האָט פֿאַרלוירן זיין לעבנסלוסטיקייט, זיין מונטערקייט און זיין שטראַלנדיקן אָפּטימיזם.

אָבער אין סאַמע מיטן פֿון זיין יאוש פֿלעגט אויפֿבליצן אין אים מיט אַמאָל נייער מוט און צאַפּלדיקע ענערגיע. ער פֿלעגט קומען אַ שטראַלנדיקער, אַ האָפֿערדיקער און מיר פֿאַרטרויען, אַז ער האָט שוין מיט וואָס צו שלאָגן דעם „היינט". בסוד סודות פֿאַרטרויט ער מיר, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פֿון שלום־עליכמען: שלום־עליכם שיקט אים אַ ראָמאַן, איר פֿאַרשטייט, שלום־עליכם!

אָן אַנדערש מאָל פֿלעגט ער קומען נאָך מער האָפֿערדיק. ער האָט די ריכטיקע באַמבע: ער אַליין שרייבט אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן.

שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן דרוקן זיין ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערן", ספּעקטאָר אַליין האָט אָנגעהויבן דרוקן זיין ראָמאַן און קיין לעזער זיינען אַלץ ניט צוגעקומען.

און דאָ קומען צו אים די דירעקטאָרן פֿון די יידישע טעאַטערס און קלאָגן זיך פֿאַר אים, אַז „די נייע וועלט" איז שטרענגער צו זיי, ווי דער „היינט".

קומט ספּעקטאָר צו מיר און בעט זיך ממש ווי אַ גזלן:

— ליבער דאָקטאָר, לאָזט זיי אָפּ. זאָלן זיי עסן אַ שטיקל ברויט.

זאָג איך אים האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט:

— איך וועל זייער ברויט באַשמירן מיט פּוטער.

ווערט מיין נאַאיווער ספּעקטאָר נתפּעל פֿון דער דאָזיקער „פֿילאָ־זאָפֿיע", פֿאַרגעסט אַלץ, עס דערוועקט זיך אין אים דער שרייבער און ער הייבט אָן צו לויבן מיין לעצטע רעצענזיע און זאָגט פֿאַרשעמט:

— מיך קאָן מען אָפּקויפֿן מיט אַ לעבעדיקן אַרטיקל, אָבער מיט אַביסל איינזעעניש, דאָקטאָר!

נאָך די יום־טובים האָט זיך געעפֿנט די „ליטעראַרישע געזעל־שאַפֿט". עס איז געווען די ערשטע פֿאַרזאַמלונג. עס ווערט אויסגעקליבן דער פּרעזידיום: פּרץ — פֿאָרזיצער, י. דינעזאָן — קאַסיר און איך, צו מיין גרעסטער איבערראַשונג, בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעק־רעטאָר.

אין פּרצן איז אויפֿגעשטורעמט געוואָרן אַ תהום פֿון פֿרישער ענער־גיע. אין אַזעלכע צייטן פֿלעגט ער ווערן יונג, וויציק, שאַרף און אַזוי מונטער, אַז ער פֿלעגט אַלעמען אָנשטעקן מיט זיין יוגנטלעכקייט און ברויזנדיקער ענערגיע.

אין דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט" האָבן מיר געהאַט אַ שטילן שותּף, דעם ניט־לעגאַלן, סאָציאַליסטישן „בונד".

אויף דער ערשטער זיצונג איז אַרויפֿגעבראַכט געוואָרן אויפֿן טיש די טעאַטער־פֿראַגע. עס איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פֿון אַלע מיטגלידער פֿונעם קאָמיטעט, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַ ריי פֿאָרלע־זונגען וועגן טעאַטער.

מיט דעם ערשטן אַרויסטריט האָט מען מכבד געווען מיך.

מיין ערשטע פֿאָרלעזונג איז געווען וועגן גאָלדפֿאַדענען. פרץ איז געווען פֿאָרזיצער און אין דעם קליינעם זאַל איז מען געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ.

איך האָב דערזען, אַז אויב אויפֿן טעאַטער גופֿא האָב איך קיין שום ווירקונג ניט געהאַט, האָב איך אָבער לעזער פֿאַר טעאַטער־קריטיק יאָ געשאַפֿן. מיך האָט איבערראַשט און גערירט די אויפֿנאַמע פֿון דעם גרויסן עולם, מייסטנס יונגעלייט אין קליינע היטעלעך און קאַפּאָטעס.

פרץ איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם, מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט קוים באַרויקט דעם עולם.

זיינע עטלעכע קורצע, בליצנדיקע אַריינפֿיר־ווערטער וועגן טעאַ־טער האָבן צעהיצט דעם עולם און אויך מיך, און מיין ערשטע פֿאָרלעזונג איז, אומגעריכט פֿאַר מיר אַליין, אַראָפּ גוט.

צו יענער צייט איז שוין אסתּר־רחל קאַמינסקי געווען אין אַמעריקע און איר טרופּע האָט זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען „פֿאַראייניק־טע" און זיך געגרייט צו עפֿענען דעם ווינטער־סעזאָן.

דריי פֿאָרשטייער פֿון די „פֿאַראייניקטע" זיינען געקומען צום פּרע־זידיום פֿון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט", אָדער ריכטיקער, צו פּרצן און צו מיר, אַז מען זאָל זיך פֿאַרבינדן מיט זיי; עס הייסט — זיי ווע̇לן ווייטער אָנהאַלטן די ליניע פֿון דער „ליטעראַרישער טרופּע", זיי ווילן שפּילן ליטעראַטור און „געבן דעם בעסערן עולם אמתע קונסט". מיר זאָלן זיך ווענדן צו דער יידישער געזעלשאַפֿט נאָך שטיצע, מיר זאָלן זיין זייערע ראַטגעבער. בכלל, אַ בונד זאָל געשלאָסן ווערן צווישן טע־אַטער און ליטעראַטור.

פּרץ האָט עס אויפֿגענומען מיט ווייניק ענטוזיאַזם.

איך האָב אָנגעהויבן שטעלן פֿראַגן וועגן דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער טרופּע און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרופּע איז צונויפֿ־געשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז צו יעדער צייט קאָן זי איבערלאָזן די „לי־טעראַטור" און איבערגיין לייכט צו דער אָפּערעטע.

די שלוחים האָבן אויפֿן אָרט געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז טאַקע זייער כּוונה. מען מוז זיין גרייט אויף אַלץ; וועט גיין ליטעראַטור, וועלן

אַפילו די זינגער שפּילן ליטעראַטור; אויב, חלילה, ניט, וועלן די דראַ־מאַטישע שוישפּילער אַפילו מוזן זינגען.

קיין וועלכע עס איז אָפּמאַכן זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט געשלאָסן געוואָרן; קיין קלאָרע צוזאָגן זיינען אויך ניט געגעבן געוואָרן. עס איז בלויז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די „פאַראייניקטע" קאָנען זיך מיישב זיין מיט אונדז וועגן דעם אויסוואַל פון פּיעסן, און אויב מיר וועלן אַוועק־שטעלן די טעאַטער־פראַגע געזעלשאַפטלעך, וועלן מיר אַרויסשטעלן די „פאַראייניקטע" אַלס אַ טרופּע, וועלכע די יידישע געזעלשאַפט דאַרף שטיצן.

און טאַקע דאָ באַלד האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זיין די יועצים בנוגע דעם אויסוואַל פון אַ פּיעסע.

איך וועל דערציילן דעם דאָזיקן פאַל, ראשית — ווייל ער איז פאַר זיך אַליין אינטערעסאַנט, אָבער דער עיקרשט צו באַווייזן, ווי פאַלש עס זיינען געווען די באַשולדיקונגען פון נח פּרילוצקי אין אַ גאַנצער ריי פּאַמפלעטן, אַז מיר האָבן אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף גאָרדינען און אַז מיר האָבן זיינע פּיעסן באָיקאָטירט.

די מעשה איז געווען אַזוי: ה. ד. נאָמבערג האָט דאַן איבערגעזעצט גערהאַרדט הויפּטמאַנס באַרימטע דראַמע „פורמאַן הענשל". ווען די „פאַראייניקטע" האָבן זיך אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ רעפּערטואַר, האָט פאַר זיי ה. ד. נאָמבערג פאַרגעלייענט זיין איבער־זעצונג; די „פאַראייניקטע" האָבן אויסגעהערט און איבערראַשטע דער־קלערט, אַז זיי האָבן אַזאַ יידישע פּיעסע פון י. גאָרדין, „די שבועה" הייסט זי, ווייסן זיי ניט דעריבער וואָס צו טאָן.

ה. ד. נאָמבערג, פאַרשטייט זיך, האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אויפ־פירן דעם אָריגינאַל און ניט גאָרדינס באַאַרבעטונג. די שוישפּילער האָבן זיך געקווענקלט און האָבן זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

מען איז געקומען צו אונדז, מיר זאָלן פּסקענען די דאָזיקע האַרבע שאלה. ניט פרץ און ניט איך האָבן געקענט „די שבועה". די „פאַר־אייניקטע" האָבן געהאַט איין געשריבענעם עקזעמפּלאַר פון דער דאָ־זיקער פּיעסע. איז געבליבן, אַז מיר זאָלן זיך אַלע צונויפקומען און דורכלייענען גאָרדינס „שבועה".

אין אַ האַרבסט־טאָג, באַלד ווי פּרץ איז פריי געוואָרן פון זיין אַרבעט אין דער גמינע, זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אין דעם מור־ראַנאָווער טעאַטער („ערמיטאַזש") און מיר האָבן דורכגעלייענט „די שבועה".

און נאָך אַ קורצן וויכוח צווישן אונדז האָבן מיר געראָטן די „פּאַר־איינציקטע" אויפצופירן „די שבועה" און ניט דעם אָריגינאַל „פּורמאַן הענשל".

פּרצן איז, אמת, שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן גאַרדינס באַאַרבעטונג. ער האָט געפונען, אַז זי איז פלאַך און אַז די גאַנצע זאַפטיקייט פון דער דראַמע איז אויסגעטריקנט געוואָרן דורך דער באַאַרבעטונג.

אָבער מיר אַלע האָבן איינגעזען, אַז דער אָריגינאַל איז אַ צו־האַרטער נוס פאַר יידישע שוישפּילער. די באַאַרבעטונג איז גראָד צו־געפּאַסט צו די דאָזיקע יידישע אַקטיאָרן.

פּרץ און אַפילו נאָמבערג האָבן עס באַלד איינגעזען און האָבן מסכּים געווען, אַז „די שבועה" איז פּאַסנדיקער. די אַקטיאָרן זיינען געווען זייער צופרידן און אַביסל אויך איבערראַשט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיי איינ־שטימיק געראָטן צו נעמען זיך באַלד פאַר דער אויפפירונג פון גאָרדינס „שבועה".

מיט חשק און מיט פרישן ברען האָבן זיך די „פּאַראייניקטע" גע־נומען שטודירן „די שבועה" און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי געגעבן אַ גאַנץ גוטע אויפפירונג. די זינגערין פון דער טרופּע, גורע־וויטש (איצט אין אַמעריקע, צוריקגעצויגן פון דער בינע), איז געווען אַ גוטע פּאַטשאַרקע, אָבער באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער דאָזיקער פּיעסע זשעליאַזאָ (ער האָט דאָרט געשפּילט אַ טייערן, האַרציקן און פּשוטן יידל), י. ליבערט און נאָך.

אָבער צו אונדזער אַלעמענס אַנטוישונג האָט די פּיעסע ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג ביים עולם. דער עולם האָט אָנגעפילט די צוויי אַנדערע טעאַטערס, וואו מען האָט געשפּילט אָפּערעטעס און מעלאָ־דראַמעס.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די „פּאַראייניקטע" האָבן זיך געראַטעוועט מיט אַן אָפּערעטע.

דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן עס געטאָן מיט אַ שווערן געמיט, און ווייטער — האָבן זיי זיך אין גאַנצן ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע גוטע שטרעבונגען; זיי האָבן מיט אַ געוויסער עקשנות אויך אויפגעפירט נייע דראַמען און אָפּגעפרישט זייער אַלטן רעפּערטואַר. די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט״ האָט געאַרבעט זייער ענערגיש. זי איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן זייער פּאָפּולער אין וואַרשע און אין אַ געוויסער צייט האָט זי פאַרטונקלט אַפילו דעם אַלטן און פאַרפעסטיקטן „הזמיר״, וואָס האָט אייגנטלעך אָנגעפירט כמעט די זעלביקע טעטיקייט.

ניט פאַרשטענדלעך איז אונדז געווען די פאָלגנדיקע דערשיינונג: דער עולם האָט אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן אינטערעס צו אונדזערע פאַרלעזונגען אויף טעאַטער־טעמעס. עס איז געווען אַ מסוכנע שטויסעניש אויף אונדזערע פאַרלעזונגען וועגן טעאַטער. אין דער זעלבער צייט אָבער פלעגט יעדע בעסערע אויפפירונג אין יידישן טעאַטער זייער שוואַך באַזוכט ווערן.

עס איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן געשאַפן אַ ברייטן קרייז לעזער פון טעאַטער־קריטיק, אָבער לחלוטין נאָך ניט קיין קרייז פון גוטע טעאַטער־באַזוכער.

דער „פריינד״ און דער טעאַטער־שטורעם פון יאָר 1910

„די נייע וועלט״, „מיין צייטונג״ איז אָפּגעלאָזן געוואָרן. ספּעקטאָר איז געוואָרן אָפּהענטיק און דערהויפּט איז געוואָרן אָפּהענטיק זיין געלט־שותף, אַ ייד אַ סוחר. אַן אַפּאַטיע האָט אַרומגעכאַפּט אַלע מיטאַרבעטער און איך האָב זיך אויך אָנגעשטעקט מיט איר.

איך האָב געשריבן זייער פיל, אָבער איך האָב ניט געהאַט די זעלבע זיכערקייט און פעסטקייט, ווי אין די ערשטע חדשים.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערהערן מיר, אַז דער פּעטערבורגער „פריינד״ קלייבט זיך אַריבער קיין וואַרשע. די ערשטע יידישע צייטונג איז אין פּעטערבורג געווען ווייט און אָפּגעריסן פון דעם יידישן לעבן. אַגב, אין תחום זיינען אויפגעקומען יידישע צייטונגען און מען האָט שוין ניט געקאָנט וואַרטן אויפן „פריינד״, וואָס פלעגט אָנקומען אין די יידישע ישובים אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג.

באַלד נאָך דעם דאָזיקן קלאַנג איז טאַקע אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע דער אַרויסגעבער פֿון „פֿריינד", ש. ראַפּאָפּאָרט.

אויפֿן צווייטן טאָג פֿון זיין אָנקומען קיין וואַרשע האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט ביי פּרצן. פּרץ האָט מיך אַרויסגערופֿן. עס האָט זיך גע־רעדט וועגן דעם, אַז איך זאָל אַריבער אין „פֿריינד", וועלכער קלייבט זיך אַריבער קיין וואַרשע. איך האָב באַלד מסכּים געווען, דערווייל פּרינ־ציפּיעל, ביז עס וועט קומען ש. ראָזענפֿעלד און מ'וועט ריידן גענויער און באַשטימטער.

עס האָט זיך געקאָכט אין דער קליינער ליטעראַרישער וועלט. די הויפּט־קוואַרטיר פֿאַר די ישוב־הדעתן און פֿאַר דער אויסאַרבעטונג פֿון אַלע פּלענער איז געווען פּרצעס הויז. פּרץ איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל: „דער פֿריינד" אין וואַרשע, די „ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט" אויך אין וואַרשע, וואָרים אין פּעטערבורג איז די דאָזיקע געזעלשאַפֿט געשלאָפֿן און מען האָט פֿון איר ניט געהערט.

עס איז געקומען ש. ראָזענפֿעלד און עס איז צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן די רעדאַקציע פֿון דעם וואַרשעווער „פֿריינד": פּרץ, אַש, אַברהם רייזען, בעל־מחשבות, נאָמבערג, ש. ראָזענפֿעלד, א. ווייטער, אַחוץ אַ גאַנצער ריי פֿון אויסערלעכע מיטאַרבעטער מיט גרויסע נעמען.

און דאָ בין איך צום ערשטן מאָל איינגעלאַדן געוואָרן דערהויפּט אַלס טעאַטער־קריטיקער. פֿאַרשטייט זיך, איך האָב געהאַט אַנדערע אַר־בעטן אין דער רעדאַקציע, אָבער איינגעלאַדן בין איך געוואָרן אַלס טע־אַטער־קריטיקער. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, געווען מיין הויפּט־יחוס.

און דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל גערעדט וועגן אַ פֿעסטער אומ־דערשראָקענער טעאַטער־פּאָליטיק — קאַמף מיטן שונד, שטיצע יעדער ערנסטער שטרעבונג אין טעאַטער און דער עיקר — וועקן דעם אינטע־רעס פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט צו דער טעאַטער־פֿראַגע.

אין דער רעדאַקציע האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טע־אַטער־פֿראַגע און געהאַט צו איר אַ פֿעסטע און קלאָרע באַציאונג — א. ווייטער.

דער דאָזיקער פֿיינסטער עקזעמפּלאַר פֿון אַ יידישן ליטעראַט האָט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס די ערשטע צייט אויף דער רעדאַקציע. ניט

קיין פלינקער זשורנאַליסט, ניט קיין שנעלער אַרטיקל־שרייבער און בכלל ניט קיין זייער רירעוודיקער מיט דער פעדער, האָט ער אָבער מיט זיין פערזענלעכקייט, מיט זיין געגנוואַרט און מיט זיינע קלוגע, שטילע און מיושבדיקע שמועסן זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין דער צייטונג. ער האָט זאַגאַר צום אָנהייב געגעבן דעם טאָן, און מען מוז זאָגן — זייער אַ פיינעם טאָן. ער איז געווען דער טאַקטישסטער מענטש, וואָס איך האָב אַמאָל באַגעגענט צווישן יידישע ליטעראַטן. און טאַקט איז דאָן געווען אַזוי נייטיק, וואָרים דער „פריינד" איז אַריינגעפאַלן אין דער סאַמע פינצטערער צייט, אין דער צייט פון דער פוילישער באַיקאָט־אַגיטאַציע אויף יידן.

אין דעם ערשטן נומער „פריינד", צווישן אַלע אַזוי־גערופענע פראָגראַם־אַרטיקלען, איז געווען אויך מיינער אַ פראָגראַם־אַרטיקל וועגן טעאַטער. עס איז געווען דער ערשטער אַרטיקל, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון דער רעדאַקציע פון דער צייטונג. עס האָט געהאַט דעם אויסזען און דעם טאָן פון אַ רעדאַקציע־אַרטיקל.

דער דאָזיקער ערשטער אַרטיקל האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם אין דעם קליינעם טעאַטער־וועלטל. אפשר איז דאָס וואָרט „שטורעם" ניט דער ריכטיקער אויסדרוק. עפעס אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף די טעאַטערס. אין זייער באַאַיוויטעט האָבן זיי עס אויפגעפאַסט זייער פרימיטיוו — מען קלייבט זיך פשוט רואינירן זיי, צו פאַרמיאוסן זיי אין די אויגן פון פובליקום, הכלל — אַן אָרגאַניזירטער און סיסטעמאַטישער באַיקאָט רוקט זיך אויף זיי... איך מוז צוגעבן, אַז מיין ערשטער אַרטיקל איז געווען אַביסל צו שאַרף, צו קעמפעריש און צו רייסנדיק.

און ווייטער דאָס נעמלעכע: די לעזער האָבן אויפגענומען דעם אַרטיקל מיט ענטוזיאַזם, אָבער אויף דעם גאַנג פון טעאַטער האָט עס קיין שום ווירקונג ניט געהאַט.

די „ליטעראַרישע געזעלשאַפט" איז נאָך מער אויפגעלעבט געוואָרן. זי האָט באַקומען אַ צייטונג, וואָס שטיצט זי מאָראַליש און איז גרייט צו גיין מיט איר אין פייער און אין וואַסער.

עס איז געווען די שענסטע צייט אין דעם וואַרשעווער ליטעראַרישן לעבן. וואָס יידישע שריפטשטעלער האָבן אונטערגענומען, האָט געהאַט דעם גרעסטן אָפקלאַנג. די וואַרעמסטע אויפנאַמע פון פובליקום האָט באַגעגנט די טעטיקייט פון די יידישע ליטעראַטן אין וואַרשע.

די בעלער פון די יידישע זשורנאַליסטן זיינען אַריין אין מאָדע. עס איז געווען אַ יחוס אַריינצופאַלן צו יידישע ליטעראַטן אויף אַ מאַסקנבאַל, אויף אַ פאַרלעזונג און סתם אויף אַ צוזאַמענקום מיט זיי.

עס איז געווען אַ פאַראייניקונג, ניט קיין אָפיציעלע, פון שרייבער, מאָלער, מוזיקער און אַנדערע פאָרשטייער פון יידישער קונסט און קולטור, און ווען מען פלעגט עפּעס אונטערנעמען, זיינען פלייסיקע און ענערגישע הענט געווען גרייט צו דער אַרבעט.

פילנדיק זיך האַפּדיק און אַזוי זיכער, איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ זיצונג פונעם קאָמיטעט פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט״ צו אָרגאַניזירן אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע פאַר אַ בעסערן טעאַטער.

ביי פרצן זיינען די השגות אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ער האָט פאַרגעלייגט פאַר דעם דאָזיקן אַרויסטריט צו באַקומען דעם גרויסן פּרעכטיקן זאַל אין וואַרשע, די „פילהאַרמאָניע״. גרויסע השגות ציען נאָך גרויסע מעשים.

עס וואָלט גאָר קיינעם ביז יענער צייט ניט איינגעפאַלן צו גיין בעטן דעם דאָזיקן פוילישן מוזיק־טעמפּל פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע פאַר אַ יידישער פאַרזאַמלונג. בפרט נאָך אין דער צייט פון פעכיקער שנאה צווישן פאָליאַקן און יידן. האָבן עס אָבער די השגות ביי זיך געפּועלט, איז שוין געווען לייכט צוצוקומען צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג.

און כך הוה.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז גענומען געוואָרן דער זאַל פון „פילהאַרמאָניע״ פאַר דעם אַרויסטריט פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט״.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן י. דינעזאָנס שרעק, ווען ער האָט דערהערט פרצעס פאָרשלאָג וועגן דער „פילהאַרמאָניע״. ער האָט געוואונקען צו מיר — למען השם איך זאָל שטימען קעגן; ער האָט גע־

וואונקען צו אַנדערע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפֿן, האָט ער מיך אָפּגערופֿן אַן אַ זייט און זיך געבעטן רחמים:

— לאָזט זיך ניט פֿאַרפֿירן פֿון פּרצן. עס קאָן אַרויסקומען, חלילה, אַן אומגליק. פּאָליאַקן וועלן, ערשטנס, ניט געבן די „פֿילהאַרמאָניע״; און אַז זיי וועלן שוין יאָ געבן, וועלן זיי באַפֿאַלן די פֿאַרזאַמלונג און גאָט ווייס, וואָס עס קאָן אַרויסקומען.

און אַזוי האָט ער איינגעטענהט מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון קאָמיטעט, ער האָט אָבער גאָרניט געפּועלט. די באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט באַשטימט — מיט קאַמף, מיט באַקציינער צו באַקומען די „פֿילהאַרמאָניע״ פֿאַר דעם אַרויסטריט.

און אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז מען האָט גאָר קיין באַקציינער ניט געדאַרפֿט האָבן. דער פּאָליאַק, דער פֿאַרוואַלטער, האָט זיך, אמת, גיפֿטיק אַ קרים געטאָן, אָבער אונדזער שליח איז געווען שטאָלץ און ווירדיק; ער האָט געפֿאָדערט די „פֿילהאַרמאָניע״ און האָט זי באַקומען.

די שרעקנדיקע האָבן ערשט באַקומען מוט; זיי האָבן אָנגעהויבן פֿאָדערן, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון דער „פֿילהאַרמאָניע״.

וויסטע קלאַנגען זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן: פּאָליאַקן גרייטן זיך, אָרגאַניזירן באַנדעס פֿון גאַסניונגען, עס וועלן זיין הריגות. פֿון אויער צו אויער האָט מען איבערגעגעבן כּלומרשט אונטערגעהערטע שמועסן פֿון פּאָליאַקן צווישן זיך:

— יידן מיט זייער זשאַרגאָן אין „פֿילהאַרמאָניע״, מיר וועלן זיי באַווייזן...

איך וועל ניט זאָגן, אַז די דאָזיקע קלאַנגען האָבן אויף אונדז קיין ווירקונג ניט געהאַט; אייניקע זיינען געוואָרן אַביסל „ניכטערער״; אַפֿילו דער רואיקער א. ווייטער האָט מיר איינגערוימט, אַז עס איז געווען אַביסל צו לייכטזיניק פֿון אונדז, אָבער גיין צוריק קאָן מען ניט.

אַ טייל זיינען געקומען מיט אַנדערע פּעסימיסטישע ידיעות; דער יידישער עולם וועט ניט קומען אונדז הערן אין דער „פֿילהאַרמאָניע״, ער וועט מורא האָבן, ער איז בכלל ניט געוויינט צו גיין הערן יידישע רעדנער אין דער „פֿילהאַרמאָניע״.

פרץ איז געבליבן רואיק און פֿאַרעקשנט; ער האָט, ווי אַ צעבאַ־לעוועט קינד, ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט פֿייער, האָט ער קאַפּריזנע אַרויסגעלאָזט אַ לאָזונג:

— אין „פֿילהאַרמאָניע״, אַרויס פֿון הינטערן אויוון!

אויף שבת בייטאָג, דעם 22סטן יאַנואַר 1910, איז באַשטימט גע־וואָרן דער אַרויסטריט. די אַנאָנס וועגן דעם אַרויסטריט איז געשריבן מיט פרצעס ניט־דערזאָגטקייט:

ד״ר א. מוקדוני: די אַרטיסטן.

א. וויטער: דאָס טעאַטער און דאָס פּובליקום.

ה. ד. נאָמבערג: פֿון גאָלדפֿאַדען ביז לאַטיינער.

י. ל. פרץ: רעזומע און איבערזיכט.

און אָט איז געקומען דער שבת בייטאָג, אויף וועלכן דער אַרויס־טריט איז געווען באַשטימט. מיר זיינען זיך צונויפֿגעקומען ביי פרצן אַביסל אויפֿגערעגטע. מיר האָבן געמאַכט אַ שטיקל פּראָבע — ד״ה פֿעסטגעשטעלט גענוי, וואָס יעדער האָט צו רייד̄ן.

זייענדיק ביי פרצן אין הויז, זיינען געקומען צו לויפֿן יונגע קאָ־מיטעטשיקעס און סתם געטרייע מיטגלידער פֿאַרסאָפּעטע, אויפֿגע־רעגטע און האָבן דערציילט, אַז דער עולם שטורעמט איינפֿאַך די „פֿילהאַרמאָניע״. דער זאַל איז שוין פֿול און טויזנטער מענטשן שטייען אין ריי ביי דער קאַסע און די ריי פֿאַרנעמט די גאַנצע גאַס.

פֿון די דאָזיקע שטאָפּעטן האָבן מיר ניט באַקומען די ריכטיקע פֿאַרשטעלונג, וואָס עס טוט זיך אַרום דער „פֿילהאַרמאָניע״. ערשט אַז מיר זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער גאַס, וואו די „פֿילהאַרמאָניע״ געפֿינט זיך, האָבן מיר דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַריבערגע־שטיגן די רייכסטע פֿאַנטאַזיע: די גאַנצע גאַס איז ממש געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. דער ברייטער אַריינגאַנג איז געווען פֿאַרפּאַקט. מיר זיינען געבליבן שטיין און ניט געקאָנט מאַכן קיין טריט צום אַריינגאַנג. אָבער באַלד זיינען אויסגעוואַקסן אַ פּאָר צענדליגג צעהיצטע יונגעלייט, סטודענטן, אַרבעטער און בחורימלעך אין לאַנגע קאַפּאָטעס, און זיי

האָבן גענומען שפּאַלטן דעם ים פון מענטשן און מאַכן פאַר אונדז אַ דורכגאַנג. גייענדיק צווישן דעם גרויסן מענטשנשטראָם, האָבן אונדז אויף יעדן טריט פאַרשטעלט דעם וועג „דעלעגאַציעס״, וועלכע האָבן געפאָדערט אין נאָמען פון די טויזנטער, אַז מיר זאָלן זיי געבן די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין זאַל.

י. ל. פּרץ, וואָס פלעגט זיך צעשיינען ממש שטייענדיק פאַר אַ גרויסן עולם און פלעגט ווערן זייער וויציק, שלאַגפאַרטיק און יונג, האָט מיט אַ ברייטן שמייכל און מיט אָנגעצונדענע אויגן געבעטן, אַז מען זאָל אונדז פריער אַריינלאָזן און מיר וועלן שוין זען, וואָס ס׳לאָזט זיך מאַכן.

די דאָזיקע פשוטע ווערטער האָבן געווירקט באַרואיקנדיק אויפן עולם. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ וועג פאַר אונדז און מיר זיינען אַריין אין זאַל. און דאָ האָבן מיר ערשט דערזען פאַר זיך עפּעס גראַנדיאָזעס: דער זאַל איז געווען געפּאַקט, און אַפילו אין די דורכגאַנגען זיינען גע־שטאַנען מענטשן; און שטיל איז געוואָרן דער דאָזיקער ים פון מענטשן, ווען מיר האָבן זיך באַוויזן, אַזוי שטיל, אַז עס איז אונדז געוואָרן אַביסל אומהיימלעך.

בלויז פון דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ זשומעריי פון טויזנטער וואַרטנדיקע מענטשן. פּרץ האָט זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון „פילהאַרמאָניע״, און עס איז באַשטימט גע־וואָרן, אַז מיר קריגן די „פילהאַרמאָניע״ פאַרן צווייטן שבת, כדי צו געבן דעם עולם, וואָס שטייט אויף דער גאַס, די מעגלעכקייט צו הערן אונדז.

פּרצן האָט מען פשוט אַרויסגעטראָגן צום עולם. ער האָט איבער־געגעבן די דאָזיקע באַשטימונג און געבעטן דעם עולם זיך צעגיין און קומען איבעראַכטאָג שבת אין דער צייט.

דער עולם האָט עס אויפגענומען מיט באַגייסטערונג און פּרץ איז צוריק אַריין אין זאַל.

ווען פּרץ מיט אונדז, די דריי איבעריקע רעדנער, האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרם, האָט די גאַנצע געביידע ממש אַ ציטער געטאָן פון דער שטורעמדיקער אָוואַציע.

דאָס זעלביקע, נאָך מיט מער קראַפט, האָט זיך איבערגעחזרט, ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן רעדן. עס האָט גענומען פינף מינוט צייט, ביז ער האָט געקאָנט אָנהייבן.

און פּרץ, פאַר אַזאַ גרויסן באַגייסטערטן עולם, איז אַזוי צעוואָרעמט געוואָרן, אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן די שטרענגע צעטיילונג פון די טעמעס. ער האָט זיך אַריינגעריסן אין אונדזערע טעמעס. ער האָט גערעדט אי וועגן דעם רעפּערטואַר, אי וועגן אַקטיאָר און אי וועגן דעם פּובליקום. גערעדט האָט ער פּאַטעטיש, דערהויבן, ווי זיין שטייגער איז געוועז, ווען ער פלעגט זיך צעוואָרעמען.

מיר, די אַנדערע דריי רעדנער, זיינען געזעסן ווי פאַרלוירענע; ער האָט פאַרכאַפּט אונדזערע טעמעס. נאָמבערג איז געוועזן פּשוט ברוגז. בלויז א. ווייטער, וואָס האָט געהאַט ממש אַ מיסטישע פאַרערונג פאַר פּרצן, האָט געשטראַלט: „זאָל ער רעדן אויך פאַר אונדז, ער מאַכט עס בעסער, ער ווירקט טיפער...״

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין זאַל, ווען פּרץ האָט געענדיקט זיין רעדע, איז שווער צו באַשרייבן. מיר האָט עס אויסגעוויזן פּשוט ווי אַ היסטעריקע פון אַ גרויסער מחנה מענטשן. די דאָזיקע היסטעריקע האָט זיך איבערגעחזרט אויך ווען פּרץ האָט פאַרגעשטעלט יעדן פון אונדז. דער ערשטער רעדנער בין איך געוועזן.

און אַרויסגעשטעלט האָט זיך, אַז פּרץ האָט אונדז ניט באַגזלט. יעדער פון אונדז האָט געהאַט גענוג וואָס צו זאָגן. איך, וועלכער בין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַרויסגעטראָטן פאַר אַזאַ גרויס פּובליקום, האָב זיך ניט פאַרלוירן. נאָמבערג אויך ניט, נאָר מיט א. ווייטערן איז געשען עפּעס אומאָנגענעמס: ער האָט פון גרויס אויפרעגונג זיך פאַרלוירן און נאָך זיין רעדע האָבן מיר אים באַדאַרפט מינטערן הינטער די קוליסן.

דריי שעה האָט געדויערט דער סימפּאָזיום. איך וועל אים אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן.

ווען מיר וואָלטן געווען אַביסל אַמעריקאַניש און זיך ניט געשעמט אויסצונוצן די דאָזיקע פאַרזאַמלונג ווי געהעריק, למשל צו מאַכן אַ געלט־זאַמלונג, וואָלטן מיר געוויס געהאַט די ערשטע סאָלידע סומע

פאר דעם אויפבוי פון אַ געזעלשאַפטלעכן טעאַטער אין וואַרשע. אָבער קיינעם פון אונדז, נאַאיווע, איז ניט איינגעפאַלן צו פאַרשווערכן אַזאַ גרויסן מאָמענט מיט אַ געלט־זאַמלונג.

די רעדעס זיינען בכלל ניט געווען קיין שאַרפע און ניט קיין בייזע. פאַרקערט: ווייטאָג און צער איז געווען אין אַלע רעדעס. אין מיין רעדע, למשל, האָב איך געשילדערט דעם אומגליקלעכן מצב פון דעם יידישן שוישפּילער. ער, מיט זיין אָרעם וויסן, מיט זיין אָרעמער דערפאַרונג און מיט זיין ניט־אויסגעבילדעטן טאַלאַנט, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן יאָך פון טעאַטער־בויאונג. מיר דאַרפן העלפן דעם אָרעמען יידישן שוישפּילער אין זיינע בעסערע שטרעבונגען. לאָמיר העלפן די אַלטע שוישפּילער און ממילא וועלן שוין אויפקומען נייע.

אין נאָך אַן איידעלערן און טאַקטישערן טאָן האָט גערעדט א. ווייטער. ער האָט כמעט מיט טרערן אויסגעשריען: אַזאַ אַלט פאָלק און אַזאַ בוידעם־אָרעמקייט אין זיין טעאַטער.

ה. ד. נאָמבערג איז בכלל, לויט זיין נאַטור, געווען זאַכלעך, און ווען ניט די עטלעכע ווערטער וועגן פּובליקום, די שאַבשאַוויטשעס, אויף וועלכע דער טעאַטער שטיצט זיך, וואָלט זיין רעדע געווען ממש אַ סאַלאָן־רעדע.

י. ל. פּרץ איז געווען פייערדיק, בליצנדיק און אין אַזאַ צושטאַנד פלעגט ער סתם ניט באַרירן זאַכלעך וועלכע עס איז פּראָבלעם. ער פלעגט בליצן מיט אַפאָריזמען, מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע זאַצן.

דער איינדרוק איז אָבער געווען, אַז מיר האָבן דעם יידישן טעאַטער געקעפּט אויף דעם דאָזיקן סימפּאָזיום. אַפּנים, אַז דער גרויסער עולם האָט געוואָלט קעפּן דעם שונד־טעאַטער, ער איז געקומען מיט דער דאָזיקער כוונה אין „פילהאַרמאָניע״ און ער האָט אין אונדזערע רעדעס געהערט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט הערן.

אַ שטורעם האָט אויפגעהויבן דער סימפּאָזיום.

דער צווייטער שבת איז געווען נאָך שטורעמדיקער פון דעם ערשטן. דער עולם איז געווען אָנגעצונדן פון די קלאַנגען וועגן די „שטורמישע״ רעדעס, וועלכע מיר האָבן געהאַלטן. און דער אמת איז, אַז דעם צווייטן

שבת האָט דער אויפֿגערייצטער עולם אונדז מיטגעשלעפּט און מיר זיינען געווען אַביסל שאַרפֿער.

די באַריכטן פֿון דער פּרעסע וועגן דעם סימפּאָזיום, אין וועלכע מען האָט, ווער מער און ווער ווייניקער, געשילדערט דעם געוואַלדיקן ענטוזיאַזם פֿון עולם, האָבן אויך צוגעגעבן שאַרפֿקייט דעם אַרויסטריט.

דער רואיקער און איינגעהאַלטענער „פֿריינד" האָט כמעט די גאַנצע ערשטע זייט אָפּגעגעבן פֿאַר דעם באַריכט וועגן סימפּאָזיום: „וואַרשע האָט שוין לאַנגע יאָרן ניט געזען אַזאַ גרויסע און אימפּאָנירנדיקע פֿאַרזאַמלונג", האָט „דער פֿריינד" אָנגעהויבן זיין באַריכט. „די רעפֿע־ראַטן האָבן געמאַכט אַן אומגעהייער גרויסן איינדרוק", דערציילט „דער פֿריינד" ווייטער. אין „פֿריינד" זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער אינ־האַלט פֿון אַלע פֿיר רעדעס כמעט גענוי און דער עיקרשט ה. ד. נאָמ־בערגס טייל פֿון זיין רעפֿעראַט, אין וועלכן ער האָט גערעדט וועגן די שאַבשאָוויטשעס, אויף וועלכע דער יידישער טעאַטער אין וואַרשע שטיצט זיך.

דער סימפּאָזיום וועגן טעאַטער האָט אויפֿגערודערט די געזעל־שאַפֿטלעכע מיינונג. „דער פֿריינד" האָט באַטראַכט דעם סימפּאָזיום ווי אַן אייגענעם אויפֿטו, מיט וועלכן ער אידענטיפֿיצירט זיך אין גאַנצן. די אַנדערע דריי יידישע צייטונגען האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשווייגן דעם סימפּאָזיום, האָבן אָבער שפּעטער — ווער מיט אַ האַלבן מויל און מיט אַ באַהאַלטענעם ביטול און ווער אָפֿן — אָנגעהויבן אונדז צו אַטאַקירן.

דער ערשטער שאָס איז אָבער געקומען פֿון דער זייט, פֿון וועלכער מיר האָבן גאָר ניט דערוואַרט. ער איז געקומען פֿון די „פֿאַראייניקטע", מיט וועלכע מיר האָבן זיך האַלב־אָפֿיציעל פֿאַרבונדן און וועלכע מיר האָבן געהאַט אין זינען צו שטיצן, ווען די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונג צום טעאַטער וועט ווערן אַ פּאָזיטיווע.

אין „אונזער לעבן" זיינען די „פֿאַראייניקטע" אַרויס מיט אַ ביי־טערן בריוו קעגן אונדז. אחוץ די זילזולים האָט מען אונדז געוואָרפֿן די באַשולדיקונג, אַז מיר ווילן אויסנוצן דעם טעאַטער פֿאַר אייגננוציקע מאַטעריעלע צוועקן. דאָס איז געווען אַן אָפֿענע אָנצוהערעניש, אַז מיר האָבן אין די קעשענעס דראַמעס און מיר ווילן צווינגען דעם טעאַטער,

ער זאָל זיי אויפֿפֿירן. נאָך קלאָרער איז געווען די אַנצוהערעניש וועגן ה. ד. נאָמבערג, וועלכער, ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט פֿאָרגעלייגט די „פֿאָראייניקטע״ אויפֿצופֿירן זיין איבערזעצונג פֿון „פֿורמאַן הענשל״.

נאָך די „פֿאָראייניקטע״ איז אַרויס נח פּרילוצקי, וועלכער האָט קוואַליפֿיצירט די אַרבעט אונדזערע ווי „רעוואָלווער־קריטיק און באַי־קאָט־אַגיטאַציע״[1]. און אין יאָר 1921 האָט נח פּרילוצקי, אין אַן אָנ־מערקונג צו אַן איבערגעדרוקטן אַרטיקל פֿון יאָר 1910, איבערגעחזרט די זעלבע באַשולדיקונג, דערקלערנדיק, אַז זיין אַרטיקל האָט באַדאַרפֿט זיין גרעסער, עס פֿעלט אין אים „אַ געהעריקע אָפּשאַצונג פֿון דער קריגערישער קאָמפּאַניע, וואָס איז דעמאָלסט פֿון אַ געוויסער זייט געפֿירט געוואָרן קעגן (?) דעם יידישן טעאַטער ניט דווקא אויס בלויז ריינע מאָטיוון״[2].

מיט דער פֿולסטער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און מיט דעם ריינסטן געוויסן שטעל איך דאָ פֿעסט, אַז די דאָזיקע באַשולדיקונג האָט קיין שום באָדן ניט. איך זאָג עדות פֿאַר י. ל. פּרצן, פֿאַר א. ווייטערן (וועגן דער ערלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן שריפֿטשטעלער וועט מיר נאָך אויס־קומען צו רעדן) און פֿאַר נאָמבערגן (פֿאַר מיין פּערזאָן זאָל אַן אַנדערער עדות זאָגן), אַז ניט נאָר זיי האָבן ניט געזוכט קיין מאַטעריעלע נוצן פֿאַר זיך אין דער דאָזיקער קאָמפּאַניע, זיי האָבן זייערע אָרעמע גראָשנס, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, פֿאַר דער דאָזיקער קאָמפּאַניע געגעבן...

איך וויל ניט זאָגן, אַז פּרצן, נאָמבערגן איז ניט געווען וויכטיק, אַז מען זאָל זייערע דראַמען שפּילן אין יידישן טעאַטער; דאָס וואָלט געווען אַן איבערגעטריבענע צדקות פֿון זייער זייט, אַ צדקות, וואָס גרענעצט זיך מיט צביעות אָדער מיט נאָך ערגערס. געוויס האָט פּרץ געוואָלט זען זיין „גאָלדענע קייט״ אויפֿגעפֿירט אין אַ יידישן טע־אַטער; געוויס האָט נאָמבערג געוואָלט, אַז מען זאָל שפּילן „פֿורמאַן הענשל״, זיין „משפּחה״, און אַפֿילו דער איבערטריבן־באַשיידענער א. ווייטער האָט אויך געוואָלט זען זיינע דראַמען געשפּילט. אָבער ניט צו־

[1] זע פּרילוצקיס „יידיש טעאַטער״, באַנד ו, ביאַליסטאָק, 1921, ז׳ 58—62.

[2] דאָרט, ז׳ 63.

ליב דעם האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף. זיי זיינען געווען שריפֿטשטעלער, מענטשן מיט געשמאַק און זייער האַרץ האָט פּשוט גע־בלוטיקט, זעענדיק דעם יידישן טעאַטער אין אַזאַ שפּלן מצב. אַגב, וואָס פֿאַר אַ מאַטעריעלע נוצן האָט מען געקאָנט האָבן פֿון יידישן טעאַטער, ווען ער פֿירט אויף אַפֿילו פּרצעס אַ דראַמע? דער דעמאָלסטיקער טע־אַטער האָט כּמעט קיין האָנאָראַר ניט געצאָלט.

אויך דוד פֿרישמאַן איז אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז. דאָס איז געווען שפּעטער. די אייביקע שנאה צווישן אים און פּרצן איז געווען שולדיק אין דעם. אָבער דוד פֿרישמאַן דער שריפֿטשטעלער, דער מענטש מיטן גרויסן געשמאַק, איז ניט אַרויס מיט אַזעלכע חשדים. ער איז אַרויס קעגן דער „היסטעריקע״, מיט וועלכער דער קאַמף איז געפֿירט געוואָרן. און דאָ איז ער געווען אַביסל גערעכט. איך מוז עס צוגעבן. אָבער מיר זיינען אין דעם ניט געווען שולדיק; די היסטעריקע איז געקומען קעגן אונדזער ווילן. אַגב, איז קאַמף אָן אַביסל היסטעריקע גאָר ניט געמאָלט.

דערצו איז פֿרישמאַן געווען אַ העברעאישער שריפֿטשטעלער און האָט צום יידישן טעאַטער סתּם קיין פּאָזיטיווע שטעלונג ניט גענומען. אים איז דער טומל אויסגעקומען אַביסל אָן אָנגעשרויפֿטער. ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, ווי קאָן מען בכלל זיך נעמען צום האַרצן די „זשאַר־גאָנישע פּורים־שפּילעריי״.

דוד פֿרישמאַן האָט אין אַ ריי אַרטיקלען אין „היינט״ שאַרף אָנגע־גריפֿן פּרצן, נאָמבערגן און מיך. אָבער ווי אַ קריטיקער און אַ שריפֿט־שטעלער איז ער אַרויסגעטראָטן און אַ סך פֿון זיינע באַמערקונגען זיינען געווען ריכטיקע. ער האָט פֿיל געגרייזט אין זיין כאַראַקטעריסטיק פֿון פּרצן, אָבער ער האָט אויפֿגעדעקט פֿיל ריכטיקע שטריכן אין פּרצעס שריפֿטשטעלערישער פּערזענלעכקייט. נאָמבערגן האָט ער כאַראַקטע־ריזירט ממש געניאַל. פֿון יענער פּאָלעמיק שטאַמט זיין טרעפֿנדיקע כאַ־ראַקטעריסטיק פֿון נאָמבערגן אַלס „מהיכא־תּיתא־מענטש״. עס איז גע־ווען אַ שטיק אמת אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק. מיך האָט ער אויך שאַרף אָנגעגריפֿן און איך מוז מודה זיין, אַז ער האָט זייער געשיקט אַרויסגעפּישט עטלעכע ציטאַטן פֿון מיינע אַרטיקלען, וועלכע האָבן פֿאַרדינט אויסגעלאַכט צו ווערן. אמת איז, אַז מיט אַרויספּיקן שטיקלעך

פון פּראַזן קאָן מען אַלעמען מאַכן לעכערלעך. אָבער בנוגע אייניקע אויסדרוקן אין מיינע אַרטיקלען איז ער געווען גערעכט, וואָס ער האָט זיי אויסגעלאַכט.

דוד פרישמאַן האָט אויף דעם עצם ענין זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט בלויז קריטיקירט די פאָרם.

און איך מוז זאָגן, אַז פרישמאַן האָט אונדז מער ווי געטאָן ווי נח פּרילוצקי. האָבן מיר פרישמאַנען געצאָלט מיט דער זעלבער מטבע. אין אַ ריי אַרטיקלען, געשריבן פון נאָמבערגן, א. ליטוואַקן און פון מיר, האָבן מיר זיינע אַטאַקעס אָפּגעשלאָגן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער זעלבער מעטאָדע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט. מיר האָבן אויך וועגן עצם ענין ניט פּאָלעמיזירט. מיר האָבן אים אָנגעגריפן אַלס שריפט־שטעלער, ד״ה מיר האָבן אים אויך „כאַראַקטעריזירט״ און מיר זיינען געווען אין דער זעלביקער מאָס אומגערעכט צו אים ווי ער צו אונדז.

און איך בין זיכער, אַז ווען דוד פרישמאַן וואָלט זיך אומגעקערט צו דעם דאָזיקן ענין מיט צען יאָר שפּעטער, וואָלט ניט געווען קיין סימן פון דער ביטערקייט, וואָס ס׳איז געווען בשעת דער פּאָלעמיק.

נאָך מער: די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען קעגן אונדז שאַרף אַרויסגעטראָטן, האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום זיך אַנטשולדיקט און געוואָרן מיט אונדז די „בעסטע פריינד״. די דאָזיקע פשוטע מענטשן האָבן געקאָנט לייכט אויפגעהעצט ווערן, אָבער באַלד האָבן זיי איינגעזען, אַז קיינער פון אונדז האָט ניט קיין בייזע כוונות און זיי האָבן געזוכט אונדזער פריינדשאַפט, צוגעהערט זיך צו אונדזערע עצות און אין ביטערע מאָמענטן געפונען, פאַר ווענען אַראָפּצורייזן פון הארצן.

בכלל מוז איך זאָגן, אַז די דאָזיקע פאָלקסמענטשן האָבן געהאַט אַ געזונטע און זייער אַ פיינע באַציאונג צו דער קריטיק. אַ „שלעכטע״ קריטיק האָט זיי, פאַרשטייט זיך, געקרענקט. דאָס איז מענטשלעך און זיי האָבן אַלע מאָל זיך גערעכנט מיט דער קריטיק. אַ גוט וואָרט וועגן וועמענס שפּילן האָט מכפּר געווען אויף אַלץ. אָפט פלעגן זיי גוט „דורכ־שטודירן״ די קריטיק, פאַרבעסערן די פעלערן, אויף וועלכע מען האָט אָנגעוויזן, און געבעטן די קריטיקער קומען זען „ווי גייט עס איצט״.

עס איז גאָרניט צו באַשרייבן זייער צופרידנקייט, ווען די ראָלע איז אויסגעבעסערט געוואָרן.

אויף דעם דאָזיקן גראַנדיאָזן סימפּאָזיום האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שפּעטער כּמעט געהאַט זייער אַ ביטערן רעזולטאַט פאַר מיר פּערזענלעך.

ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט גערעדט נאָר וועגן גאָלדפאַדענען און לאַטיינערן, איז אַוועק אָן אַ זייט און האָט זיך אַריינגעריסן אין א. ווייטערס טעמע — וועגן פּובליקום. ער האָט דערקלערט, אַז דער יידי־שער טעאַטער שטיצט זיך אויף דער אונטערוועלט, אַז די מעצענאַטן און גייער פון דעם יידישן טעאַטער זיינען יענקל שאַבשאַוויטשעס און סתם פאַרברעכער. דער גרויסער עולם האָט אויפגענומען די דאָזיקע אַנטדעקונג מיט גרויל און שרעק. דאָס האָט זיך ווי אַ בליץ צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און די אויפרעגונג איז געווען מוראדיק.

הירשביינס טרופּע

דער שטורעם איז אַריבער, אָבער דער טעאַטער־הימל האָט זיך נישט אויסגעלייטערט. אונדז האָט זיך איינגעגעבן צו שטעלן פאַרן ברייטן עולם די טעאַטער־פראַגע, אָבער דער טעאַטער גופא איז געבליבן פאַררוקט און פאַרשטויבט אין זיין ווינקל.

דער טעאַטער האָט גאָרנישט געטאָן צו פאַרבעסערן זיין רעפּער־טואַר, צו אָרגאַניזירן בעסער זיינע אויפפירונגען, און חלילה נישט אויס בייזוויליקייט און אויף צו־להכעיס אונדז, איז ער געבליבן שטיין אין דעם זומפּ; דער אמת איז, אַז ער האָט נישט געהאַט אין זיין סביבה די גייטיקע מענטשן, וועלכע זאָלן אים אַ שטויס טאָן פאָראויס. אַלע — כּמעט אומוויסנדיקע, אַלע — כּמעט אָפּגעריסענע פון דער גרויסער טעאַטער־וועלט, האָבן זיי פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. פאַר לי־טעראַרישע פּיעסן האָבן זיי איינפאַך מורא געהאַט; עס זיינען נישט גע־ווען אַזעלכע פּיעסן, וועלכע זיי זאָלן קאָנען „אויפהייבן". זיי האָבן באַ־דאַרפט האָבן פאַלקסטימלעכע פּיעסן, פּיעסן אַביסעלע איידעלער פון גאָרדינס, האָבן זיי זיך טאַקע געוואָרפן אויף ליבינס פּיעסן. קיין מאָל

איז ליבין ניט געשפּילט געוואָרן אַזוי פיל אין רוסלאַנד ווי אין יענער צייט. די אַקטיאָרן האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן געפונען אַ ווייכערן, אַ מענטשלעכערן גאָרדין און האָבן מיט חשק אים געשפּילט. אָבער ליבינס פּיעסן זיינען ניט געווען קיין קאַסע־דערפאָלגן. אַגב איז די רעפּערטואַר־פראַגע ניט געווען דער עיקר. דאָס שפּילן, די מעטאָדע פון אויפפי־רונגען און די גאַנצע טעאַטער־מאַשין זיינען געווען אָפּגעלאָזן, אַלט און פאַרזשאַווערט. עפּעס איזאָלירט, אָפּגעצאַמט און אָפּגעריסן איז דער יידישער טעאַטער געווען פון דער אַרומיקער טעאַטער־וועלט פון רוס־לאַנד און פון פּוילן, אין וועלכער עס האָט דעמאָלט שוין געקאָכט און געברויזט מיט פרישע נייע ריכטונגען און שטרעמונגען.

עפּעס צופעליק איז אינעם יידישן טעאַטער פאַרשלעפּט געוואָרן אַ שטיקל גראָבע נאַטוראַליסטישע אויפפאַסונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער און פון דעם פּראָווינציעלן רוסישן טעאַטער, און דאָס איז געוואָרן געהייליקטער נוסח. אין וואַרשע זיינען געווען גוטע פּוילישע טעאַטערס אין נאָענטער שכנות מיטן יידישן טעאַטער. אין רוסלאַנד האָט דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער אויפגעבליט, מייערכאָלד האָט זיך שוין דאָן געלאָזט הערן אין זיין „קאָמיסאַרזשעווסקיס טעאַטער״, אַפילו אין די גרעסערע רוסישע פּראָווינץ־שטעט, ווי קיעוו, אָדעס און אַנדערע זיינען אויפגעקומען נייע טעאַטערס. נאָך דער דורכגעפאַלענער פּאָלי־טישער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציע אין דעם גייס־טיקן לעבן פון רוסלאַנד און דערהויפּט אינעם לעבן פון טעאַטער. אָבער דעם יידישן טעאַטער איז עס ניט אָנגעגאַנגען. ער איז געווען אַזוי טעמפּ, אַז ער האָט ניט באַנומען, וואָס עס קומט פאָר אין זיין וועלט; ער איז געווען אַזוי בלינד, אַז ער האָט ניט געזען, וואָס עס קומט פאָר אין זיינע ד׳ אמות.

עס איז געוואָרן קלאָר פאַר מיר, אַז דאָס ביסל טעאַטער־אַלטוואַרג אונדזערס קאָן מען ניט באַנייען, מען קאָן אַפילו אויך קיין לאַטעס ניט לייגן; עס איז צעפּרעסן דורך און דורך. האָב איך איינגעזען, אַז יידישע טעאַטער־קריטיק דאַרף געשריבן ווערן דער עיקר פאַרן פּובליקום, ווייל דאָס פּובליקום קאָן מען גיכער אויסבילדן און גיכער שאַפן אַ גוט פּוב־ליקום, ווי אַ גוט טעאַטער, וועט מען שוין ממילא מיט דער צייט דאַרפן

פֿאַר אים אַ בעסערן טעאַטער. האָב איך מײַנע טעאַטער־קריטיקן צוגע־פּאַסט מער פֿאַרן לעזער. איך פֿלעג ברייט אַרומריידן די פּיעסע, דאָס שפּילן און אַרײַנברענגען אין יעדן אַרטיקל טעאָרעטישע מאָמענטן און אַזוי־אַרום געמאַכט די טעאַטער־קריטיק פֿאַר אַנציִענדיקן לייענשטאָף.

און טעאַטער־קריטיק איז טאַקע געוואָרן פֿאַר דער קורצער צייט אַ וויכטיקער עלעמענט אין די יידישע צייטונגען. אַלע צייטונגען האָבן אײַנגעפֿירט טעאַטער־קריטיק אין אַ סך אַ ברייטערן פֿאַרנעם ווי פֿריער.

טעאַטער־קריטיק האָבן אָנגעהויבן לעזן ברייטע קרייזן און איך פֿלעג באַקומען זייער פֿיל בריוו פֿון לייענער. איך האָב געוועזן באַשיינ־פּערלעך די ווירקונג פֿון טעאַטער־קריטיק אויפֿן טעאַטער־באַזוכער. אין דער פּראָווינץ אַפֿילו האָט מען זיך פֿאַראינטערעסירט מיט טעאַטער. אין צענדלינגער שטעט און שטעטלעך זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אַמאַ־טאָרישע קרייזן און מען פֿלעגט מיך פֿאַרוואַרפֿן מיט אָנפֿראַגעס וועגן רעפּערטואַר, דערהויפּט וועגן אײַנאַקטערס. און ווען איך בין אַרויס־געפֿאָרן, סוף פֿון 1910, אין די פּוילישע שטעטלעך, בין איך ממש איבערראַשט געוואָרן פֿון דעם גרויסן אינטערעס צום טעאַטער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין לערך זייער אַ קורצע צייט.

„אונדזער קרייז” האָט געמוזט אײַנזען, אַז די אַטאַקעס אויף דעם עקזיסטירנדיקן טעאַטער וועלן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט ברענ־גען. די אַקטיאָרן וועלן דורכן שם המפֿורש פֿון קריטיק ניט ווערן מיט אַמאָל ראַפֿינירטע קינסטלער, די דירעקטאָרן וועלן מיט אַמאָל ניט ווערן קיין ליבהאָבער פֿון ריינער קונסט. אויף דעם אַלטן טעאַטער דאַרף מען האַלטן בלויז אַן אויג, אַז ער זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן נידעריקער פֿון זײַנע אָרעמע מעגלעכקייטן, אַז ער זאָל ניט פֿאַרבילִיקן דאָס ביסל גוטס, וואָס ער פֿאַרמאָגט, און זאָל כאָטש זײַן אַביסעלע ריינער און אָנשטענדיקער.

פֿאַרן בעסערן טעאַטער־עולם, וואָס האָט זיך באַוויזן, דאַרף מען זען שאַפֿן אַן אַנדער טעאַטער, אַ טעאַטער פֿון נײַע מענטשן, וואָס האָבן ניט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון שונד און האָבן שוין בעסערע באַגריפֿן וועגן טעאַטער.

פרץ האָט שוין געהאַט אַרום זיך אַ בינטל אינטעליגענטע אַמאַטאָרן פון די פריערדיקע יאָרן. אַגב האָט ער שוין לאַנג אַנטדעקט אַ גייעם טאַלאַנט. דאָס איז געווען דעם סקולפּטאָר קראַטקאָס פרוי, אַן אײדעלע, שטשופּלע, עכט יידיש־פּולישע סילועטן־מיידל, און מיט איר האָט ער געוואָלט אַנהייבן דעם נייעם טעאַטער. פרץ האָט אַלע מאָל געהאַט פּאַרטיקע רפואות פאַר אַלץ.

איך בין געווען קאַלט צו די דאָזיקע אַמאַטאָרן. מיין מיינונג איז געווען, אַז מען דאַרף דערווייל אַרויספישן פון די יידישע טרופּעס די בעסערע עלעמענטן (אַגב זיינען שוין דאַן געווען אַ היפּשע צאָל פון יונגע אינטעליגענטע שוישפּילער אין די טרופּעס) און פון זיי צוזאַמענשטעלן אַ טעאַטער.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער אַ שווערע אויפגאַבע, דעריבער האָט מיין פּלאַן אויסגעקוקט ווי אַ צו פאַנטאַסטישער; אַגב, האָט פרץ געהאַלטן, אַז פאַר די, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון שונד, איז קיין שום רפואה ניטאָ. זיי זיינען שוין פאַרסמטע אויף אייביק. און ער איז געווען בעצם גערעכט.

מיר האָבן באַכגעגעבן פרצן און אויסגעווירקט אַן אויפטריט פאַר מאַדאַם קראַטקאָ אין מוראַנאָווער טעאַטער; אויפגעטראָטן איז זי, דוכט זיך, אין פרצעס אַן אײנאַקטער „עס ברענט״. מאַדאַם קראַטקאָ האָט מיט איר לופטיקן פיגורל און מיט איר ראַפינירטקייט געפּאַסט פאַר דער ראָלע, אָבער איר שטים איז געווען צו שוואַך און אירע באַוועגונגען צו מיקראָסקאָפּישע און צו אַבסטראַקטע. מיר איז פון ערשטן מאָל קלאָר געוואָרן, אַז מאַדאַם קראַטקאָ וועט ווייטער פון אַ פּיקאַנטער אַמאַטאָרין זיך בשום אופן ניט אַנטוויקלען. פרץ אַליין האָט עס מסתמא אויך איינגעזען, ווייל נאָך דעם דאָזיקן פּרואוו איז ער שוין מער ניט באַשטאַנען אויף זיין פּלאַן.

אַביסל אַנטוישט פון דעם ערשטן פּרואוו, האָבן מיר אַביסל אַראָפּגעלאָזן די הענט.

אָבער ממש ווי צו דער האַנט האָבן מיר באַקומען ידיעות, אַז ערגעץ אין אָדעס, אָדער אין איר אומגעבונג, שפּילט מיט גרויס דערפאָלג אַ

טרופּע, אָרגאַניזירט פֿון פּרץ הירשביין, וועלכע די רוסישע פּרעסע רופֿט „יידישער קונסט־טעאַטער".

און איין מאָל פֿאַרנאַכט בין איך אַרויפֿגערופֿן געוואָרן צו פּרצן. איך האָב שוין דאָרט אויך געפֿונען י. דינעזאָנען, און ביידע זייַנען עפּעס אַזוי גוט אויפֿגעלייגט און זעען אויס ווי צו האָבן עפּעס אַ גע־וואָלדיקע איבעררעאַשונג פֿאַר מיר.

קורץ, פּרץ לייגט פֿאַר פֿאַר מיר אַ בינטל אויסשניטן פֿון רוסישע פּראָווינציעלע צייטונגען וועגן פּרץ הירשביינס טרופּע. קליינע נאָטיצן זייַנען עס געווען, אַזעלכע נאָטיצן, וואָס הייסן ביי אונדז „פּובליסיטי" און ווערן געדרוקט מיט שטערנדלעך. אין רוסלאַנד האָבן אַזעלכע נאָ־טיצן ניט געטראָגן דעם דאָזיקן באַליידיקנדיקן נאָמען, זיי האָבן געהייסן „רעצענזיעס".

פּרץ מיט זייַן האַסטיקייט לייגט פֿאַר, אַז מיר זאָלן אויסשרייבן די טרופּע קיין וואַרשע. מען דאַרף עס פֿאַרלייגן דער „ליטעראַרישער גע־זעלשאַפֿט", זי זאָל עס טאָן. און אומר ועושה: באַלד גייט אַוועק אַ בריוו צו פּרץ הירשביינען, אַז ער זאָל קומען מיט זייַן טרופּע קיין וואַרשע.

אין אַ קורצער צייט אַרום קומט פּרץ הירשביין אַליין פֿירן די אונטערהאַנדלונגען. אין די ערשטע שמועסן מיט אונדז האָט ער צע־ביסן, וואָס מיר זייַנען אויסן, און ער האָט אונדז שטאַרק דערקלערט, אַז ער האָט ניט בדעה צו קומען דאָ האַלטן אַן עקזאַמען. ער האָט אַ טעאַטער, וואָס האָט שוין אַ פֿעסטע רעפּוטאַציע און ער איז מסכּים צו קומען קיין וואַרשע גאַסטראָלירן. ער וועט אויך מסכּים זייַן צו באַ־קומען פֿון וואַרשעווער קרייזן מאַטעריעלע און מאָראַלישע שטיצע, כּדי ווייטער אָנצופֿירן זייַן טעאַטער.

נאָך די דאָזיקע פֿייערלעכע דעקלאַראַציעס פֿון ביידע צדדים איז מען צוגעגאַנגען צו דער פּראַקטישער זייט פֿון דער אונטערנעמונג און דאָ האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די טרופּע מיטן גרויסן און זיכערן נאָמען האָט ניט אויף הוצאות צו קומען קיין וואַרשע. פּרץ הירשביין איז אייגנטלעך געקומען פֿאַראויס צו קריגן רייזע־הוצאות פֿאַר זייַן טעאַטער.

אין געלט־ענינים איז פּרץ געווען זייער אַ לייכטער מענטש. עס איז באַלד געשאַפן געוואָרן די נייטיקע סומע. זי איז איבערגעגעבן געוואָרן הירשביינען און ער איז אַוועקגעפאָרן ברענגען זיין טעאַטער.

פאַר מיר איז די שלעכטע מאַטעריעלע לאַגע פון הירשביינס טרופּע בעצם קיין נייס ניט געווען. איך געדענק ניט, וואו איך האָב אויסגעלייענט די ידיעה, אַז די טרופּע פון פּרץ הירשביין האָט ניט צו באַצאָלן פאַרן טעאַטער אין אָדעס, און אויב מען וועט איר ניט קומען צו הילף, וועט זי זיך פונאַנדערפאַלן. איך האָב די דאָזיקע ידיעה נאָך פריער געלאָזט איבערדרוקן אין „פריינד״ און איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס עס איז געווען אַזאַ איבעררעשונג פאַר פּרצן און דינעזאָנען.

איך דערצייל עס, ווייל דערנאָך איז אויף מיר אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די שולד פאַר דעם פונאַנדערפאַל פון פּרץ הירשביינס טרופּע. דער אמת איז, אַז הירשביין איז געקומען קיין וואַרשע אַ פאַרצווייפלטער. וואַרשע האָט באַדאַרפט אַרויסראַטעווען זיין טרופּע, מאַטעריעל זי שטאַרקן, אַז זי זאָל קאָנען ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. און פאַרוואָס הירשביין האָט ניט דערציילט וועגן דער אמתער לאַגע, אין וועלכער זיין טרופּע געפינט זיך, איז פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעך.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז הירשביין געקומען מיט זיין טרופּע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט איר און צו אונדזער פרייד איז גאָר קיין ברעג ניט געווען. ניט אויף דער בינע, אין פּריוואַט־לעבן, האָט די טרופּע געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען. א. ווייטער, למשל, איז צוגעפאַלן צו דער טרופּע מיט זיין גאַנצער שטילער וואַרעמקייט. פּרץ דאָס נעמלעכע. פון דעם גוטן און האַרציקן י. דינעזאָן איז גאָר קיין רייד ניט, און אַפילו איך בין געווען זייער אָנגענעם איבעררעשט.

מיר האָבן דערזען פאַר זיך יונגע, לעבעדיקע מענטשן, גאָר נייע פאַרן יידישן טעאַטער. דער גרעסטער טייל האָט געהערט צו דער גוטער און ליבער אויטאָדידאַקטישער יידישער אינטעליגענץ. די פרויען זיינען געווען אַלע, מער אָדער ווייניקער, געבילדעט, אַלע האָבן דורכגעמאַכט אַ שול, איניקע זאָגאַר אַ רוסישע מיטלשול. אַלע זיינען געווען באַלייענט אין דער רוסישער ליטעראַטור. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַפילו גע־

קענט גוט העברעאיש. אַלע זיינען געווען פֿון אַ העכערן יידישן קלאַס, אַלע קומען פֿון גוטע יידישע הייזער, וואו מען גיט זיך אָפּ מיט דער־ציאונג פֿון קינדער.

דעם בעסטן איינדרוק פֿון די פּרוּיען האָבן געמאַכט אויף אונדז: איינע אַ יונגע, אַ טעמפּעראַמענטפֿולע און טאַקע אַ טאַלענטפֿולע מיידל אָרלאָווסקאַיאַ (זי איז שפּעטער אַריבער אויף דער רוסישער בינע) און די צווייטע — לאה נעמי (איצט שוין לאַנג אין אַמעריקע). ווייטער זיינען געווען סלאַווין (יעקב בן־עמים פּרוי), ראַסין, דאַלסקאַיאַ און אַנדערע. פֿון די מענער האָבן געמאַכט אויף אונדז אַ גוטן איינדרוק דער דאַן גאָר יונגער און שעמעוודיקער יעקב בן־עמי און זיין שטענ־דיקער חבר לאַזאַר פֿריד. דאָס זיינען אַלץ געווען נייע מענטשן. פֿון דעם אַלטן טעאַטער זיינען געווען זילבערבערג, ש. קוטנער און אַנדערע. די מענטשן, אויף וועלכע מיר האָבן אייגנטלעך געוואַרט, אַז זיי דאַרפֿן עס קומען און באַנייען און אָפּפֿרישן דעם יידישן טעאַטער — זיינען געקומען.

„דער פֿריינד", וואָס איז געווען זייער קאַרג אויף „פּובליסיטי" און וואָס באַקומען ביי אים אַ וואַרעם וואָרט אין אַוואַנס איז געווען גאָר פֿון די אוממעגלעכע זאַכן, האָט דאָ עובר געווען אויף זיינע פּרינציפּן און האָט אויפֿגענומען די טרופּע מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט.

די אַנדערע צייטונגען האָבן געפֿירט אַן אַנדער ליניע, נים, חלילה, קיין פּרינציפּיעלע. עס האָט געהייסן, אַז פּרץ מיט זיין חברותא, מיטן „פֿריינד" טומלען, דאַרף מען זיין אַביסל איינגעהאַלטן.

דער געזעלשאַפֿטלעכער אינטערעס פֿאַר דער „נייער" טרופּע איז גוט צוגעגרייט געוואָרן דורכן „פֿריינד", מיט וועלכן מען האָט זיך שטאַרק גערעכנט בכלל און בפּרט אין טעאַטער־ענינים.

פּרץ, דינעזאָן און א. ווייטער האָבן געיומטובט. איך האָב זיך גע־האַלטן אַן אַ זייט. אַלס קריטיקער האָב איך געהאַלטן פֿאַר מיין חוב אָפּ־צוואַרטן אַביסל מיט מיינע סימפּאַטיעס, ביז איך וועל זען די טרופּע שפּילן.

און אָט איז די ערשטע פֿאָרשטעלונג. דאָס „מוראַנאָווער שטעלכל" זעט אויס גאָר יומטובדיק. דער בעסטער וואַרשעווער עולם האָט אָנ־

געפּילט דעם טעאַטער. די יוגנט, וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט”, איז געווען אויפגערעגט פון דער־וואַרטונג. פּרץ, וועלכער איז געזעסן לעבן מיר, איז געווען אַזוי אויפ־גערעגט, אַז ער האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. אַט דאַרף זיך אויפהייבן דער פאָרהאַנג. אָדער מיר גייען אַרויס ווי זיגער, אָדער מיר פאַלן דורך און מיר זיינען די באַזיגטע. אַזוי אייגנטלעך איז דער גאַנצער ענין אויפגעפּאַסט געוואָרן פון אַלעמען און פון אונדז אַליין.

דעם ערשטן אָוונט איז געגאַנגען „מיטן שטראָם” פון שלום אַש און שלום־עליכמס „מענטשן”.

ענדלעך הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. פּרץ, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט ממש אַ קרעכץ געטאָן פון ביטערער אַנטוישונג. די בינע איז געווען אויסגעשטאַט אַזוי געשמאַקלאָז, אַזוי ניט סימעטריש און אַזוי גרוי־פּעדאַנטיש, אַז מען האָט פּשוט געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן. דאָס שפּילן איז געווען ניט בעסער. עפּעס צעצויגן, צעשמירט און אונטער־שטראָכן אַפּאַטיש איז געגאַנגען דאָס שפּיל. נודנע, לאַנגע און ניט־אויסגעפּילטע פּויזן האָבן פּשוט געווירקט אויף די נערוון. די שוי־שפּילער האָבן אַרומגעוואַנדלט אויף דער בינע ווי שאָטנס. אין די סאַמע דראַמאַטישע מאָמענטן האָט מען געגעמען און מען האָט זיך לאַנגוואַם, בנעימותדיק אָוועקגעזעצט.

מיר האָבן זיך קוים דערוואַרט, אַז דאָס שטיק זאָל זיך ענדיקן. פּרץ האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. ער איז געבליבן זיצן און זיך ניט אויפגעהויבן פון זיין אָרט אין דער גאַנצער צייט פון דער הפסקה.

און אַט הייבט מען אָן שפּילן שלום־עליכמס „מענטשן” און עס ווערט גאַנץ אינטערעסאַנט. די בינע זעט גאָר אויס אַנדערש, טירן אויף אַן אָרט, די קיך גוט און קלאָר אויסגעשטעלט, די אַקטיאָרן הייבן אָן שפּילן. גאָר אַנדערע אַקטיאָרן. די כאַראַקטערן זיינען גוט געשטעלט, קלאָר און בולט זיינען זייערע שטריכן און דאָס גאַנצע שפּיל האָט, אמת, אַ לאַנגזאַמען טעמפּ, אָבער אַ דורכגעטראַכטן און אַ לאַגישן.

יעקב בן־עמי שפּילט דעם עקאָנאָם גאָר אייגנאַרטיק. אַ פולן, אַ שווערלייביקן, אַן אַפּאַטישן מענטשן שילדערט ער. דער צאַרן זיינער פּלאַצט אַרויס ווי אַ פּאַרע פון אַ שטאַרק פאַרמאַכטן קעסל.

און אַלץ איז געבונדן און געקייטלט, אַלץ האָט אַ בעסערן טאָן, אין אַלץ לאָזט זיך פילן טעאַטער.

דאָס איז געווען דוד הערמאַנס רעזשי.

נאָך דער פאָרשטעלונג, וואָס האָט געדויערט גאַנץ לאַנג, בין איך אוועק אין רעדאַקציע און אַנגעשריבן אַן אויספירלעכע רעצענזיע און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען שוין אין „פריינד" עס געלייענט. דאָס איז געווען אַזאַ נייס אין דער יידישער פרעסע, אַז מען האָט עס באַוואונדערט. די אַנדערע אויפפירונגען זיינען אויך רעצענזירט געוואָרן באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג. הכלל, מיר זיינען געוואָרן איירע־פּעאיש.

דאָס איז געווען בלויז די באַציאונג פון „פריינד" צו דער טרופע. די אַנדערע צייטונגען האָבן זיך ניט געאײלט מיט זייערע רעצענזיעס.

זיבן פאָרשטעלונגען האָט געגעבן הירשביינס טרופע. די וויטער־דיקע פיעסן זיינען געווען יושקעוויטשעס „די שטאָט", הייערמאַנס „געטאָ", הירשביינס „די נבלה", דוד פינסקיס „שעפּטל", „יהוס" פון שלום אַש, די שוין דערמאַנטע ערשטע פאָרשטעלונג און נאָך אַ פּיעסע.

די אַנדערע אויפפירונגען זיינען געווען כמעט אַלע ענלעך אויף דער אויפפירונג פון אַשס „מיטן שטראָם".

מיט יעדער פאָרשטעלונג איז די אַנטוויקלונג אונדזערע געוואָרן אַלץ ביטערער און שמערצלעכער. עס איז געווען אַ טרופּע פון יונגער, פּעאיקער און ענטוזיאַסטישער יידישער יוגנט, אָבער אַן אומגליקלעכער דילעטאַנטיזם האָט זי געפירט אומבאַהאָלפן.

איך וויל דאָ איבערגעבן אַ פּאָר שטעלן פון מיינע צוויי אַרטיקלען, — ביידע אַ סך־הכל פון די זיבן פאָרשטעלונגען, — כדי ניט צו פאַר־לאָזן זיך אין גאַנצן אויף מיין זכרון.

אין „פריינד" האָב איך געשריבן: „אַזאַ יונגע טרופּע מוז האָבן אַ טיכטיקן טעאַטראַל פּאַר אַ פירער, גראָד ווייל זי איז יונג און ניט־דערפאָרן".

אין דעם וואָכנבלאַט „דער שטראַל" האָב איך געשריבן: „דעם יידישן טעאַטער פעלט אַ רעפּערטואַר, אַ רעזשי און אַ גוט פּובליקום. דער „נייער" טעאַטער (הירשביינס טרופּע), וואָס האָט גאַסטראָלירט

אקארשט אין ווארשע, האט קיין איינעם פון די ערשטע צוויי פעלערן ניט באזייטיקט. דער רעפערטואר איז כמעט דער זעלביקער און די „רעזשי" איז די זעלבע, בלויז א פובליקום א גוטס איז געווען אויף די פארשטעלונגען; עס איז געקומען מיט גרויסע האפענונגען און מיט גערעכטע פאדערונגען — און עס איז אוועק ביטער אנטוישט".

„דער „נייער" טעאטער האט בלויז גוטע כוונות, שיינע שטרע־בונגען, ער איז אבער ניט ביכולת צו פארווירקלעכן קיין איינע פון זיי".

„די טרופע וויל געבן א רעזשי אן א רעזשיסער. די רעזשי איז דילעטאנטיש, נישטא קיין רמז אויף א סיסטעם (ריכטונג), ניט נאר אין פארשיידענע שטיק, נאר אין יעדן אקט פון דער זעלביקער פיעסע זעט איר פארשיידענע רעזשיען. אין איין אקט פילן זיך די „עצות" פון א מיושבדיקן, קאלטן און לאנגזאמען מענטשן, לאנגזאם, מיט שלעפע־דיקע טריט באוועגט זיך די האנדלונג; אויף דער בינע פירט זיך אלץ ווי אין א חלום, די ארטיסטן באוועגן זיך ווי לונאטיקער, מען מאכט לאנגע און נודנע פויזן. אין דעם אנדערן אקט פילן זיך די „עצות" פון א היציקן מענטשן; איז א געלויפעריי אויף דער בינע, מען שלינגט די פראזע איילק, מען באוועגט זיך נערוועז, איינער כאפט ביים אנדערן די רעפליקע און מען גייט אפ פון דער סצענע ווי צעדולטע. אין דריטן אקט ארבעטן ביידע בעלי־עצות: לעבן היץ און קעלט אין נאענטער שכנות".

דער אויספיר איז געווען, אז פרץ הירשביין האט אונדז געוויזן, אז עס איז דא א פובליקום פאר א בעסערן טעאטער. דאס איז אפשר א פארדינסט, אבער דעם סוד האבן מיר זיך דערוואוסט פריער פאר אים. לאמיר זאגן, אז ער האט באשטעטיקט אונדזער השערה. אבער זיין „מיסיע" האט זיך מיט דעם געענדיקט.

אויף א צוזאמענקום פון „אייגענע" מענטשן ביי פרצן האב איך געהאט אויסצושטיין שווערע אטאקעס מצד דעם ווייכהארציקן י. די־נעזאן, וועלכער איז געווען ווייט פון טעאטער און האט געטענהט, אז מען דארף זיין מילד צו דער טרופע. נאך שווערער איז געווען פאר מיר די אומצופרידנקייט פון א. ווייטערן. דער דאזיקער מערקווירדיקער מענטש האט זיך פשוט פארליבט אין דער יוגנט פון דער טרופע און

אים האָט ווי געטאָן מיין שאַרפע קריטיק. אָגב האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט, אַז די טרופּע זאָל זיך צעפאַלן.

דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן מיר מיר, איז געווען פּרץ. די דאָזיקע שמועסן, אָגב־אורחא, זיינען פאָרגעקומען שוין נאָך די פאָר־שטעלונגען. אין דער צייט פון די פאָרשטעלונגען האָט קיינער ניט פּרובירט צו באַאיינפלוסן מיך. איך פלעג בלויז זען, ווי ווייטער לייענט מיינע רעצענזיעס און גייט אַרום ווי אַ צעטראָגענער און ברומט עפּעס פאַר זיך.

די טרופּע האָט געוואָלט פאַר די צען טעג פון איר גאַסט־שפּילן צוגרייטן אַן אויפפירונג פון י. ל. פּרצעס „די גאָלדענע קייט". איך האָב זיך אָפּגעהאַלטן צו זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם. דער ליבער דינעזאָן האָט געוואָלט אָנטאָן פּרצן אַ נחת־רוח. עס איז שוין אַפילו אָנאָנסירט גע־וואָרן די אויפפירונג, אָבער פּרץ האָט אין די לעצטע צוויי טעג גע־ווירקט, אַז מען זאָל עס אָפּרופן.

נאָך די גאַסטראָלן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די געשעפטלעכע זייט פון הירשביינס טרופּע איז געווען ניט בעסער איינגעשטעלט פון דער קינסטלערישער. צו אונדזער גרויסער איבעראַשונג האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז נאָך דעם גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג פון דער טרופּע, איז די קאַסע פון דער טרופּע געווען ליידיק ווי פריער. די טרופּע איז געבליבן אַזוי אָרעם ווי זי איז געקומען.

מיר האָבן זיך גענומען אויספאָרשן די זאַך און דערקלייבן זיך צו די סיבות און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דעם גרעסטן טייל פון דער הכנסה האָט גאָר קאָמפּאַנייעץ, דער באַלעבאָס פון דער מוראַנאָוועך הורבה, צוגענומען. ער האָט, חלילה, ניט באַרויבט די טרופּע אויף אַן אומערלעכן אופן; ניין, ער האָט ביי דער טרופּע פּשוט אויסגענאַרט אַ זייער גינסטיקן קאָנטראַקט פאַר זיך; פאַר דירה־געלט בלויז איז אים באַשטימט געוואָרן אַ העלפט פון דער ברוטאָ־הכנסה.

די לעצטע אַנטוישונג איז געווען די ביטערסטע. מיר האָבן באַ־שיינפּערלעך געזען, אַז מיט אַזאַ אומגליקלעכער קינסטלערישער און געשעפטלעכער לייטונג איז די טרופּע פאַראורטיילט צום טויט.

נעענטער באַקענענדיק זיך מיט דעם אינערלעכן לעבן פֿון דער טרופּע, איז אונדזער ערשטער גוטער איינדרוק אויף פֿאַרשוואונדן געווארן. אַ טרופּע פֿון יונגע קינסטלער, האָט אין איר ניט געהערשט קיין בראָווער, מוטיקער און באַהעמישער גייסט, נאָר עפּעס קליינשטעטלדיקע סענטימענטאַליטעט איז געווען אין דער באַציאונג פֿון איין שוישפּילער צום אַנדערן. איין טייל האָט געלעבט עפּעס אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון אַן עקסטערן־גרופּע; דאָס זיינען געווען די נייע, יונגע קרעפֿטן. דער צווייטער טייל, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון שוישפּילער פֿון אַלטן טעאַטער, האָט זיך געלעבט אויף דעם קליינבירגערלעכן שטייגער פֿון זייערע אַלטע חברים. די צוויי עלעמענטן, די אַלטע און די נייע, האָבן זיך ניט איינגעלעבט. דאָס האָט איר געזען ניט בלויז אינעם פּריוואַט־לעבן פֿון דער טרופּע, נאָר אויף דער סצענע אויך. די אַלטע אַקטיאָרן, מער „דערפֿאַרענע״ און מיט מער „כאַראַקטער״, האָבן געלייגט זייער שטעמפּל אויפֿן שפּילן. די אַלטע, מייסטנס צווייטע און דריטע ראָליסטן אויף דער סצענע, האָבן „געסטאַרעוועט״ אין די אויפֿפֿירונגען. זיי האָבן זיך ניט געבויגן אַפֿילו פֿאַר דער נעבעכדיקער דילעטאַנטישער רעזשי. זיי האָבן געשפּילט גאַנץ זעלבשטענדיק, גאָר אויפֿן אַלטן שטייגער. פֿלעגט מען זען, ווי איינער אָדער איינע פֿון די אַלטע „צעמעלאָדראַמעוועט״ זיך גאָר אויף אַ ווילדן שטייגער און זיין פּאַרטנער, איינער אָדער איינע פֿון די נייע, דבֿקעט זיך שטיל, ניט לייגנדיק קיין שום אַכט אויף זייערע מיטשפּילערס. די טרופּע האָט ניט געהאַט דאָס קינסטלערישע אויג, וואָס זאָל עס באַמערקן, און די פֿעסטע רעזשיסערישע האַנט, וואָס זאָל עס באַזייטיקן. אַחוץ דעם זיינען אין דער טרופּע געווען עטלעכע שוישפּילער, וועלכע האָבן פּשוט ניט געהערט צום „פֿאַך״. גאָר האָפֿענונגסלאָזע אַמאַטאָרן האָבן זיך „צוגעלאַטשעט״ צו איר און עס איז ניט געווען קיין באַלעבאָס, וועלכער זאָל האָבן די פֿעסטקייט אָפּצורייניקן די טרופּע פֿון זיי. ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט זיך געקאָנט אַריינכאַפּן אין דער טרופּע.

איך געדענק אַ צוזאַמענקום פֿון „אונדזער קרייז״, אויף וועלכן דאָס אַלץ איז אַרויסגעלייגט געוואָרן. די בעסטע פֿריינד פֿון דער טרופּע האָבן געמוזט צוגעבן, אַז מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך אַ מפּיל־קינד, אַז מיר

האָבן פֿאַר זיך אַ טויט־געבוירן קינד. דערשלאָגענע זיינען מיר זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. אַ שיינע האָפֿענונג, אַ פֿאַרביק זייפֿנבלעזל האָט געפּלאַצט.

די טרופּע האָט זיך ווי עס איז אויפֿגעהויבן און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דווינסק און אין נאָך עטלעכע שטעט, וועלכע מען האָט „גע־נומען" פֿאַר איר.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די טרופּע האָט פֿאַרלאָזן וואַרשע אין זייער אַ געדריקטער שטימונג. די מיט ניכטערע שפּייעכץ צוזאַמענגעקלעפּטע טרופּע האָט שוין אָנגעהויבן זיך פֿונאַנדערצופֿאַלן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען פּרץ הירשביין צו דערקלערן אונדז, אַז ער קאָן ווייטער ניט אָנגיין מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער טרופּע. אויף אַ זיצונג פֿונעם פּרעזידיום פֿון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט", וואָס איז פֿאָרגעקו־מען אין י. דינעזאָנס ענגן צימערל, האָט מען אויסגעהערט די טענות פֿון הירשביינען און קיינער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן און וואָס צו ראָטן.

הירשביין האָט געפֿאָדערט, למשל, אַז נאָמבערג אָדער אַש זאָלן איבערנעמען די אָנפֿירונג פֿון דער טרופּע.

לפֿנים האָט עס געהייסן אַזוי: נאָמבערג איז בייטיק אין דער רע־דאַקציע פֿון „פֿריינד". מיר האָבן געהאַלטן דעם „פֿריינד" אַזוי וויכטיק ווי הירשביינס טעאַטער. אַש איז גאָר אין וואַרשע נישטאָ. ער טראָגט זיך ווי אַ שטורעמווינט פֿון פּעטערבורג קיין בערלין און פֿון בערלין ערגעץ אין דער שווייץ.

קיינער האָט ניט געהאַט די האַרטקייט צו זאָגן הירשביינען דעם ביטערן אמת, אַז מען קאָן זיין טרופּע ניט אָפּשרייען, אָבער הירשביין אַליין האָט פֿאַרשטאַנען פֿון די שטאַמלדיקע ענטפֿערס, וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז אַוועקגעפֿאָרן און פֿונאַנדערגעלאָזן זיין טרופּע.

די פֿעאיקע מיטגלידער פֿון דער טרופּע האָבן זיך באַלד אַריינ־געריסן אין די פֿאַרשיידענע יידישע טעאַטערס און פֿון זיי זיינען אויס־געוואַקסן זייער אָנגעזעענע יידישע שוישפּילער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן טעאַטער. די

וויניקער פֿעאיקע האָבן זיך צוגעטוליעט צו פֿאַרשיידענע טרופּעס און די פּאָר גאָר נישט־פֿעאיקע זיינען אַוועק פֿון טעאַטער.

די שטימונג איז שטאַרק געפֿאַלן אין „אונדזער קרייז". פּרץ איז בטבע געווען אַ צעפּיעשטשעטער מענטש; ער האָט זייער שווער איבער־געטראָגן אַ דורכפֿאַל אין זיין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. אַ דורכפֿאַל פֿלעגט אים מאַכן אַפּהענטיק אויף אַ געוויסער צייט, ביז ער פֿלעגט קומען צו זיך און אָנזאַפּן זיך מיט פֿרישער ענערגיע און ווייטער אָנ־הייבן צו רודערן. און פּרצעס שטימונג פֿלעגט זיך באַלד אָפּרופֿן אויף דינעזאָנען און די צוויי פֿלעגן שוין קאָנען אָנשטעקן די איבעריקע מיט אַפּהענטיקייט.

י. ל. פּרץ האָט איבערגעגעבן די פֿירונג פֿון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט" דעם יונגן און ראַדיקאַלן עלעמענט — די בונדיסטן; גראָסער, אַ זייער פֿעאיקער און אַ זייער איבערגעגעבענער אַרבעטער־טוער, וועלכער האָט אָבער כּמעט קיין יידיש ניט פֿאַרשטאַנען, איז גע־וואָרן דער פֿאָרזיצער אָנשטאָט פּרצן. מיט פּרצן זיינען דינעזאָן און איך אויך אַוועק פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. די פּאָליציי האָט באַלד דערשמעקט די ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז די „ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט", נאָך אַן איבערפֿאַל פֿון דער פּאָליציי, פֿאַרמאַכט געוואָרן.

אַזוי־אַרום איז אונדזער בעסטע און וויכטיקסטע טריבונע פֿאַרן קאַמף פֿאַר אַ בעסערן יידישן טעאַטער אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון אונ־דזערע הענט.

שטיל איז געוואָרן, שטיל נאָכן גרויסן שטורעם, וואָס מיר האָבן אויפֿגעהויבן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו דעם „אַלטן" טעאַטער און געזוכט דאָרט עפּעס אויפֿצוטאָן. איך האָב בשום אופֿן פֿונדעסטוועגן ביי זיך ניט געקאָנט פּועלן, אַז מיין „מיסיע" איז בלויז צו שרייבן רעצענזיעס. איך האָב איינגעזען, אַז אַ יידישער טעאַטער־קריטיקער טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט דעם, וואָס ער שרייבט פֿון צייט צו צייט

אַ רעצענזיע איבער אַן אויפֿפֿירונג. ראשית זיינען נייע אויפֿפֿירונגען ניט געווען אַזוי אָפֿט און צווייטנס זיינען די מערסטע אויפֿפֿירונגען ניט ווערט געווען, אַז מען זאָל זיי נעמען ערנסט און שרייבן וועגן זיי „קריטיק", ווי עס האָט זיך געוואָלט. אַזוי־אַרום האָט מיין אינטערעס צום טעאַטער געמוזט זוכן אַנדערע טעטיקייטן אויף דעם טעאַטער־געביט, אַחוץ די רעצענזיעס, וואָס איך פֿלעג שרייבן פֿון צייט צו צייט.

דער טעאַטער, מוז איך זאָגן, האָט ניט קוקנדיק אויף דער מלחמה, וועלכע מיר האָבן אים דערקלערט, געזוכט כּסדר שלום צו מאַכן מיט אונדז און געווינען אונדז אויף זיין זייט. קיין ווייטערדיקע קאָנפֿליקטן זיינען ניט פֿאָרגעקומען, אַחוץ איין קאָנפֿליקט, וועלכן ניט איך און ניט די שוישפּילער האָבן גענומען ערנסט.

דער קאָנפֿליקט איז אַרויסגעקומען אַזוי: איך האָב אָנגעשריבן אַ שאַרפֿע רעצענזיע וועגן אַן אויפֿפֿירונג אין „עליזעאום־טעאַטער". די רעצענזיע האָט געמוזט אַרויסרופֿן די אומצופֿרידנקייט פֿון די שוישפּילער, אָבער די שוישפּילער האָבן עס מיר ניט געגעבן צו פֿילן. גייט אַ נייע פּיעסע אין „עליזעאום" און איך קום אין טעאַטער. עפּעלבערג באַגעגנט מיך העפֿלעך, טראָגט מיר אונטער מיינע בילעטן און איך פֿאַרנעם מיין פּלאַץ און וואַרט ווי אַלע, אַז דער פֿאָרהאַנג זאָל זיך אויפֿהייבן. עס קומט די צייט און דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך ניט אויף. דער עולם ווערט אומגעדולדיק, מען הייבט אָן פּאַטשן מיט די הענט, טופּען מיט די פֿיס און שרייען מיטן מויל. דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך ניט אויף. עס איז שוין אַ פֿאַרשפּעטיקונג אויף 15 מינוט. גיי איך אַרויס, געפֿין עפּעלבערגן און פֿרעג אים, וואָס עס איז געשען. שטאַמלט ער עפּעס, ענטפֿערט ניט קלאָר און צום סוף זאָגט ער צו מיר: „די שוישפּילער, ד"ה ראַפּעל, ווילן ניט שפּילן, ווייל איר זענט אין טעאַטער. זיי האָבן זיך איינגעשפּאַרט און מען קאָן מיט זיי גאָרניט מאַכן". אַ קאַלטער מענטש איז געווען דער דאָזיקער עפּעלבערג. ער האָט עס מיר קאַלט, אָבער גענוג בייז, איבערגעגעבן.

איך האָב עס אויסגעהערט רואיק, גענומען מיין מאַנטל פֿון מיין שטול און בין אַרויס פֿון טעאַטער, זאָגנדיק עפּעלבערגן, אַז איך גיי אַוועק אַן פּראָטעסט, ווייל איך וויל עס ניט אַרויסטראָגן פֿאַרן פּובליקום.

מיין רואיקע האַלטונג האָט מאָדנע געווירקט אויף די שוישפּילער. איינינקע האָבן זאָגאַר געפּאָדערט, אַז מען זאָל מיך אומקערן, אָבער איך בין שוין ניט געווען אין טעאַטער. דער דאָזיקער אינצידענט איז אַריבער שטיל און די שוישפּילער אַליין האָבן געזוכט צו פּאַרטושן אים.

צו די ווייטערדיקע אויפפירונגען פון דעם טעאַטער פלעג איך וואַרטן אויף אַן איינלאַדונג און זי פלעגט פון דאַן אַן קומען זייער פּינקטלעך.

דער אַמעריקאַנער פּעריאָד

פון סוף 1910 ביז 1913 הייבט זיך אָן אַ פּעריאָד אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער, וועלכן מען קאָן באַצייכענען ניט אַנדערש ווי אַ מ ע־ ר י ק אַ נ ע ר. דער רעפּערטואַר ווערט דורכאויס אַמעריקאַניש און אַחוץ דעם האָבן כסדר פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין טעאַטער אַמעריקאַנער אַקטיאָרן. איינע נאָך די אַנדערע קומען פון אַמעריקע שוישפּילער אויף גאַסטראָלן. עס קומט קלאַראַ יאַנג, מאַשקאָוויטש, לאַבעל, ראַטשטיין, זילבערט, טאָמאַשעווסקי, קעסלער און אַנדערע. דער יידישער טעאַטער ווערט דורך און דורך אַמעריקאַניזירט. מען הייבט זאָגאַר אָן צו באַנוצן די ענגלישע ווערטער, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם אַמעריקאַנישן יידיש.

בנוגע דעם רעפּערטואַר איז דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן קיין מאָל ניט געווען זעלבשטענדיק. ער האָט זיך כסדר געשפּייזט מיט דעם אַמעריקאַנישן רעפּערטואַר. מען האָט כסדר גע־ שפּילט לאַטיינערן, הורוויצן, גאָרדינען, פּינסקין, ליבינען און אַמאָל אַנדערע, ווי קאָברינען, קאָרנבליטן א.אַז.וו. אָבער דער דאָזיקער רע־ פּערטואַר איז דאָך ניט געווען אַמעריקאַניש, ניט לויט זיין אינהאַלט און ניט לויט זיין פאָרם. לאַטיינערס און הורוויצעס אָפּערעטן זיינען געווען „היסטאָרישע״. פון גאָרדינס דראַמען האָט מען גענומען די, וועלכע זיינען ניט געבויט אויף דעם אַמעריקאַניש־יידישן שטייגער: „מירעלע אפרת״, „קרייצער־סאָנאַטע״, „די שחיטה״, „די שבועה״, „מע־ דעאַ״, „דער יידישער קעניג ליר״, „דער מטורף״ און אַנדערע זיינען דאָך געווען דראַמען פון דעם רוסיש־יידישן לעבן. דאָס נעמלעכע איז אויך

מיט פּינסקיס „יענקל דער שמיד", „שעפּטל", „די מוטער" און ז. ליבינס און מיט איניקע קאַברינס דראַמען. דער אַמעריקאַנער רעפּערטואַר גופא איז נאָך געווען געבויט אויפן לעבן פון דער אַלטער היים. אַזוי־אַרום איז ניט געווען קענטיק, אַז דער רעפּערטואַר איז אַן אַמעריקאַנישער.

קיין אייגענע אָפּערעטן־שרייבער און דראַמען־שרייבער האָט דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן ניט אַרויסגעגעבן; שלום אַשס פּיעסן זיינען געווען צופעליקע אין דעם רעפּערטואַר, און הירש־ביינען האָט מען נאָך דאַן גאָר ניט געשפּילט.

דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט זיך געמוזט שפּייזן מיט דעם אַמעריקאַנער רעפּערטואַר.

דער יידישער שרייבער האָט ניט געהאַט די אַמביציע צו שרייבן דראַמען פאַרן יידישן טעאַטער. ערשטנס האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס ביטול צו דעם, טאַקע, עלנטן יידישן טעאַטער. צווייטנס האָט דער יידישער טעאַטער כּמעט ניט געוואוסט פון צאָלן האָנאָראַר (טאַנ־טיעמעס) אַ דראַמאַטורג. עפּעס איז יאָ געווען אַ געזעלשאַפט פון דראַ־מאַטורגן, וואָס פלעגט עס אויפמאָנען פאַר אירע מיטגלידער, אָבער דער פּראָצענט, וואָס דער דראַמאַטורג פלעגט באַקומען, איז געווען אַזוי קליין, אַז צוליב מאַטעריעלע חשבונות האָט עס געוויס ניט געלוינט צו שרייבן פּיעסן פאַרן יידישן טעאַטער.

די יידישע טעאַטער־דירעקטאָרן פלעגן זיך נאָך אויסקליגן צו באַ־פרייען זיך אַפילו פון די אביונישע טאַנטיעמעס. זיי פלעגן איבערמאַכן דראַמען, אָפּערעטן און אָוועקשטעלן אויף זיי זייער נאָמען און מען האָט עס ביי זיי גאָרניט געקאָנט מאָנען.

אַגב, דער עיקר איז געווען די „צענזורקע", ד"ה דער עקזעמפּלאַר, אויף וועלכן דער צענזאָר האָט געגעבן זיין דערלויבעניש אויפצופירן. די „צענזורקע" איז געווען אין דייטש און האָט אַנטהאַלטן אין זיך ניט די גאַנצע דראַמע, נאָר דעם סקעלעט. פון דעם דאָזיקן סקעלעט האָט איר קיינמאָל ניט געקאָנט דערקענען דעם אמתן מחבר און אַזוי־אַרום האָט גאָר דער מחבר אָפיציעל אָפּט גאָרניט געקאָנט מאָנען קיין טאַנ־טיעמעס.

דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט געהאַט עטלעכע אייגענע שמירער, מענטשן, וואָס האָבן גאָר קיין שייכות ניט געהאַט צו ליטעראַטור און צום טעאַטער. עפּעס אין דער פּראָווינץ איז געווען איינער, וואָס האָט געשריבן מעלאָדראַמען. ער האָט זיך באַפריינדט מיט די טרופּעס, וואָס פּלעגן קומען אויף גאַסטראָלן אין זיין שטאָט און ער פּלעגט זיי מזכה זיין מיט דער „פּרוכט פון זיין פעדער״. אַזאַ איז געווען איינער וואַקסמאַן, נאָך איינער — מיט אַן אַנדערן נאָמען, פון וועלכן קיינער האָט ניט געהערט.

אַחוץ דעם פּלעגן די „געבילדעטע״ אַקטיאָרן שרייבן פּיעסן. מייסטנס זיינען עס געווען „באַאַרבעטונגען״ פון רוסישע, פראַנצויזישע אָדער ענגלישע מעלאָדראַמעס. אַזאַ שרייבער איז געווען דער פּעאיקער אַקטיאָר און רעזשיסער מאירסאָן, אַזאַ איז געווען קאַמינסקי, בלויז איינער, וואָס האָט שוין געשריבן מעשה שרייבער, איז געווען ה. עפּעלבערג, דער דירעקטאָר פון „עליזעאום״. ער האָט געכאַפּט דעם שניט פון די אַמעריקאַנער אָפּערעטן־ און מעלאָדראַמען־שרייבער און פּלעגט צוגרייטן די דאָזיקע געריכטן דערהויפּט פאַר זיין טעאַטער, האָט אָבער קיין מאָל ניט געהאַט קעגן דעם, אַז אַנדערע ווערק, וואָס קאָנען אריינברענגען מער געלט ווי זיינע, זאָלן געשפּילט ווערן אין זיין טעאַטער. ה. עפּעלבערג איז שוין געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פּיעסנשרייבער, אָבער אַלס דירעקטאָר און געשעפטסמענטש פּלעגט ער בעסער לאָזן שפּילן אַן עכט־אַמעריקאַנישע פּיעסע, אויב ער האָט געמיינט, אַז זי וועט האָבן מער דערפאָלג.

בכלל האָט געהערשט אין פּרט פון רעפּערטואַר די גרעסטע הפקרות און דעמאָראַליזאַציע. איך האָב אַליין געזען „צענזורקעס״ פון פּיעסן פון באַקאַנטע דראַמאַטורגן, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען דער נאָמען פון דירעקטאָר אַלס מחבר. אין וואַרשע און אין די אַנדערע גרעסערע שטעט פּלעגט מען נאָך אויף די אַפישן אַרויסשטעלן דעם נאָמען פון אמתן מחבר. אין די פּראָווינץ־שטעט פּלעגט דער דירעקטאָר געוויינטלעך זיך אָנגעבן אַלס מחבר פון אַלע פּיעסן. בנוגע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמען איז מען געווען נאָך דרייסטער. דעם אמתן מחבר האָט מען גאָרניט געוואוסט. כסדר איז דער בעל־הבית פון טעאַטער געווען דער מחבר.

די אַלע אַמעריקאַנער „שטיק" זיינען ביז דער צייט ניט סיסטעמאַטיש אימפּאָרטירט געוואָרן. עפּעס איז געווען אַ שטיקל פאַרבינדונג מיט אַמעריקע. געווען עפּעס קליינע מעקלערלעך, וועלכע האָבן אַלע מאָל געהאַט „עפּעס" פון אַמעריקע. דאָס „עפּעס" איז מייסטנס געווען בלויז עפּעס, שטיקלעך, ברעקלעך פון אַ פּיעסע, שלעכט צונויפגעבונדן, און שלעכט, גאָר כאַאָטיש, צונויפגעקניפּלט. דאָ פלעגן טאַקע די דירעקטאָרן האָבן ארבעט; זיי האָבן געמוזט צולייגן אַ האַנט און מאַכן, אַז די אַמעריקאַנער „סחורה" זאָל אויסזען ווי אַ דראַמע אָדער ווי אַן אָפּערעטע.

פון 1910 האָט זיך איינגעשטעלט, ווי עס שיינט, אַ בעסערע פאַרבינדונג מיט אַמעריקע. די מעקלערס פלעגן צושטעלן גוטע עקזעמפּלאַרן פון אָפּערעטעס און מעלאָדראַמען. דער סימן איז געווען, אַז אין די דאָזיקע שטיק האָבן מיר שוין דערשפּירט דעם אַמעריקאַנישן שטייגער. ער איז געווען קענטיק אין דער גאַנצער פּיעסע, אַפילו די ענגלישע ווערטער זיינען דערגאַנגען אָן גרייזן.

פון דעם דאַרף מען דרינגען, אַז בנוגע דער פאַרבינדונג צווישן דעם יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד און דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָרמאַלער קאָנטאַקט.

די ערשטע אָפּערעטע, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז מיט איר גאַנצן „גלאַנץ און פּראַכט", איז געווען שאָרס „אַ מענטש זאָל מען זיין".

איך מוז זאָגן, אַז אין פאַרגלייך מיט אונדזערע פריערדיקע „אָפּערעטעס" איז די דאָזיקע אָפּערעטע געווען אַ שעדעווער און עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס זי איז דער קריטיק, מער אָדער ווייניקער, געפעלן געוואָרן. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ שטיקל טעמע, וואָס אַנטוויקלט זיך ביזן לעצטן אַקט. מיר האָבן געזען, ווי די טעמע פאַרוויקלט זיך און ווי זי ווערט פונאַנדערגעפּלאָנטערט. מיר האָבן געהערט, מער אָדער ווייניקער, אַ מענטשלעכן דיאַלאָג און עטלעכע נישקשהדיקע קופּלעטן. אחוץ דעם האָט די מוזיק דערמאָנט אָן מוזיק.

דער ערשטער ריכטיקער גרוס פון דעם אַמעריקאַנער רעפּערטואַר האָט אונדז ניט שטאַרק פאַרשעמט; ביי אונדזער דלות איז עס געווען אַ גרוס פון עשירות.

„א מענטש זאָל מען זיין״ האָט אָנגעהויבן גיין מיט גרויס דערפאָלג אין „עליזעאום״. באַלד האָט זיך מתקנא געווען די „ליטעראַרישע״ טרופּע, די „פאַראייניקטע״. זיי האָבן אויך באַקומען אַן עקזעמפּלאַר, געשיקט דורך אַ שטאָפּעט קיין פּעטערבורג. דער שטאָפּעט האָט געבראַכט אַ „צענזורקע״ און איינס־צוויי איז די דאָזיקע אָפּערעטע אַוועק מיט דערפאָלג אויך ביי די „פאַראייניקטע״.

אַז צוויי טעאַטערס זאָלן קאָנקורירן מיט דער זעלביקער פּיעסע, איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע און גאַנץ אָפטע דערשיינונג. דער פאַרפאַסער האָט דאָ קיין דעה ניט געהאַט: ניט עמעצער האָט ביי אים געבעטן זיין פּיעסע, ניט עמעצער האָט געהאַט מיט אים אַן אָפּמאַך און ניט עמעצער האָט געהאַט וועלכע עס איז התחייבותן צו אים. עמעצער אין אַמעריקע פלעגט בשתיקה איבערשרייבן די פּיעסע און ער, דער אַנאָנימער אַמעריקאַנער, פלעגט באַקומען דערפאַר עטלעכע גראָשנס. נאָך אים פלעגט דער מעקלער אין רוסלאַנד באַקומען עטלעכע גראָשנס. דער פאַרפאַסער האָט, מסתמא, פון דעם דאָזיקן שטילן האַנדל מיט זיין פּיעסע אפשר גאָר ניט געוואוסט, ער האָט אין דעם דאָזיקן מקח וממכר מיט זיין שאַפונג קיין שום אָנטייל ניט גענומען.

ווי געזאָגט, איז דער דאָזיקער האַנדל מיט אַמעריקאַנער פּיעסן געוואָרן מער אָרגאַניזירט. די איבערשרייבער האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מער געוויסנהאַפטער. זיי פלעגן שוין צושטעלן גאַנצע עקזעמפּלאַרן און אַזוי־אַרום האָבן מיר געהאַט פאַר זיך גאַנצע אַמעריקאַנער פּיעסן.

נאָך אַ בעסערן איינדרוק האָבן אויף אונדז געמאַכט די אַמעריקאַנער שוישפּילער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו קומען צו אונדז אַלס גאַסטשפּילער, איינער נאָכן אַנדערן.

דאָס קומען פון די אַמעריקאַנער שוישפּילער קיין רוסלאַנד איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אַ יידישער אויסלענדישער בירגער האָט ניט געטאָרט אַריינקומען קיין רוסלאַנד. ער האָט באַדאַרפט באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון מיניסטער פאַר אינעווייניקסטע ענינים. אַזאַ דערלויבעניש איז זעלטן ווען געגעבן געוואָרן. מיר האָבן געוואוסט פון איינצלנע, זייער זעלטענע פאַלן, ווען דער מיניסטער האָט געגעבן אַזאַ דערלויבעניש אַ יידישן בירגער פון אויסלאַנד. איז געווען

זייער חידושדיק, וואָס יידישע שוישפּילער קומען אַריין אַזוי לייכט קיין רוסלאַנד. דער חידוש אונדזערער האָט באַלד באַקומען אַ גאַנץ פּשוטע דערקלערונג: מען האָט זיך דערוואוסט, אַז יידישע שוישפּילער קומען צו אונדז „געטויפטע", ד"ה דער יידישער שוישפּילער, וואָס האָט זיך געקליבן קיין רוסלאַנד אויף גאַסטראָלן, האָט זיך באַזאָרגט אין זיין לאַנד מיט אַ טויפשיין און ער פּלעגט קומען קיין רוסלאַנד ניט ווי אַ ייד, נאָר ווי אַ קריסט.

וועגן איניקע שוישפּילער האָט מען גערעדט געגנוי, אַז זיי זיינען געקומען מיט טויפשיינען. געוואוסט וועגן דעם האָט מען בלויז אין די ענגע טעאַטער־קרייזן. דער ברייטער עולם האָט דערפון ניט געוואוסט. מען האָט עס געהאַלטן בסוד, כּדי אויסצומיידן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. דער ברייטער עולם וואָלט זיי באַטראַכט פאַר פּשוטע משומדים און וואָלט זיי באַהאַנדלט ווי אַזעלכע.

אין די ענגע טעאַטער־קרייזן אַפילו האָט מען עס אויך ניט אויפגענומען אַזוי גלייכגילטיק. מען פלעגט זיך שושקען מיט פאַרדראָס און מיט פאַראַכטונג.

בכלל איז דער גאַנצער ענין געווען פאַרדעקט מיט אַ שלייער פון געהיימניספולקייט און מען האָט מורא געהאַט אויפצורייסן דעם שלייער.

איך פערזענלעך קאָן ניט אַנגעבן געגנוי, וועלכע אַמעריקאַנער שוישפּילער האָבן זיך באַנוצט מיט אַ טויפשיין, כּדי אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד. איך קאָן בכלל ניט זאָגן עטוואָס געגנויעס וועגן דעם דאָזיקן טונקעלן ענין. איך קאָן בלויז איבערגעבן די קלאַנגען, די „שושקערייען" און די „פּליאָטקעס" וועגן דעם. אָבער די דאָזיקע ניט־אויסגעפאָרשטע איינצלהייטן זיינען ניט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס מען האָט גערעדט וועגן דעם מיט דער גרעסטער באַשטימטקייט ווי וועגן פאַקטן, און בלויז אין די טעאַטער־קרייזן, וואו די פראַגן פון מאָראַל און עטיק שפּילן אַ קליינע ראָלע, האָט מען עס געקאָנט דולדן.

עס וואָלט געווען זייער געוואונטשן, אַז די אַמעריקאַנער שוישפּילער, וועלכע האָבן באַזוכט רוסלאַנד אין יענער צייט, זאָלן אָראָפּוואַרפן די בושה און דערציילן דעם אמת, אַפילו דעם סאַמע ביטערן, און זאָל דער ענין סוף־כּל־סוף קלאָר ווערן.

די ערשטע אַמעריקאַנערין, וואָס איז געקומען צו אונדז, איז געווען קלאַרא יאַנג. זי איז געקומען צום ערשטן מאָל, אין יאָר 1910, אויף גאַסטראָלן צוזאַמען מיט אַ לאַנדאַנער בוף־קאָמיקער און טענצער, איינעם שערמאַן.

דער דאָזיקער שערמאַן, אַ קליינגעוויקסיקער מענטש מיט האַסטיקע באַוועגונגען, מיט אַביסל אַ רייסנדיקער שטים און גומענע פיסלעך, האָט אויף אונדז קיין איינדרוק ניט געמאַכט. אַזעלכע האַלב־הייזעריקע, געשמאַקלאָז־טאַנצנדיקע און חלבנע־וויצן־זאָגנדיקע קאָמיקער האָבן מיר געהאַט אין וואָרשע. אמת, ער איז געווען טעכניש אַביסל בריהשער פון זיי, ער איז געווען אַקטיאָריש אַביסל פלינקער פאַר זיי, אָבער עס האָט ניט געלוינט אַראָפּצובריענגען די דאָזיקע „איבערראַשונג״ פאַר אונדז.

דערפאַר האָט קלאַרא יאַנג פון דעם ערשטן אויפטריט אירן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַזאַ סובּרעטין ווי קלאַרא יאַנג האָט דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד ניט פאַרמאָגט. אונדזערע סובּרעטינס זיינען געווען פאַרחושכטע יידישע פאָלקס־ווייבלעך, אויסגעמאַטערטע און אָפּגעבליאַקירטע. מערסטנס האָבן די סובּרעטינס אונדזערע קיין שטימען ניט געהאַט. זיי זיינען געווען גאָר ווייניק מוזיקאַליש און זייער טאַנצן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי פלעגן אָנשטעלן די הענט אויף די „באָקעס״ און „דריגען״ מיט די פיס. וועגן זייער קליידן זיך איז גאָר קיין רייד ניט: געשמאַקלאָז, כּמעט אָפּגעלאָזן איז געווען זייער קליידונג. אַגב זיינען זייערע ראָלן געווען מייסטנס ראָלעס פון טעמפּע דינסט־מיידלעך, האָט זיך איינגעשטעלט אַ קאָסטיום פון אַ דינסט־מיידל כּמעט פאַר אַלע פיעסן, פּונקט ווי דער שפּאַנישער פּלאַשטש פאַר די פּראָווינציעלע העלדן־ראָלן אין די ראָמאַנטישע מעלאָדראַמעס.

קלאַרא יאַנג איז געקומען ווי פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. אַ יונגע פרוי, מיט גרויסע בלויע אויגן, מיט אַ זאַפטיקן, געשמאַקן פּרויען־שמייכל און מיט עכטן פרויען־רייץ אין אירע באַוועגונגען, ניט ראַפינירט און ניט קינסטלעריש־אייגנאַרטיק, אָבער מיט גוטן געשמאַק געקליידט — איז זי געווען בראַוו אין האַלטונג און אין געשפּרעך און איבערהויפּט זיינען געווען בולט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אירע אויף דער בינע. די גוטע אַקטיאָרישע טעכניק אירע האָט עס געמאַכט בולטער. זי

שפּילט מיט די אויגן, מיטן ברייטן, עכט־ווייבערשן שמייכל, זי שפּילט מיטן קערפּער, — הכלל זי איז גוט פּראָפעסיאָנעל און אַחוץ דעם איז זי מוזיקאַליש, טאַנצט ניט שלעכט, קאָן קלאָר, דייטלעך רעדן, קאָן מיט אַביסל טאַקט מאַכן אַ דרייסטע באַוועגונג, קאָן אַ שאַרפן וואָרט געבן דעם פּיקאַנטן שפּיל פון צווידייטיקייט. זי פאַרמאָגט טעמפּעראַמענט און ער איז ניט האַמעטנע, ניט חוצפּהדיק, זי האָט זין פאַר קאָסטיום, פאַרשטייט זיך — ניט לויט די מאָדערנסטע באַגריפן פון טעאַטער־קאָסטיום. זי איז פריי אויף דער בינע, אָבער ניט די הפקרדיקע פרייהייט, וועלכע מיר זיינען געוווינט צו זען אויף אונדזער יידישער בינע. זי „סטאַרעוועט״, אָבער מיט חסד. זי דערוועגט ניט אירע מיטשפּילער, זי שאַפט שנעל אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן פּובליקום, ווי אַלע סובּרעטינס, אָבער מיט אַביסל רעזערוו, כסדר אין די גרענעצן פון איר ראָלע, הכלל — אַ געניט און קלוג טעאַטער־קינד.

דאָס גאַנצע ליטעראַרישע וועלט האָט זיך באַלד באַפריינדט מיט איר. אַפילו דער אייביק־סקעפּטישער און ברוגזער דוד פרישמאַן האָט אַרויסגעזען אַ צופרידענעם שמייכל, זעענדיק זי אויף דער סצענע, אָדער באַגעגענדיק זיך מיט איר און פירנדיק מיט איר אַ פּריוואַטן שמועס.

איר ערשטער אויפטריט אין וואַרשע האָט געליטן אַביסל דורך איר פאַרטנער שערמאַן. אין אים האָבן מיר דערזען דעם באַקאַנטן יידישן קאָמעדיאַנט מיט זיין פינצטערקייט, האַמעטנעקייט און שוישפּילערישער טאַקטלאָזיקייט. אַן אַקטיאָר אָן זין, אָן אַ סימן פון אייגנאַרטיקייט, האָט זיין קלייניקער פאַרשימלטער „איך״ אַרויסגעשטאַרצט אויף טריט און שריט.

קלאַרע יאָנג איז אַרויסגעטראָטן אין אַ גאַנץ באַנאַלער אָפּערעטע „זיין ווייבס מאַן״. אָבער זי האָט דאָרט געהאַט עטלעכע לידלעך, וועלכע זי האָט געזונגען מיט אמתן חן. זי האָט געהאַט אַ פּאָר גוטע קאָמישע סצענעס, וועלכע זי האָט דורכגעפירט רייצנדיק. זי איז ניט קיין „קאָמיקערין״, זי האָט ניט דעם טאַלאַנט צו שילדערן אַ מענטשן קאַריקאַטוריסטיש, זי האָט ניט קיין חוש פאַר גראָטעסקע אָדער קינסטלעריש

שאַרזשירטע ליניען, זי איז בלויז חנעוודיק־שטיפעריש, רייצנדיק, פריי־לעך און מונטער.

נאָך גרעסער און זיכערער איז געווען איר דערפאָלג, ווען זי איז געקומען דאָס צווייטע מאָל קיין וואַרשע און איז אַרויסגעטראָטן אין אַן אָפּערעטע „די אַמעריקאַנערין״ (אין אַמעריקע האָט די דאָזיקע אָפּע־רעטע געהייסן „אַ מיידל פון דער וועסט״). פאַר איר פרישקייט, מונ־טערקייט און חנעוודיקער שטיפערישקייט איז די ראָלע אין דער דאָ־זיקער אָפּערעטע געווען זייער צוגעפּאַסט. זי איז געווען אַ מיידל אַ מאָדים, איינע פון די „כוואַטסקע״ מיידלעך, וועלכע מען זעט אין די קינאָס פון דער וועסט. אין דער אָפּערעטע איז זי אַרויסגעטראָטן, אין איין אַקט — דוכט זיך, פאַרקליידט אַלס אַ מאַן, איז זי געווען באמת פיקאַנט. אין מענער־קאָסטיום איז איר מונטערקייט געווען נאָך אַנ־שטעקנדיקער. דער פרויען־רייץ האָט באַקומען אַ שטאַרקן פעפער.

קלאַראַ יאַנג, ווי עס ווייזט אויס, האָט ביז דאַן נאָך אַליין ניט גע־וואוסט, אַז אין דעם מענער־קאָסטיום איז זי נאָך פיקאַנטער. די אַנט־דעקונג האָט זי געמאַכט אין דער דאָזיקער אָפּערעטע און זי האָט שוין אין אַלע אָפּערעטן צוגעשניטן פאַר זיך אַ ראָלע, אין וועלכער זי זאָל זיך קאָנען באַווייזן אין אַ מענער־קאָסטיום.

אין „דער אַמעריקאַנערין״ האָט זי ווידער געהאַט אַ פּאָר לידלעך, וועלכע זי האָט געזונגען פיין. אירע לידלעך „חשק״ און „בראַדוויי״, דאָס ערשטע אַ טרייפלעכע און דאָס צווייטע אַ ליריש־סענטימענטאַלע, זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער אין וואַרשע.

איר גרויסער דערפאָלג אין וואַרשע איז, ווייזט אויס, פאַר איר אַליין געווען אַן איבעררעשונג און זי איז געבליבן אין וואַרשע, אין דער שטאָט, וואו מען האָט זי, נאָך מיין מיינונג, ריכטיק אָפּגעשאַצט.

פאַר אונדז איז קיין סוד ניט געווען, אַז קלאַראַ יאַנג האָט ניט פאַרנומען אַזאַ אָנגעזעענעם פּלאַץ אינעם אַמעריקאַניש־יידישן טעאַטער, אָבער דאָס האָט קיינעם ניט געקימערט. אין דער טעאַטער־וועלט פּאַ־סירט עס אָפט, אַז אַ שוישפּילער ווערט ריכטיקער אָפּגעשאַצט אין דער פרעמד, ווי ביי זיך אין דער היים. אַגב איז זי פאַרן וואַרשעווער יידישן טעאַטער געווען אַזאַ אַנטפּלעקונג, אַז מען איז געווען צופרידן, וואָס אַמע־ריקע האָט זי אָפּגעלאָזן.

איך מוז דאָ זאָגן, אַז דער וואַרשעווער בעסערער עולם איז דער־צויגן געוואָרן אויף אַ זייער גוטער פּוילישער אָפּערעטע. די פּוילישע אָפּערעטע איז די צווייטע נאָך דער ווינער אָפּערעטע. די פּוילישע אָפּע־רעטע האָט כסדר פֿאַרמאָגט די עלעגאַנטסטע פֿרויען און ווער פֿון דעם בעסערן טעאַטער־באַזוכער האָט זיך ניט געפֿונען אונטער דעם כּישוף פֿון קאַוועצקאַ און מעסאַל? און קלאַראַ יאַנג האָט דערמאָנט אַביסל אָן די פֿרויען פֿון דער פּוילישער אָפּערעטע.

קלאַראַ יאַנג איז אַריינגעלעבט געוואָרן אין דעם יידישן טעאַטער פֿון רוסלאַנד. דער דערפֿאָלג האָט איר געגעבן מער מוט און מער זי־כערקייט. זי איז געוואַקסן ממש פֿאַר אונדזערע אויגן ווי אַ ביימל, וואָס האָט מיט אַמאָל באַקומען זון און ליכט.

איר דערפֿאָלג איז געווען נאָך גרעסער אין די רוסישע הויפּטשטעט, אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע. די רוסישע טעאַטער־קריטיקער האָבן זי אויפֿגענומען זייער און זייער וואַרעם און דאָס האָט אונדז געוויזן, אַז מיר האָבן זי אָפּגעשאַצט ריכטיק.

שוין אין דער מלחמה־צייט האָב איך זי באַגעגנט אין מאָסקווע. זי האָט געשפּילט אין דעם טעאַטער, אין וועלכן די באַקאַנטע רוסישע אָפּערעטן־שוישפּילערין ראַסטאָפּטשינאַ האָט געשפּילט. איז דער טעאַ־טער געווען געפּאַקט ביי אירע פֿאָרשטעלונגען — ניט ווייניקער, אויב ניט מער — ווי אויף די אויפֿטרעטונגען פֿון ראַסטאָפּטשינאַ אַליין.

איך בין געגאַנגען זי זען אין מאָסקווע, אין דער גרעסטער טעאַ־טער־שטאָט אין דער וועלט, און איך בין אַליין געווען אַביסל איבער־ראַשט פֿון דער אויפֿנאַמע, וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט געשפּילט אַן אָפּערעטע „דזשייקעלע בלאָפֿער״, אַן אָרעמע אָפּערעטע, אָבער זי האָט געהאַט אַזוי פֿיל חן, אַז איך האָב סוף־כּל־סוף פֿאַרשטאַנען דעם ענטו־זיאַזם פֿון דעם גרויסן פּובליקום.

איך האָב מיטגענומען אין טעאַטער עטלעכע סיבירער יידן, מיט וועלכע איך בין געווען פֿאַרבונדן אין דער הילפֿס־אַרבעט פֿאַר די פּליטים. די יידן האָבן פֿאַרשטאַנען זייער ווייניק יידיש. ווי די מערסטע פֿונעם מאָסקווער פּובליקום, זיינען די יידן אַזוי פֿאַרקאַכט געוואָרן, אַז

איך פלעג באקומען פון זיי טעלעגראמעס מיט אנפראגעס, וואו שפילט קלארא יאנג; זייערע א גאנצע קאמפאניע וויל זיך לאזן פון סיביר זען זי.

איך האב זי באזוכט אין איר האטעל, אין רייכסטן האטעל פון מאסקווע, און מיך האט באמת געפרייט צו זען א יידישע שוישפילערין, וואס פארשטייט ווי צו לעבן. זי איז געווארן א פיינע דאמע, א דאמע מיט א פיינעם טאן אין רעדן און אין האלטונג, א דאמע מיט ווערדע און גוטן טאקט.

זי איז איבערגעשאפן געווארן דורכן דערפאלג. זי איז שוין מער ניט געווען די נעבעכדיקע סוברעטין, וועלכע איז אמאל געקומען קיין ווארשע מיט אן עלנטן בוך־קאמיקער פרובירן ניט זיכער איר גליק. זי איז שוין געווען א בארימטהייט און האט זיך געקאנט האלטן. זי האט זיך ניט פארלוירן אין איר פלוצימדיקן אויפשטייג.

זי איז געווארן דער ליבלינג פון דעם יידיש־רוסישן און אפילו פון דעם עכט־רוסישן פובליקום. קיינע פון די יידישע שוישפילערינס איז ניט געווען אזוי פאפולער אין רוסלאנד ווי זי.

איך מיין, אז זי האט איר דערפאלג כשר פארדינט.

פארשטייט זיך, אז קלארא יאנג איז ניט די מאדערנע אפערעטן־שוישפילערין. זי איז סוף־כל־סוף א סוברעטין פון דער אלטער אמע־ריקאנער שול. מאלי פיקאן איז שוין גאר ניט דער ערך מאדערנער פאר איר. אבער זי איז אן ספק א זיכערע טאלאנטפולע אפערעטן־אק־טריסע, און ווען זי וואלט געהאט די ריכטיקע טעאטער־דערציאונג, די ריכטיקע טעאטער־אטמאספערע, וואלט זי זיכער געווען א פיינערע קינסטלערין. דער גרויסער דערפאלג אירער איז געקומען ניט אין די יונגע יארן, ווען מען קאן און מען וויל זיך לערנען. אביסל שפעטלעך איז געקומען איר דערפאלג. זי האט אים באדארפט באלד אויסנוצן און ניט פארלירן קיין צייט אויף פארפולקומען זיך.

על־כל־פנים האט קלארא יאנג אויפגעלעבט אביסל דעם יידישן טעאטער אין פוילן און אין רוסלאנד. זי האט אים, אמת, ניט געשטויסן אויף נייע וועגן, זי האט אים בלויז געגעבן דאס ביסל חן וואס זי פאר־

מאַגט. זי איז אַפילו געווען וויניקער פאַרן טעאַטער ווי אסתּר־רחל קאַמינסקאַ. אסתּר־רחל האָט דאָך געשאַפן אַן עפּאָכע אין דעם יידישן טעאַטער.

נאָך אַ זייער פאַרביקע און זייער פּיקאַנטע פרויענגעשטאַלט האָט זיך באַוויזן אויפן גרויען הימל פון דעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער. און דאָס איז געווען פּעני־וואַדי עפּשטיין. זי איז געקומען פון לאָנדאָן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַרשע ווי אַ קאַרנאַוואַל־קיניגין: צעגד־לינגער קופערטן מיט טייערע קליידער, צעגדלינגער שאַכטלען מיט טייערע און שרייענדיקע שמאַכטעס פון פרויען־טואַלעט, און מיט אַ שטאַרקן ריח פון פּאַרפומען איז געווען אָנגעפילט איר רייכסטער צימער אין דעם בעסטן וואַרשעווער האָטעל.

און נאָך מער קופערטן און שאַכטלען פון לעגענדעס, וואונדער־לעכע מעשיות און רעטענישן, האָט זי מיט זיך געבראַכט; לעגענדעס, מעשיות און רעטענישן, וואָס ווען אַ טויזנטל פון זיי וואָלט געווען אמת, וואָלט די דאָזיקע פרוי באמת געווען אַן אמתע אַוואַנטוריסטין, וועגן וועלכער מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבן דעם שפּאַנענדיקסטן שונד־ראָמאַן. אָבער ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז גאָר אַ קליין קערנדל פון אַלע מעשיות, וואָס האָבן זיך געוועבט אַרום איר, זיינען אמת, איז דאָס אויך גענוג שפּאַ־נענדיק.

דאָס קליינע קערנדל פון אמת אין דעם נעץ פון פאַנטאַסטישע מעשיות איז גענוג אינטערעסאַנט, אַז מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויף איר, בפרט אַז איר לעבן אין די פּאָר יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע, איז אַזוי דערשיטערנדיק, מעלאָדראַמאַטיש, אַז עס איז כּדאַי צו באַשרייבן.

אין אַ קעלער, ביי מוראדיק קבצנישע עלטערן איז זי געקומען אויף דער וועלט און אין אַ קעלער ביי אַ מוראדיקן אביון, אַ פעטער, איז זי געשטאָרבן. צווישן דעם ערשטן און לעצטן קעלער האָט זי דורכגעמאַר־שירט ליכטיקע, רייכע הייזער און זאָגאָר אַ קיניגלעכן פּאַלאַץ. פון שרעקלעכער אָרעמקייט האָט איר דער שיקזאַל געוואָרפן אין די אָרעמס

פֿון משוגענער רייכקייט און פֿון דער דאָזיקער רייכקייט צוריק צו שוי־דערלעכן עלנט, איינזאַמקייט און אָרעמקייט.

אַ טייל פֿון איר יוגנט־לעבן לוינט גאָרניט צו באַרירן. דאָרט קאָן מען זיך אָנשטויסן אויף מאָמענטן זייער שאַטנדיקע און זייער פֿאַר־פלאָנטערטע.

אַ זייער שיין קינד, אַ טעמפּעראַמענטפֿול קינד איז געקומען אויף דער וועלט ערגעץ אין אַ קעלער; פֿון אַ קעלער ערגעץ אין פּוילן פֿאַר־טראָגט דער שיקזאַל די קעלער־פֿאַמיליע אין אַ לאָנדאָנער קעלער; די זעלביקע פֿינצטערע נויט, די זעלביקע גרויזאַמע דחקות אין דעם גרויסשטאָטישן קעלער ווי אין דעם קליינשטאָטישן. אָבער לאָנדאָן האָט טויזנטער גיריקע מענער־אויגן, וואָס דרינגען אַריין אין די פֿינצטערע קעלערן און זוכן אויס באַהאַלטענע און פֿאַרבאָרגענע פֿרויען־שיינהייטן. פֿון אַ לאָנדאָנער קעלער ביז אַ לאָנדאָנער שיינעם פּאַלאַץ איז פֿאַר אַ יונג, שיין און טעמפּעראַמענטפֿול מיידל אַ זייער קורצער וועג. איין שפּרונג און מען איז פֿון קעלער שוין אין אַ רייך הויז. עס עפֿענען זיך ברייטע טירן פֿאַר אַ שיין מיידל.

אין אַ מינוט פֿון אָפֿנהערציקייט האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט, אַז מענער זיינען די נאַאיווסטע באַשעפֿענישן. מען קאָן זיי לייכט באַשווינד־לען. דאָס גליק זייערס איז, וואָס פֿרויען זיינען צו ערלעך. ווען פֿרויען וואָלטן געווען ניט ערלעך, וואָלטן זיי אַלע מענער געפֿירט אויף אַ שטריקל ווי הינטלעך נאָך זיך.

דאָס איז ניט געזאָגט געוואָרן מיט ביטערקייט. זי האָט בכלל קיין ביטערקייט, קיין בייזקייט און קיין שנאה ניט פֿאַרמאָגט. איר האָט גע־פֿעלט אַ פֿעסטע מאָראַל, וואָס שטעלט פֿאָדערונגען צו מענטשן. איר האָט געפֿעלט שטאָלץ, וואָס באַליידיקט זיך. זי איז געווען אַ פֿרוי, דורך און דורך אַ פֿרוי, עפּעס אַ לייכטזיניקע נאַשערין, וואָס קריגט איבער די הענט, ווען מען כאַפּט זי גנבענען נאַשערייען, און באַליידיקט זיך ניט; באַלד טוט זי דאָס זעלביקע און וואַרט, מען זאָל איר ווייטער געבן איבער די הענט.

וואַקסט אָן עלנט מיידל, וואַקסט פּרעכטיק; זי איז שיין, פֿאַלקס־טימלעך קלוג. הייס בלוט פֿאַרמאָגט זי, עס קאָכט, זידט און פֿאַרפֿירט...

און אַט איז זי אַ פּרעכטיקע פֿרוי, עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר אַלט, האָט זי איין פֿאַרלאַנג — אַ גוט לעבן, שיינע קליידער און אַ סך, אַ סך צימערן געפּאַקט מיט קליידער. זי קאָן עס באַקומען לייכט, באַקומט זי עס. וואַרפֿט זי זיך אין די אויגן מיט אירע רייכע קליידער, און אַ פֿיגור האָט זי אַזאַ, אַז איטלעכס קלייד נחתט זיך אויף איר קערפּער. דאַרפֿן מענער זיין בלינדע, אום ניט פֿאַרבלענדט צו ווערן פֿון איר שיינקייט און גלאַנץ.

ווערט ערגעץ, צי אין לאָנדאָן, צי אין אַן אַנדער גרויסער שטאָט, פֿאַרליבט אין איר שיינקייט און עלעגאַנץ אַ אינדישער פּרינץ, איינער פֿון די פּרינצן, וואָס האָבן צוועלף־יעריקע ווייבער; איינער פֿון די פּרינצן, וואָס האָבן קאַסטנס מיט דימענטן, יעדער דימענט גרויס ווי אַ וועלשענע נוס; איינער פֿון די פּרינצן, וואָס קאָנען הערשן איבער אַלעמען, נאָר ניט איבער זיך אַליין... דער פּרינץ האָט מיט איר חתונה, באַזעצט זיך מיט איר אין לאָנדאָן און זי ווערט אַן אַזיאַטישע פּרינצעסין.

דאָ רייסט זיך אַריין אַ שטיק טונקלקייט אין איר לעבן. קורץ איז די צייט פֿון איר אַריענטאַלישן גן־עדן. זי פֿאַרלאָזט איר פּרינץ, ווערט אויס פּרינצעסין און באַוויזט זיך ערגעץ אין בוענאָס־איירעס אין אַ יידישן טעאַטער. פֿון בוענאָס־איירעס צוריק אין לאָנדאָן, שוין ווי אַ יידישע שוישפּילערין; פֿון לאָנדאָן אין פּאַריז און פֿון פּאַריז אין וואַרשע.

אַ צו־שטורמיש לעבן פֿאַר אַ יידיש קעלער־מיידל; צו־האָסטיקע און צו־שניידיקע ענדערונגען פֿאַר אַ יידיש מיידל, וואָס בלייבט אונטער אַלע אומשטענדן וואויל און בראַוו יידיש־פֿאָלקסטימלעך, וואָרים זי איז אַ יידיש מיידל אונטער דעם טייערן זיידנס, אונטער די פּאַריזער פּע־נוואַרס און אונטער אַלע בלענדנדיקע פּוצן. איך האָב זיך מיט איר באַ־געגנט אַ פּאָר טעג נאָך איר אָנקומען קיין וואַרשע. פֿאַר מיר איז געזעסן אַ קורטיזאַנע. דאָס צימער האָט אויסגעזען ווי אַ פּרעכטיקער בודואַר. פֿול איז עס געווען מיט קורטיזאַנישן שיק, זיידנס, פֿאַרשיכורנדיקע ריחות פֿון פּאַרפֿומען, געצאַצקעטע טואַלעט־מכשירים. אַ האָטעל־צימער איז אין אַ פּאָר טעג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגיאָריקן פּרעכטיקן בודואַר פֿון אַ גרויסער קורטיזאַנע.

און ווי די דאָזיקע פֿרויענגעשטאַלט האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין

דעם בודואַר, ווי זי האָט אים אָנגעפּילט מיט פֿרויען־רייץ, מיט פּיקאַנט־קייט און מיט מאַיעסטעטישן לייכטזין!

אָבער האָט זי אָנגעהויבן רעדן, איז דער גאַנצער בודואַר פֿאַרשוואונדן געוואָרן. איר האָט זיך געפּילט אין דעם אָרעמען צימערל פֿון אַ גוט און פֿרום יידיש מיידל. וואָס פֿאַר אַ פּרעכטיקן, פֿליסיקן און היימישן יידיש זי האָט גערעדט, און יידישע מאַמעשע ווייכקייט, יידישע שוועסטערישע גוטסקייט האָט געשטראָמט פֿון איר יידיש! און אָט גיט די קורטיזאַנע אָפּט אַ יידישן קרעכץ, אָט כאַפּט זיך אַריין עפּעס אַ ווייטער אָפּקלאַנג פֿון צאינה־וראינה אין איר רעדן, עפּעס אַ ווייטער טאָן פֿון תחינות גנבעט זיך דורך... און די מאַנירן, די מאַנירן פֿון אַ פּאַריזער דעמי־מאָנד־פֿרוי, זיינען פֿרעמדע, אויסגעלערנטע. זיי פּאַסן זיך ניט צו איר רעדן.

און באַלד הייבט זי אָן רעדן וועגן איר שפּילן און איר זעט פֿאַר זיך דעם דורכשניטלעכן טיפּ פֿון אַ יידישער שוישפּילערין. עטלעכע סענטימענטאַלע אָפּגעדראָשענע פֿראַזן — דאָס איז איר גאַנץ פֿאַרמעגן, וואָס זי נוצט אויס אין געשפּרעך וועגן דעם. די באַנאַלע ווערטער: די בינע איז איר לעבן, די קונסט איז איר נשמה, יעדע ראָלע, וואָס זי שפּילט, איז אויסגעווייקט אין איר אייגן בלוט, און נאָך אַזעלכע באַנאַליטעטן, אויך פֿרעמדע, צוגעקלעפּטע, אַזוי ווי עס זיינען געווען פֿרעמדע און צוגעקלעפּטע די מאַנירן, וואָס זי האָט געליען אין פֿרעמדע הייזער, ביי פֿרעמדע פּרינצן אין איר שטורמישן לעבן.

דער שטורעם אין איר לייב איז שוין אַריבער. ער האָט געלאָזן נאָך זיך גרויסע וויסטעניש, אָבער זי איז נאָך וואונדערלעך שיין און עלעגאַנט. די גרויסע אויגן ווערן נאָך דורכגעבליצט פֿון פֿייערלעך, דאָס מידע געזיכט איז נאָך פֿעסט־רונד, דאָס מויל, שוין ניט פֿריש, אָבער נאָך זאַפּטיק און נאָך גענוג ליידנשאַפֿטלעך, די האָר שפּעדיק און עס שטראָמט פֿון זיי אַרויס אַ פֿאַרשיכּורנדיקער אַראָמאַט, כאָטש ערטערווייז זיינען זיי שוין אַביסל אָפּגעבליאַקירט; דער גאַנצער קערפּער שוין צעטרייסלט פֿון שטורמישע איבערלעבונגען, אָבער נאָך אַזוי בייגיק, אַזוי עלאַסטיש און פֿרויענהאַפֿטיק.

זי ווערט אָפּט עפּעס פּינצטער, גלעט זי מיט אירע עלעגאַנטע, זאַר־געוודיק מאַניקירטע פּינגער די שלייפן, צעשמייכלט זיך באַלד אָבער, פאַרטרייבט אייער אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָזיקן, ווי עס ווייזט אויס, אָפּטן זשעסט און פאַרטרייבט פון זיך אַליין אַ באַהאַלטענע אומרואיקייט.

און פּלוצלונג:

— מען זאָגט, איר זענט אַ שטרענגער קריטיקער; מען האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ מורא!

און באַלד:

— איך האָב ליב שטרענגע קריטיק; איך האָב ליב דעם אמת...

ווי אַלע יידישע ווייבלעך־שוישפּילערינס.

אָבער גראַציע איז פאַראַן אין אירע באַנאַלע געשפּרעכן. זי איז אַ פרוי און קאָן דאָס באַנאַלסטע באַהנען.

זייער ניט קיין קאָמפּליצירטער מענטש איז זי געווען. אין אַ האַל־בער שעה האָט מען דעם גאַנצן מענטשן געקאָנט דורכבלעטערן פון אָנהייב ביזן סוף. אַלץ איז געלעגן אויבנאויף, אַלץ איז אַרויפגעשוואומען אויפן אויבערפלאַך; בלויז די וויכטיקסטע עפּיזאָדן פון איר שטורמיש לעבן האָט זי באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל פון איר קליין און אָפן האַרץ.

זיינען דאָס געווען וואונדן, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרבאָרגן, אָדער ליכטיקע דעראינערונגען, וואָס זי האָט געוואָלט באַהאַלטן פאַר זיך אַליין? — דאָס איז שווער צו זאָגן.

אין די ערשטע טעג פון איר זיין אין וואַרשע האָט זי אָפּגעזוכט אַלע אירע קרובים. דאָס איז געווען אַ גאַנץ גרויסע כאָפּטע פון אביונים און זי איז געווען פאַרנומען מיט אויסטיילן מתנות, קליידער, געלט און מייסטנס אַזעלכע לוקסוס־אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען פאַר זיי לחלוטין נוצלאָז. דאָס איז געווען אפשר ניט אויס גוטסקייט אָדער אייג־געבוירענער ברייטקייט. זי איז געווען אַ האַרעם־פרוי, זי האָט אַלץ באַ־קומען לייכט, אָן אַרבעט, אָן אָנשטרענגונג און אָן זאָרגן. זי האָט דע־ריבער אַלץ לייכט געקאָנט אַוועקגעבן. זי איז געווען זיכער, אַז מאָרגן וועט זי ווייטער האָבן, וואָס איר האַרץ גלוסט.

וועגן טעאַטער האָט זי גערעדט, ווי געזאָגט, מיט גאַנץ באַנאַלער און אויבערפלעכלעכער סענטימענטאַליטעט, אָבער זי איז מיט לייב און

לעבן צוגעפאַלן צום טעאַטער, זי האָט דעם טעאַטער קינדיש געליבט. אַמאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז טעאַטער איז איר לעצט שטרויעלע אין לעבן, אין וועלכן זי כאַפּט זיך אָן.

איר ערשטער אויפטריט איז געווען אין אַ פּיעסע, וואָס הייסט „עוואַ". דאָ האָט זי זיך באַוויזן ווי אַ פרוי, ניט טיף, ניט פאַרביק; בלויז אַ פרוי, ווי זי אַליין איז געווען.

דערנאָך איז זי אַרויסגעטראָטן אין אַ ריי פון יעקב גאָרדינס פּיעסן. זי מאַכט אויבערפלעכלעך אַ גאַנץ גוטן איינדרוק, אָבער אין אמתן איז זי געווען ווייניק שוישפּילערין. זי האָט פאַרמאָגט צו־ווייניק טאַלאַנט, אַז זי זאָל קאָנען אויסבויען און פאַרטיפן אַ ראָלע דורך אינטואיציע. איר האָט פשוט אַרויסגעהאָלפן איר אייגנאַרטיקער חן, איר איינגע־בוירענע פּלאַסטישקייט און איר זייער גוט רעדן. די מימיק אירע איז געווען אַ זייער אָרעמע, סך־הכל עטלעכע געזיכטס־באַוועגונגען. אָבער איר פיין געזיכט האָט ניט באַדאַרפט אַזוי נייטיק די מימיק. זי איז געווען באַוועגלעך, בייגיק און זייער עלאַסטיש, אָבער זי האָט ניט געקאָנט באַהערשן, סיסטעמאַטיזירן און קאָנצענטרירן עס אין די ניי־טיקע מאָמענטן. אירע באַוועגונגען, ווייכע, גראַציעזע און זייער פרויענ־האַפטע, זיינען געווען פשוט אָן אויסשטעלונג פאַר זיך. אין דער ראָלע האָבן זיי זיך זייער ווייניק אַריינגעפּאַסט.

עס איז געווען אָן אמתער גענוס צו הערן זי רעדן. אַ פיינע נאַאי־וויטעט איז געווען אין איר רעדן. איר שטים וואַרעם, גלעטנדיק, האָט געהאַט קליינע ריסן און געבראָכנקייטן און גראָד די דאָזיקע ריסן און געבראָכנקייטן זיינען געווען דאָס שענסטע.

זי האָט ניט געקענט קיין יידיש אין ברייטערן זין פון וואָרט, אָבער דאָ האָט זי פאַרמאָגט באמת פיל אינטואיציע. גאָר ווייניק געבילדעט, פלעגט זי קיין פעלער ניט מאַכן אין באַטאָנען אַ וואָרט און אין אַרויס־זאָגן גראַציעז אַ זאַץ. פלינק, לעבעדיק און צאַפּלדיק פלעגט אַרויסקומען דאָס יידישע וואָרט פון איר מויל.

אסתר־רחל קאַמינסקי איז געווען גאָר ניט דער ערך אַ גרעסערע שוישפּילערין פאַר איר, אָבער אין „זאָגן" איז זי געווען אַזוי גרויס ווי אסתר־רחל.

און מיט איר איז געשען דאָס, וואָס עס געשעט מיט די מייסטע פֿון אונדזערע שוישפּילער: זיי לעבן זיך אויס אין אַ האַלב טוץ פּיעסן, דאָ שיסן זיי אַרויס זייער גאַנצן טעמפּעראַמענט און זייער גאַנצע באַגאַבונג און בלייבן אויסגעלאָשענע, אומבאַהאָלפֿענע און אומפּרוכטבאַרע אין אַנדערע נייע פּיעסן.

פֿעני־וואַדי עפּשטיין האָט אויסגעשעפּן איר גאַנצן רעפּערטואַר אין אַ קורצער צייט און איז געבליבן אָן אויסגעלאָשענע. מען האָט זי אַנגאַזשירט אין „עליזעאום־טעאַטער" אַלס אַ שוישפּילערין אין דעם לויפֿנדיקן רעפּערטואַר און דאָ איז זי כמעט געווען אומבאַהאָלפֿן. דערנאָך איז אַוועק אין דעם דאָזיקן טעאַטער „דאָס פּינטעלע ייד". מען האָט איר געגעבן אין דער דאָזיקער אָפּערעטע אַ גאַנץ קליינע און נישט־באַדייטנדיקע ראָלע, און אין דעם יאָר צייט איז איר אַרטיסטישע קאַריערע געווען געענדיקט.

געטומלט האָט זיך אין די טעאַטער־קרייזן מיט איר רייכער קליידונג. אין דער אָרעמקייט און געשמאַקלאָזיקייט פֿון דעם יידישן טעאַטער איז איר רייכע קליידונג געווען אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. איך ווייס ניט פֿון קיין איין יידישער שוישפּילערין אין יענער צייט, וואָס האָט זיך געקאָנט אָנטאָן כאָטש מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיק. און דאָ איז געקומען אַ דאַמע, וואָס קאָן אַליין ניט איבערציילן אירע קליידער. האָט מען דערציילט חידושים וועגן איר גאַרדעראָב. אָבער דאָס איז געווען די גאַרדעראָב פֿון אַ האַרעם־פֿרוי, ניט פֿון אַ קינסטלערין. עס איז געווען אַ פּשוטע, גרויסע פֿרויען־ליידנשאַפֿט צו קליידער. עס איז לחלוטין ניט געווען אין איר קליידונג קיין אינדיווידועלער געשמאַק, קיין אינדיווידועלע נייגונג צו פֿאַרבן און צו פֿאָרם.

שוין כמעט אַ פֿאַרגעסענע, פֿלעגט זי אירע קליידער פֿאַר אַ ראָלע לאָזן קומען פֿון פּאַריז. עס איז געווען אַ פּאַריזער מאָדעל בלויז, אָבער פֿאַר איר ראָלע האָט עס זיך ניט געפּאַסט.

נאָך אַ קורצער צייט פֿון אויפֿבליצן איז זי געוואָרן איינע פֿון דער אָרעמער שוישפּילער־משפּחה אין וואַרשע. פֿון דעם גרויסן און רייכן האָטעל, באַדינט פֿון צוויי קאַמערמיידלעך, איז זי אַריבערגעפֿאָרן אין אַן אָרעמען האָטעל. פֿון דעם אַמאָליקן פּרינץ איז זי אַריבער צו דער

גנאַד פֿון אַ יידישן קליין־סוחרל, און אַזוי, מיט אַ פֿאַטאַלער שנעלקייט, האָט זי זיך געקייקלט באַרג־אַראָפּ, ביז זי איז קראַנק געוואָרן.

איך האָב זי באַזוכט, ווען זי איז געוואָרן קראַנק. שוין אַ פֿאַראַרעמ־טע, איז זי געלעגן אין בעט ווי אַ פֿאַנטאַסטישע פּרינצעסין, אין זיידנס, טייערע האַפּטערייען, אַ קראַנקע, אַ בלאַסע, אָבער אין דער דאָזיקער געבראָכנקייט איז געווען אַזוי פֿיל רייצנדיקע פֿרויען־צעפּיעשטשעדי־קייט, אַזוי פֿיל קינדישע ליבלעכקייט, האַרציקייט און ווייכקייט.

אַ באַקאַנטער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט ביים אַרויסגיין, אַז זי וועט פֿון בעט ניט אַראָפּ לאַנג, לאַנג.

זי האָט עס מסתמא ניט געוואוסט, וואָרים זי האָט גערעדט וועגן נייע ראָלן. זי האָט זיך מיט אמתער ריטערלעכקייט און פֿיינקייט באַ־קלאָגט אויף אירע קאָלעגן, דירעקטאָרן און אַנדערע, וועלכע האָבן זי אַרונטערגעבראַכט סצעניש; קיין בייז וואָרט, נאָר אַ קינד האָט זיך געקלאָגט, געפּיעשטשעט.

די דאָזיקע פֿאָלקס־פֿרוי האָט דאָך פֿאַרמאָגט אַן איינגעבוירענעם אַריסטאָקראַטיזם.

ווי פֿיין זי האָט גערעדט וועגן אַלע ביטערקייטן, רכילותן, קליינער שנאה און קנאה אין דעם הינטערקוליסן־קנויל. אָן בייזקייט, אָן גאַל, בלויז מיט שטילן ווייטאָג און איידעלן פֿאַרדראָס.

איך האָב זי נאָך אייניקע מאָל באַזוכט. זי איז געוואָרן אַלץ קראַנ־קער און שענער; שוין גאָר אַ בלאַסע, אַן אויסגעמאָגערטע, האָבן זיך ערשט באַוויזן בולטער אירע צוויי וואונדערלעכע אויגן. קראַנק איז די שטים אירע געוואָרן, קלאָרער דערפֿאַר, און איר רעדן נאָך זאַפּטיקער. זי פֿלעגט רעדן מיט פּסוקים פֿון י. גאָרדינען. אַלע יידישע אַרטיסטן פֿלעגן רעדן מיט פּסוקים פֿון דעם דאָזיקן דראַמאַטורג. ער איז געווען פֿאַר זיי אַ לערער. זיינע פּשוטע אַפֿאָריזמען, גלייכווערטלעך, זיין מאָ־גערע פֿילאָזאָפֿיע זיינען געווען פֿאַר זיי גרויסע אַנטפּלעקונגען.

די אָרעמקייט האָט זיך וואָס ווייטער גרויזאַמער גערוקט אויף דעם צעבאַלעוועטן שטורעם־קינד. מען האָט זי אין גאַנצן פֿאַרגעסן. קאָלעגן, דירעקטאָרן, אַמאָליקע רייכע און מעכטיקע פֿריינד, האָבן פֿאַרגעסן זייער שיין שפּילעכל; זי איז שוין געווען אויס שפּילעכל...

און שטיל איז אַמאָל געקומען אַן אָרעמער פעטער, וועלכן זי האָט באַשאַנקען מיט רייכע מתנות, ווען זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט; האָט ער די קראַנקע, שטאַרבנדיקע שוישפּילערין אַוועקגעפירט אויף אַן אָרעמען וואָגן צו זיך אין קעלער אַריין. דאָרט אין קעלער איז זי אָפּ־געלעגן חדשים, קיינער איז ניט געקומען צו איר. אַלע האָבן פאַרגעסן די עלעגאַנטע פעני־וואַדי עפשטיין.

ביז עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זי איז געשטאָרבן.

אַ רעגנדיקער ברודנער טאָג איז עס געווען, ווען אַ קליין הייפל מענטשן האָבן באַגלייט אַ קליין שטורעם־קינד, אַ קינד פון קעלער און פּאַלאַצן, צום אייביקן קעלער.

פעני־וואַדי עפשטיין איז געווען אַ קליינער, אָבער אַ זייער מעלאָ־דראַמאַטישער עפּיזאָד אין דעם לעבן פון יידישן טעאַטער. דעם טעאַטער האָט זי כמעט גאָרניט געגעבן. זי איז געקומען מיט אַ געשפּילטן רע־פּערטואַר; קיין נייס האָט זי ניט געקאַנט שאַפן. קלאַראַ יאַנג האָט גע־בראַכט מיט זיך אַ נייעם אָפּערעטישן רעפּערטואַר, אַ רעפּערטואַר, וואָס איז צוגעפּאַסט, צוגעשניטן פאַר איר. האָט די דאָזיקע שוישפּילערין גע־האַט גאָר ניט דעם ערך אַ גרעסערע ווירקונג אויף דעם יידישן טעאַטער.

אין 1911 איז געקומען אויף אַ קורצער צייט מאָריס מאָשקאָוויטש. דער דאָזיקער שוישפּילער איז געווען פאַר אונדז אַן איבעררעשונג. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ שוישפּילער פון'אַ גאַנץ היפּשן פאַרנעם, וואָס טראָגט מיט שטאָלץ זיין באַרוף; אַ שוישפּילער שוין מיט אַ טעאַטער־קולטור; אַ שוישפּילער און אַ מענטש דערצו, איינער וואָס וויל האָבן אַ מיינונג און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זי. ער איז דאָך, למשל, געווען, ווי אַלע יידישע שוישפּילער, אַן אַנהענגער פון יעקב גאָרדינען. האָט ער אָבער געקענט גאָרדינען, ער האָט געקאַנט אַרויסברענגען זיינע מעלות, מאַכן זיי אַזוי בולט, אַז זיי האָבן פאַרטונקלט זיינע חסרונות. ער האָט בכלל גערעדט וועגן טעאַטער־פראַגן מיושבדיק, מיט אמת אַביסל אויפגעשרויפטער אויטאָריטעט, אָבער מיט פאַרשטענדע־ניש און מיט גוטער, היפּשער פאַך־קענטעניש, הכלל, אַ פּערזענלעכ־

קייט; אזוינס, וואָס מען האָט ניט באַגעגנט אין דער גאַנצער מחנה פֿון אונדזערע היימישע שוישפּילער.

אויף דער סצענע איז זיין פּערזענלעכקייט נאָך מער אויסגעוואַקסן. הויך און שלאַנק, האָט זיין פֿיגור אויסגעפּילט די בינע. ער האָט אויסגעזען מאַיעסטעטיש צווישן די קליינגעוויקסיקע, צעטערפּעטע און פֿאַרדלותטע מיטשפּילער.

זיין ערשטער אויפֿטריט איז געווען אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״. ער האָט געשפּילט אוריאל מזיק. דאָ האָבן מיר געזען אַ שוישפּילער מיט טאַלאַנט און מיט געבענטשטע אייגנשאַפֿטן פֿאַר דער סצענע; אַ זעלטן קלאָרע דיקציע, ערטערווייז שוין אַביסל צו קלאָר, אַן אַנגענעמע שטים, אַ פּרעכטיקע מימיק און אַ זייער באַרעכנטע באַוועגלעכקייט. הכלל — אַ שוישפּילער פֿון דער וועלט־בינע.

אַ דערפֿאַרענער, ווי עס ווייזט אויס, אויך אין רעזשי — לויט די דאַמאַלסטיקע באַגריפֿן — האָט ער אַוועקגעשטעלט די פּיעסע גוט, האָט גוט אויסגעמושטירט אונדזערע אַקטיאָרן אין זייערע ראָלן און האָט געשאַפֿן אין אַ קורצער צייט אַ גאַנץ גוטן צוזאַמענשפּיל. און צו אונדזער איבערראַשונג האָבן מיר דערזען, אַז אונדזערע אַקטיאָרן קאָנען אויך שפּילן, ווען עס איז דאָ אַ האַנט, וואָס פֿירט זיי. אַזוי האָט פֿישעלעוויטש, דאָן נאָך גאָר אַ יונגער און שוין אַ פֿאַרוואָרלאָזטער אַקטיאָר, זיך אַרויסגעוויזן ווי גאָר אַ פֿיינער קאָמיקער אין דער ראָלע פֿון לייזער בדחן.

מאָשקאָוויטש איז אויפֿגעטראָטן אין סטרינדבערגס „פֿאָטער״ אַלס דער ריטמייסטער, און איז געווען ניט ווייניקער גוט ווי אַלס אוריאל מזיק.

מיט מאָשקאָוויטשעס גאַסטראָלן האָבן מיר געמוזט אין גאַנצן בייטן אונדזער ביטולדיקע באַציאונג צום אַמעריקאַנישן טעאַטער. מאָשקאָוויטש איז געקומען צו אונדז נאָך אַ גאַנצן יאָר „פּינטעלע ייד״, וואָס איז געגאַנגען אין צוויי וואַרשעווער טעאַטערס און אין אַ האַלב צענדלינג אַנדערע טעאַטערס אין רוסלאַנד. ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען אַלע האָבן שוין אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט אויפֿן יידישן טעאַטער און געוואָרט אויף אַ צעפּוילעניש, וואָס זאָל אים אומברענגען.

די עפּאָכע פון „פינטעלע ייד״ איז געווען די סאַמע פינצטערע אין דעם יידישן טעאַטער. אַ יאָר צייט האָבן כמעט אַלע יידישע טרופּעס אין פּוילן און אין רוסלאַנד, אוּונט איין און אָוונט אויס, געשניטן ווילדע גרימאַסן, אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען הייזעריק פון שרייען, מיד פון האָפּקען און פאַרגרעבט פון די גראָבע וויצן, וועלכע מען האָט אַריבער־געבראַכט פון אַמעריקע, און פון די אייגענע, וואָס מען האָט צוגעגעבן כסדר יעדן אָוונט.

אין מאָשקאָוויטשן האָבן מיר געפונען אַ טרייסט; אין אַמעריקע, הייסט עס, זיינען נאָך דאָ ערנסטע שוישפּילער, וואָס „דאָס פּינטעלע ייד״ האָט נאָך ניט פאַרקריפּלט.

עס זיינען געקומען צו גאַסט נאָך אַנדערע אַמעריקאַנער שוישפּי־לער, וועגן וועלכע איך וועל נאָך רעדן באַזונדער.

דער אַמעריקאַנער רעפּערטואַר, סיי דער שלעכטער, סיי דער גוטער, די אַמעריקאַנער שוישפּילער, סיי די גוטע, סיי די שלעכטע — האָבן אונדז געגעבן קלאָר צו זען, אַז דער יידישער טעאַטער איז אייגנטלעך אין אַמעריקע, און דאָ, אין פּוילן און אין רוסלאַנד, לעבט דער יידישער טעאַטער מיט די אַראָפּגעפאַלענע ברעקלעך, וואָס ער קלייבט פון אונ־טער דעם אַמעריקאַנישן רייכן טיש.

די טעאַטער־געזעלשאַפט

די שטורמישע אַטאַקעס אונדזערע אויף דער הפקרות אין דעם יידישן טעאַטער האָבן אָפּנים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג, וואָרים אין אָנהייב פון 1911 איז דער יידישער טעאַטער אין וואַרשע געווען אין זייער אַ פאַרצווייפלטער לאַגע. טרופּעס זיינען צעפאַלן געוואָרן, טעאַטערס זיינען געווען ליידיק און מען האָט שטאַרק גערעדט, אַז די צוויי טעאַטערס זאָלן זיך צומאַכן.

דער יידישער לייענער, דער בעסערער טעאַטער־עולם האָט אָנגעַ־הויבן פּשוט אויסמייַדן דעם טעאַטער מיטן שלעכטן רעפּערטואַר. דער דאָזיקער „שטילער״ באָיקאָט פלעגט אָפט אָננעמען זייער קוריאָזע און זייער קאָמישע פאָרמען. היציקע יונגעלייט פלעגן קומען צו אַ שונד־

אויפֿפֿירונג און שטערן די פֿאָרשטעלונג. זיי פֿלעגן שרייען, אַז מען פֿאַרסמט דעם עולם. פֿיל מאָל פֿלעגן קומען צו אונדז אין רעדאַקציע יונגעלייט, ממש דערשראָקענע; זיי זיינען געווען אין יידישן טעאַטער און זיינען פֿאַרסמט געוואָרן פֿון שונד. אַנדערע פֿלעגן קומען פֿרעגן שאלות, צי קאָן מען באַזוכן די אָדער יענע אויפֿפֿירונג. אַנדערע פֿלעגן קומען מאָנען שאַרפֿערע קריטיקן, נאָך אַזעלכע סימפּאָזיומס ווי אין „פֿילהאַרמאָניע״. דאָס זיינען געווען נאַאיווע אויסברוכן פֿון צאָרן, וועלכע באַגלייטן שטענדיק אַלע באַוועגונגען.

אָבער די באַוועגונג האָט געהאַט אויך גאַנץ ערנסטע מאָמענטן. אַזוי, למשל, איז צעריסן געוואָרן די אינטימע פֿריינדשאַפֿט צווישן דער אונטערוועלט און דעם יידישן טעאַטער. די גרויסע מאַטעריעלע שטיצע, וואָס דער יידישער טעאַטער האָט געהאַט פֿון די וואַרשעווער יידישע פּסולתן, האָט דער טעאַטער פֿאַרלוירן. ווי דער פֿאַקט איז אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט אויף דער גרויסער פֿאַרזאַמלונג אין „פֿילהאַרמאָניע״, האָבן זיך די שטילע, אָבער זייער אינטימע פֿריינד אָנגעהויבן פֿונאַנדער־צוגיין. דעם אָנהייב האָבן געמאַכט די יידישע שוישפּילער. זיי האָבן אָנ־געהויבן זיך דערווייטערן פֿון זייערע „פֿעטע״ פֿריינד. דער אַנדער צד איז מסתּמא ברוגז געוואָרן און אַזוי־אַרום איז מען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופֿן אויף דער מאַטעריעלער לאַגע פֿונעם טעאַטער.

עס האָט געמוזט קומען אַן איבערברוך. אָדער דער טעאַטער הייבט זיך אָן בעסערן — און אַזוי בעסערן, אַז מען זאָל עס באַלד דערשפּירן און ער זאָל באַקומען די געזעלשאַפֿטלעכע סימפּאַטיע; אָדער ער זאָל ווערן אַזוי דרייסט־שונדיש, אַז ער זאָל אויפֿרודערן דעם פֿינצטערן עולם. דאָס ערשטע צו טאָן האָט דער טעאַטער קיין כּוח און קיין ווילן ניט געהאַט, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן צווייטן אויסגאַנג; דער איז אים, משמעות, געווען נעענטער צום האַרצן.

און דאָ האָט דער מזל צוגעשפּילט דעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע. פֿון אַמעריקע האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ מבול פֿון שונד־אָפּערעטן, „דאָס פּינטעלע ייד״, „די נשמה פֿון מיין פֿאָלק״, „דאָס יידישע האַרץ״ און אַנ־דערע אַזעלכע פּערל. „דאָס פּינטעלע ייד״ איז געווען דער שונד, וואָס

האָט געקאָנט אַרויסראַטעווען דעם יידישן טעאַטער פֿון דער מאַטעריע־לער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס האָט זיך געררוקט אויף אים. „דאָס פּינטעלע ייד" האָט אַזוי אָנגעריסן, אַז אַ רעגן פֿון רענדלעך האָט זיך אָנגעהויבן גיסן אויפֿן יידישן טעאַטער. די דירעקטאָרן זיינען רייך געוואָרן, די אַקטיאָרן זיינען געוואָרן זאַט און טעמפּ. איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואו נאָר אַ יידישע טרופּע האָט קוים געזשיפּעט, איז געקומען די דאָזיקע מגושמ־דיקע אָפּערעטע אַלס דערלייזערין. אַ יאָר נאָכאַנאַנד איז אין די צענד־ליגגער טעאַטערס אין רוסלאַנד און אין פּוילן קיין אַנדער שטיק ניט אויפֿגעפֿירט געוואָרן.

אין „עליזעאום־טעאַטער" איז „דאָס פּינטעלע ייד" געגאַנגען 200 מאָל. אַ צווייטער טעאַטער האָט אָנגעהויבן שפּילן די זעלבע אָפּערעטע און ער איז אויך געווען געפּאַקט קרוב אַ יאָר. קיין מאָל האָט דער יידישער טעאַטער ניט געהאַט אַזאַ זאַטע צייט. מען האָט פֿאַרגעסן פּשוט, אַז עס זיינען דאָ אַנדערע פּיעסן, מען האָט פֿאַרגעסן אַרבעטן אויף ראָלן, אַלע האָבן געשפּילט אין „פּינטעלע ייד", באַקומען גוט און פּינקטלעך באַצאָלט. איז מען אַרומגעגאַנגען ליידיק, געשפּילט אין קאָרטן, געגעסן און געטרונקען אין שענקלעך און די דעמאָראַליזאַציע האָט ממש צע־ווערעמט דאָס גאַנצע טעאַטער־וועלטל.

אונדז אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ ביטערער יאוש — כּלו כּל הקיצין . . .

אַ שטיקל האָפֿענונג איז געווען אויף אַ נייעם טעאַטער, וואָס האָט געהאַלטן ביים עפֿענען זיך; קאַמינסקי האָט אויפֿגעבויט אַ נייעם טע־אַטער און מען האָט גערעכנט, אַז דאָס ווערט געבויט אַ היים פֿאַר אסתּר־רחלען און פֿון דער אַמאָליקער „ליטעראַרישער טרופּע". אָבער די ביי־טערע אַנטוישונג איז באַלד געקומען. געעפֿנט האָט זיך דער טעאַטער מיט „מירעלע אפֿרת", אַ שטיק, וואָס איטלעכס זויגקינד אין וואַרשע האָט עס שוין געזען. א. קאַמינסקי האָט באַלד געהאַט דעם אויסרייד, אַז „ליטעראַטור" נעמט ניט דעם עולם, און ער האָט אָנגעהויבן אויפֿפֿירן אָפּערעטן. אַחוץ אַמעריקאַנער אָפּערעטן האָט ער זיך אַליין גענומען צו שטשאָבען שוידערלעכע היסטאָרישע אָפּערעטן. אַזאַ איז געווען די אָפּע־רעטע (?) „רב עקיבא מיט זיינע 24 טויזנט תּלמידים". דער טשוואַק פֿון

דער אָפּערעטע איז געווען אַ משונהדיקער העלפֿאַנד, אויף וועלכן רבי עקיבא פֿאַרט אַריין אין ירושלים אונטער דער מוזיק פֿון אַ פֿריילעכן וואַלס. אַלע אָפּערעטן זיינען דורכגעפֿאַלן אין דעם דאָזיקן טעאַטער. פֿלעגט מען צווישן איין דורכפֿאַל און דעם אַנדערן אַרויסלאָזן אסתּר־רחל קאַמינסקין מיט אַ ליטעראַריש שטיק. אַזוי איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף איין פֿוס זודערמאַנס „היימאַט״ מיט אסתּר־רחלען אין דער הויפּט־ראָלע; אַזוי איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן „איזראַעל״ פֿון אַנרי בערנשטיין און אַנדערע. דער טעאַטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, פּאַסט לחלוטין ניט, צוליב זיין שלעכטער אַקוסטיק, פֿאַר דראַמען, און מען האָט זיך געמוזט האַלטן ביי דער אָפּערעטע.

אַ שלעכטער דירעקטאָר, אַ שוואַכער אַקטיאָר, אַ זייער אומבאַהאָל־פֿענער אָפּערעטן־שרייבער, האָט א. קאַמינסקי געמאַכט פֿון זיין טעאַטער פּשוט אַ נעסט פֿון שונד. „דאָס פּינטעלע ייד״ איז געווען אַ קונסטווערק אין פֿאַרגלייך מיט די אָפּערעטן, וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט.

אַזוי־אַרום איז דער חושך אין דעם יידישן טעאַטער געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער.

אונדזער קעמפֿנדיקע גרופּע איז צעפֿאַלן. י. ל. פּרץ איז געוואָרן אַפּהענטיק; ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן צופֿיל אַנטוישונגען. נאָמבערג האָט קיינמאָל ניט גענומען נאָענט צום האַרצן די לאַגע פֿון דעם יידישן טעאַטער. אַגב האָט ער דאַן אַנטדעקט דעם וועלאָסיפּעד, אָדער דעם ביליאַרד, איז ער געווען אין גאַנצן פֿאַרכאַפּט פֿון אים. נאָמבערג פֿלעגט אָפֿט האָבן אַזעלכע ספּאָרטישע אַנפֿאַלן. געווען אַן עפּאָכע פֿון וועלאָסיפּעד, אַן עפּאָכע פֿון ביליאַרד און פֿון טאַנץ. און אין אַזאַ עפּאָכע איז ער געווען פּשוט טויב פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. י. דינעזאָן איז געווען פּרצעס שאָטן; ער האָט קיין אייגענע שטעלונג און קיין אייגענע ענערגיע ניט געהאַט. ער האָט געלעבט מיטן זכות פֿון פּרצן. אַגב איז קיין מאָל ניט געווען קיין אידיליש אייגשטימיקייט אין דעם „קרייז״ בנוגע וויכטיקע טעאַטער־פּראָבלעמען. י. ל. פּרץ איז סוף־כּל־סוף געווען ניט מער ווי אַ פֿיינער דילעטאַנט אין דער טעאַטער־קונסט. פֿאַר אים איז טעאַטער געווען בלויז די דראַמע. ער האָט געוואָלט אַ בעסערן שוישפּי־לער, וואָס זאָל פֿאַרשטיין די בעסערע דראַמע. ווייטער זיינען זיינע טע־

אַטראַלע השגות ניט געגאַנגען. אמת, ער איז געווען דער ערשטער קעגנער פון נאַטוראַליזם אויף דער יידישער בינע. מיט יאָרן צוריק איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם האַמעטנעם נאַטוראַליזם. אָבער טענות האָט ער געהאַט צו דער נאַטוראַליסטישער דראַמע און ניט צום נאַטוראַליסטישן שפּילן. אָפּט פּלעגט אים דאָס נאַטוראַליסטישע שפּילן געפעלן, אין דער צייט וואָס אויפן נאַטוראַליסטישן שטיק האָט ער געקריצט מיט די ציין.

סוף־כל־סוף האָט פּרץ געוואָלט זען זיך, ד"ה זיין ראָמאַנטישן שריפטשטעלערישן „איך", אויף דער סצענע. זיין „גאָלדענע קייט" איז געווען פאַר אים ניט סתם אַ דראַמע, נאָר אַ טעאַטער־פּראָגראַם, אַ טעאַטער־ריכטונג.

בכלל איז פּרץ געווען שוין אַביסל צו פיל „פּילזייטיק". ער האָט זיך ניט געקאָנט קאָנצענטרירן אויף איין פראַגע און דורכנעמען זי ווי געהעריק, אוועקזעצן זיך און שטודירן זי. זייער פּעאיק, און בכלל מיט אַ געוואַלדיקער תפיסה, פּלעגט ער אויפנעמען אַ פּראָבלעם שנעל און איז געווען פאַרטיק דערמיט. אין די סאַמע לעצטע יאָרן האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, באַמערקט דעם דאָזיקן חסרון זיינעם און ער האָט אים געוואָלט גובר זיין. בשעת ער האָט זיך גענומען פאַר די איבער־זעצונגען פון תנ"ך, האָט ער ערנסט גענומען לערנען דעם געגנשטאַנד, אָבער זיין אָנשטרענגונג האָט קיין מאָל ניט לאַנג געדויערט.

אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט, האָט ער ניט געקאָנט זיין דער רואיקער זוכער און דער טיפער אַריינדרינגער אין די פראַגן און פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַראינטערעסירט.

אין די טעאַטער־פּראָבלעמען זיינען כסדר געווען חלוקי־דעות צווישן מיר און אים, אָפּט אַזעלכע חלוקי־דעות, וועלכע פּלעגן אָפּקילן אונדזערע פריינדלעכע באַציאונגען אויף אַ קורצער צייט. י. דינעזאָן, וועלכער פּלעגט אויפנעמען אַלץ, וואָס פּרץ זאָגט, ווי נביאות, פּלעגט מיט זיין אַריינמישן זיך אָפּט פאַרשאַרפן די חלוקי־דעות.

א. ווייטער האָט געהאַט גאָר ניט דער ערך קלערערע און פעס־טערע באַגריפן וועגן טעאַטער. א. ווייטער איז אָבער געווען אַ בעל־תשובה, ער איז געוואָרן אַביסל מיסטיש געשטימט. אַפילו פּשוט אַביסל

רעליגיעז. נאָך זיין רעוואָלוציאָנערן אויפּברויז און נאָך זיין ראַדיקאַלן אויפשטורעם איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ תשובה־שטימונג. ער איז בכלל געווען בלויז אויסערלעך אַ רואיקער, אָן איינגעהאַלטענער און אַ מענטש מיט גרויס גלייכגעוויכט. אינערלעך אָבער איז ער געווען אַ מענטש פון שאַרפע עקסטרעמען. פון דעם עקסטרעמסטן בונדיסטישן ראַדיקאַ־ליזם האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום עקסטרעמסטן קאָנסערוואַטיזם, אַזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז דאָ איין וועג: צוריק צום בית־המדרש. ער האָט טיף געגלייבט, אַז ניט בלויז ער האָט זיך אַרומ־געזען, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק האָט זיך אַרומגעזען און גייט טאַקע צוריק צום בית־המדרש. ער האָט אויפגעזוכט אַזעלכע בעלי־תשובות ווי ער, און דאָס האָט געשטאַרקט זיין גלויבן.

ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג, פלעגט באַזוכן בתי־מדרשים און „צוקוקן זיך״ וואָס יידן טוען; און נאָך אַזעלכע עקסקור־סיעס פלעגט ער קומען אַ זיכערער און אַ פעסטערער:

— יידן דאַוונען, יידן לערנען, יידן לאָזן זיך ניט אַרויסשטעלן פון זייערע פעסטע פאָזיציעס. — אָפט פלעגט ער מאַכן זייער טשיקאַווע אַנטדעקונגען.

ער איז אַמאָל געקומען צו מיר און האָט מיר דערציילט אַזאַ מעשה: אַ יידישער בחור, אַ קינד פון אַסימילירטע עלטערן, וואָס האָט גאָר ניט געוואוסט פון יידישקייט, איז איין מאָל געקומען אַהיים, האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער פון אַ גימנאַזיסט און האָט אָנגעטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ קליין היטל און האָט דערקלערט, אַז אויב ער איז אַ ייד, מוז ער זיין אין אַלץ אַ ייד.

די עלטערן האָבן לכתחילה געמיינט, אַז זייער קינד איז אַראָפּ פון זינען. זיי האָבן אים אָנגעהויבן פירן צו דאָקטוירים, צו פּראָפעסאָרן, אָבער זיי האָבן אים געפונען געזונט און נאָרמאַל. הכלל, דער דאָזיקער יונגער בחורל האָט אָנגעהויבן גיין אין בית־המדרש, זיך אויסגעלערנט דאַוונען און מיט חשק זיך גענומען לערנען גמרא. א. ווייטער האָט דערטאַפּט דעם דאָזיקן בחורל און אַ וואַרעמע פריינדשאַפט האָט זיך איינגעשטעלט צווישן זיי. ער האָט זיך זאָגאָר באַקענט מיט די עלטערן

פֿון דעם בחורל, האָט זיי געטרייסט און געזוכט צו באַווייזן זיי, אַז זייער קינד גייט אויפֿן גלייכסטן וועג.

אַ וואונדער איז מיר בלויז געווען, ווי אַזוי פּישט עס אויס א. ווייטער אַזעלכע זעלטענע פֿאַלן אין דער פֿאַר אים פֿרעמדער וואַרשע, וואו נאָר אַ בעל־תשובה, ווייס שוין ווייטער פֿון אים.

א. ווייטער האָט געוואָלט, אַז דער טעאַטער זאָל זיין אַ בעל־תשובה, פֿאַרשטייט זיך — ניט אין דעם פּשוטן זין פֿון וואָרט. טעאַטער דאַרף גלאָריפֿיצירן דאָס אַלטע, שיינע און טיפֿע יידישקייט. טעאַטער דאַרף קעמפֿן פֿאַר דעם ביסל יידישן אייגנס.

מיט א. ווייטערן איז ניט געווען שייך צו האָבן שאַרפֿע חלוקי־דעות. ער האָט געזאָגט קורץ, איינגעהאַלטן, וואָס ער מיינט, און ער האָט זיך ניט אַריינגעלאָזט אין ווייטע וויכּוחים.

אַגב פֿלעגט א. ווייטער, ווי זיין שטייגער, אָפֿט נעלם ווערן פֿון וואַרשע. אַחוץ דעם, וואָס ער אַליין האָט געזוכט התבודדות, האָט ער ניט געטאָרט איינזעצן זיך אויף איין אָרט. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ שווער פּעקל פּאָליטישע חטאים פֿון דער רעוואָלוציע פֿון 1905. ער האָט געלעבט אויף אַ פֿרעמדן פּאַספּאָרט, ער איז געווען גאָר הורוויץ און האָט ניט געטאָרט וואַרפֿן זיך דער פּאָליציי אין די אויגן, וועלכע האָט אים געזוכט ווי מיט ליכט.

אַזוי איז פֿון אונדזער שטעטל געבליבן אַ דערפֿל, ד"ה איך בין געבליבן איינער אַליין אויפֿן פֿעלד. טעאַטער־קריטיק האָב איך געשריבן זעלטן, ווייל קיין נייע אויפֿפֿירונגען זיינען פּשוט ניט געווען.

פֿאַר דער צייט זיינען פֿאַרגעקומען גאַנצע איבערקערענישן אין דער פּרעסע. ספּעקטאָרס „די נייע וועלט" האָט זיך פֿאַרמאַכט, „אונזער לעבען" איז אויך געשטאָרבן, אָנשטאָט די דאָזיקע צוויי צייטונגען איז אויפֿגעקומען דער „מאָמענט" מיט צבי פּרילוצקין אַלס רעדאַקטאָר. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעניש צווישן „היינט" און „מאָמענט". די דאָזיקע רייסערייי האָט פֿאַרשלונגען ביידע צייטונגען. אַגב האָט מען אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט שונד־ראָמאַנען און די פּרעסע איז טיילוויז געוואָרן ענלעך אויפֿן טעאַטער.

נח פרילוצקי פלעגט נאָך, פון צייט צו צייט, אַרויס מיט אַ טעאַטער־אַרטיקל אין „מאָמענט". אין „היינט" איז טעאַטער־קריטיק אין גאַנצן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

די רייסערייען צווישן די צייטונגען האָבן געהאַט אַ גרויסע פעולה אויפן טעאַטער: קאָנקורירנדיקע טעאַטער־דירעקטאָרן האָבן אָנגעהויבן רייסן זיך אין די טעאַטער־אַנאָנסן, ריכטיק ווי די צייטונגען אין זייערע אַרטיקלען.

די שטימונג איז בכלל געווען דערצו זייער אַ געדריקטע. די פּויִלישע באַיקאָט־באַוועגונג קעגן יידן איז געוואָרן אַלץ ביוזער און אָרגאַניזירטער. זי האָט דערגרייכט איר שטאַרקסטן היך־פּונקט ביי די וואַלן פון דער דומע, ווען יידן האָבן מיט זייערע שטימען געשיקט דעם סאָציאַליסט יאַגעללאָ אין דומע אַריין.

אין דער דאָזיקער גרויער צייט באַווייזט זיך א. ווייטער פלוצלינג, ווי זיין שטייגער, אין וואַרשע. ער איז שוויגנדיק, פאַרטראַכט און מען זעט, אַז ער איז אָנגעלאָדן עפּעס מיט אַ פּלאַן און מיט ענערגיע דורכצופירן אים. עטלעכע טעג האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט, זיך צוגעהערט, צוגעקוקט און איין מאָל, אין אַ גאַנץ פינצטערן אָוונט, איז ער געקומען צו מיר און האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין פּלאַן:

מען מוז אָרגאַניזירן אַ טעאַטער־געזעלשאַפט; מען מוז אויפבויען אַ טעאַטער, וואָס זאָל שטיין אונטער דער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט; ער זאָל ניט זיין קאָמערציעל, קיינער זאָל פון אים קיין פּראָפיטן ניט נעמען; ער זאָל בלויז צאָלן באַשיידן די שוישפּילער, דעם רעזשיסער, דירה־געלט און אַנדערע הוצאות.

עס איז קלאָר, אַז דער איצטיקער טעאַטער לעבט אָפּ זיינע לעצטע טעג און מען דאַרף זיין גרייט צו בויען אויף זיינע חורבות אַ קהלשן ידישן טעאַטער.

א. ווייטער האָט געהאַט אַ גענוי אויסגעאַרבעטן פּלאַן, אַלץ איז געווען אויסגערעכנט, אַלץ איז געווען „פאָראויסגעזען".

וועגן דער „טעאַטער־געזעלשאַפט" איז פיל געשריבן געוואָרן און מייסטנס פאַלש, פאַרגרייזט און ניט מיט דער ריכטיקער באַקאַנטשאַפט פון די פאַקטן. איך האָב ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרריכטן די

גרייזן, אָפּצולייקענען די פֿאַלשקייטן און פֿעסטצושטעלן די אמתע פֿאַקטן. איך האָב געהאַט ביי זיך דעם גאַנצן מאַטעריאַל און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פֿאַרעפֿנטלעכן אים.

די גאַנצע טעאַטער־געזעלשאַפֿט איז געווען א. ווייטער און איך. איך בין געווען דער שטילער סעקרעטאַר און א. ווייטער דער איינציקער פּראַקטישער טוער. די אַלע אַנדערע נעמען, וועלכע זיינען דערמאָנט געוואָרן אין פֿאַרבינדונג מיט דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט, זיינען געווען בלויז נעמען און ניט מער.

איך וועל דערציילן די קורצע און זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט, און די גרייזן, טעותן און פֿאַלשקייטן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט ביי די פֿאַרשיידענע „פֿאָרשער", וועלן ממילא אָוועקפֿאַלן.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָבן מיר, א. ווייטער און איך, געאַרבעט אויף, אַזוי צו זאָגן, אַ באַריכט פֿאַר אַ געוויסער צאָל מענטשן, וועלכע מיר האָבן געהאַט בדעה צונויפֿצורופֿן און פֿאַרלייגן זיי דעם פּלאַן. דער באַריכט האָט באַדאַרפֿט געבן אַ בילד פֿון דעם צושטאַנד פֿון דעם יידישן טעאַטער און אין אַלגעמיינע שטריכן אָנווייזן, וואָס עס איז צו טאָן.

מיר זיינען אַרויס פֿון פֿאָלגנדיקע צוויי הנחות: דער אַלטער יידישער טעאַטער צעפֿאַלט; ער איז אַריין אין דעם פּעריאָד פֿון פּשוטער גסיסה; דאָ האָבן מיר געגעבן גענויע ידיעות וועגן דעם רעפּערטואַר, וואָס ווערט געשפּילט אין אַלע יידישע טעאַטערס אין פּוילן און אין רוסלאַנד; כמעט אומעטום זיינען געשפּילט געוואָרן „דאָס פּינטעלע ייד", „די נשמה פֿון מיין פֿאָלק", „די יידישע נשמה" און נאָך אַנדערע שונדערדיקע אָפּערעטן. די אַלטע אַקטיאָרן זיינען אַזוי פֿאַרזונקען אין שונד, אַז זיי זיינען שוין געוואָרן עלנטע פּאַיאַצן. אַזוי־אַרום איז כמעט קיין טעאַטער נישטאָ.

די צווייטע הנחה איז געווען די פֿאָלגנדיקע: אין דער זעלבער צייט פֿילט זיך צווישן די יידישע מאַסן אַ געוואַלדיקער אינטערעס צום טעאַטער. עס איז ממש נישטאָ קיין יידישער ישוב, אין וועלכן עס זאָל ניט זיין קיין דראַמאַטישער קרייז, וואָס זאָל זיך ניט אָנשטרענגען אויפֿצופֿירן אַ בעסערע דראַמע אָדער קאָמעדיע. כמעט אַלע נייע דראַמען,

וועלכע זיינען דאָן דערשינען, זיינען אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון די דאָזיקע דראַמאַטישע קרייזן.

עס באַווייזן זיך נייע אינטעליגענטערע שוישפּילער. זייער צאָל איז שוין גענוג צוזאַמענצושטעלן אַ גאַנץ גרויסע טרופּע פֿון זיי. אַט די מחנה פֿון יונגע שוישפּילער זיינען אין געפֿאַר אַריינגעצויגן צו ווערן אין דעם שונד־טעאַטער און אַזוי־אַרום וועלן מיר פֿאַרלירן דעם נייעם דור פֿון שוישפּילער.

אין דעם קליינעם „אַרכיוו״ פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט האָב איך אָפּגעזוכט אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זיינען פֿאַרשריבן מיט א. ווייטערס האַנטשריפֿט די נעמען פֿון די נייע שוישפּילער, פֿון וועלכע עס דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערן די קינפֿטיקע טרופּע, און דאָס זיינען די נעמען: י. בן־עמי, ל. פֿריד, ש. קוטנער, זשעליאַזאַ (איינער פֿון אַלטן טעאַטער), טייטעלבוים, מאַרק שוויד, לאַנדוי (אויך פֿון אַלטן טעאַטער); פֿרויען: נעמי, אַרלאַווסקאַיאַ, קראַטקאַ, עדעלמאַן (פֿון אַלטן טעאַטער) און אונטער אַ פֿראַגע־צייכן מאַדאַם טרילינג, וועלכע האָט געהאַט אַ פֿיינערן טאָן אין שפּילן מיטליעריקע פֿרויען־ראָלן.

אויף נאָך אַ שטיקל פּאַפּיר איז פֿאַרצייכנט דער קינפֿטיקער רעפּערטואַר. דאָ גייט אַ לאַנגער צעטל פֿון פּיעסן, דערהויפּט יידישע און אַ קליינער טייל פֿרעמדע.

מיר האָבן זיך, הייסט עס, געגרייט טיכטיק, אַלץ פֿאַראויסגעזען, דערהויפּט מען זאָל אונדז ניט שטעלן די אַלטע פֿראַגע — וואָס איז דאָ צו שפּילן? און די פֿינצטערע פֿראַגע — ווער זיינען די אַקטיאָרן פֿאַרן נייעם טעאַטער?

ווען מיר זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער טעאָרעטישער זייט, זיינען מיר צוגעגאַנגען צו דער ריין פּראַקטישער: מי ומי ההולכים? ווער זיינען די מענטשן, וואָס מען קאָן זיי צוציען צו דער אַרבעט פֿאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט? דאָ האָבן מיר זיך דערפֿילט גאַר עלנט און אומבאַהאָלפֿן. פֿון דער ליטעראַרישער משפּחה איז קיין איינער ניט געווען, אויף וועלכן מען זאָל קאָנען בויען.

וועגן י. ל. פּרצן איז א. ווייטער געווען אין גאַנצן קעגן, אַז מען זאָל אים צו פֿיל מטריח זיין. א. ווייטער האָט געהאַט ממש אַ מיסטישע

פֿאַרערונג צו פּרצן; ער האָט כּסדר געטענהט, אַז יעדע שורה, וואָס פּ״ץ שרייבט אָן, איז מער ווערט פֿאַר זיין גרעסטן געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿטו. קאָן מען זיך בלויז באַנוצן מיט פּרצעס נאָמען, כּדי צו געבן דעם ענין אויטאָריטעט.

איך בין אויך ניט געווען שטאַרק פֿאַר דעם, אַז מען זאָל פּרצן איינשפּאַנען אין דער פּראַקטישער אַרבעט, אָבער צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון. פּרץ איז צו קאַפּריזנע. מיט אַ העלפֿט פֿון די מענטשן, אויף וועלכע מיר רעכענען, איז ער צעברוגזט. פּרץ האָט געהאַט אַזעלכע קרבנות אַ פֿאַר טוץ. ביי יעדן צוזאַמענקום פֿלעגט ער די דאָזיקע מענטשן שטעכן, אויסלאַכן און זיי מבטל זיין.

וועגן נאָמבערגן, אַשן, רייזענען האָט אויך קיין רייד ניט געקאָנט זיין איינצושפּאַנען זיי אין דער אַרבעט.

אָבער סוף־כּל־סוף זיינען מיר געקומען צו פּרצן מיט אונדזער פּלאַן; ער איז פֿאַרט געווען די איינציקע פּערזענלעכקייט אין אונדזער וועלטל און פֿאַרבייגיין אים איז פּשוט געווען אוממעגלעך. און אַגב טאַקע האָט ער געהאַט דעם וואונדערלעכן כּוח אָנצושטעקן מיט באַגייסטערונג, אויפֿצומונטערן און, דער עיקר, צו געבן אַ ריכטיקע עצה. ער איז צייטנווייז געווען זייער קלוג און זייער וויטזעוודיק.

י. ל. פּרצן, פֿאַרשטייט זיך, איז דער פּלאַן געפֿעלן געוואָרן.

מיט זיין הילף האָט דער פּלאַן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די טעאַטער־געזעלשאַפֿט באַקומען אַ קלאָרע פֿאָרם. מיט דעם האָט זיך געענדיקט פּרצעס טעטיקייט פֿאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט.

עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז ס׳ווערט געגרינדעט אַ טעאַטער־געזעלשאַפֿט לויט די רוסישע האַנדלס־געזעצן. אַ קאָמאַנדיט־געזעל־שאַפֿט אויף אַקציעס. די געזעלשאַפֿט באַשטייט פֿון לויטער אַקציאָנערן. יעדער מיטגליד מוז זיין אַן אַקציאָנער. אַן אַקציע קאָסט 10 רובל. די געזעלשאַפֿט האָט צוויי פֿאַרוואַלטונגען: איינע, וואָס פֿירט אָן די געלט־אַקציע און איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן קאַפּיטאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט, און די צווייטע פֿאַרוואַלטונג, וואָס פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט אָרגאַניזירן דעם טעאַטער.

צו דער ערשטער פֿאַרוואַלטונג האָבן מיר באַשטימט צוצוציען יידי־שע קאַפּיטאַליסטן, זיי זאָלן זיין די גרינדער פֿון דער געזעלשאַפֿט, זיי זאָלן האָבן צו זאָגן איבער דער מאַטעריעלער זייט פֿון דער אונטער־נעמונג. מיר האָבן באַשטימט צוצוציען אַזעלכע יידישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע זיינען אויך פּאָפּולער ווי געזעלשאַפֿטלעכע טוער.

די צווייטע פֿאַרוואַלטונג, וועלכע מיר האָבן צווישן זיך גערופֿן „דער קינסטלערישער ראַט״, דאַרף באַשטיין אויסשליסלעך פֿון ליי־טעראַטן.

י. ל. פּרץ, מיט זיין האַסטיקייט און אימפּעט, האָט גלייך גענומען אויף זיך צו זען זיך מיט אַן אַדוואָקאַט, וועלכן ער קען און וועלכער וועט אויסאַרבעטן פֿאַרמעל דעם סטאַטוט פֿון דער געזעלשאַפֿט.

א. ווייטער איז געוואָרן אַביסל אומרואיק. עס איז געווען קעגן זיין פֿעסטער באַשטימונג אַריינצוציען פּרצן אין דער פּראַקטישער אַרבעט. רואיק, פֿאַרזיכטיק און מיט גרויס יראת־הכבוד האָט ער אָנגעהויבן באַווייזן פּרצן, אַז ער דאַרף זיך ניט אָפּגעבן צו פֿיל מיט דער דאָזיקער אַרבעט. מיר, ער און איך, וועלן שוין טאָן די פּראַקטישע אַרבעט.

איך וועל קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, ווי פּרץ איז געווען גערירט פֿון ווייטערס פֿאַרגעטערונג. זיינע אויגן זיינען פֿייכט געוואָרן. ער האָט גע־נומען ווייטערס האַנט, אַריינגעקוקט אין ווייטערס אויגן און געזאָגט בלויז:

— גוט.

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. צו אונדזער איבערראַשונג האָט אונדזער פּלאַן געפֿונען דעם וואַרעמסטן אויפֿנעם סיי אין די באַלעבאַטישע קרייזן און סיי אין די ליטעראַרישע. „דאָס פֿינטעלע ייד״, וואָס האָט פֿאַרכאַפּט דעם גאַנצן יידישן טעאַטער, האָט אַפֿנים אַלעמען דערשראָקן.

באַלד האָבן איינגעשטימט צו ווערן דער גרינדער פֿון דער גע־זעלשאַפֿט דער ציוניסטישער עסקן און אָנגעזעענער וואַרשעווער באַ־לעבאָס אברהם פּאָדלישעווסקי, משה פֿעלדשטיין (דירעקטאָר פֿון דער קאָלאָניאַל־באַנק), ד״ר נח דאַווידזאָן, איינער פֿון די פֿיינסטע יידיש־פּוילישע אינטעליגענטן און דערצו נאָך דער זון פֿון דעם דאָזיקן לייבוש

דאַווידזאָן, און ד״ר גרשון לעווין, אַן איבערגעגעבענער טוער אין „הזמיר״, אַ פּאָפּולערער אַרצט און אויך אַ פּאָפּולערער שריפטשטעלער.

פון די ליטעראַטן האָבן זיך באַלד אָפּגערופן און איינגעשטימט אַריינצוגיין אין דער קינסטלערישער פאַרוואַלטונג, פאַרשטייט זיך, י. ל. פרץ, דערנאָך שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, י. דינעזאָן, מרדכי ספּעקטאָר, ש. ראָזענפעלד, א. ווייטער און איך.

י. ל. פרץ האָט זיך אַליין אָנגעשלאָגן צו גיין מיט אונדז צו אַ זיצונג ביי פאָדלישעווסקין. אויף דער זיצונג האָבן מיר שוין געהאַט פאַרטיק דעם סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט. אויף דער זיצונג איז באַשטימט געוואָרן, אַז דריי מענטשן, פאָדלישעווסקי, פעלדשטיין און ד״ר גרשון לעווין, גייען צום נאָטאַריוס און שרייבן זיך אונטער אַלס די גרינדער פון דער געזעלשאַפט.

באַלד נאָך דער דאָזיקער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג אין הויז פון ד״ר נח דאַווידזאָן, אויף וועלכער עס זיינען געקומען די אויבנדערמאָנטע ליטעראַטן. אויף דער זיצונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „קינסטלערישער ראַט״. אַ קליינער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון אַלע אָנוועזנדיקע. דער דאָקומענט, געשריבן מיט א. ווייטערס האַנט, באַשטייט בלויז פון די פאָלגנדיקע שורות — און היינו:

די אַלע אונטערגעשריבענע בילדן דעם קינסטלערישן ראַט פון דער טעאַטער־געזעלשאַפט, וואָס דאַרף אָנפירן מיטן טעאַטער, וואָס די טעאַטער־געזעלשאַפט וועט אָרגאַניזירן. דער קינסטלערישער ראַט טיילט אויס פון זיך אַ קאָמיטעט פון דריי מענטשן, וועלכן ער גיט איבער די אָנפירונג פונעם טעאַטער. דעריבער ווערט פאַרשטאַנען, אַז קיין איינער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט פאַרנעמט ניט קיין באַצאָלטן אַמט אין דער טעאַטער־פירונג. דער קאָמיטעט באַשטימט דעם רעפּערטואַר, אַנגאַזשירט די אַקטיאָרן און שטעלט אָן אַ רעזשיסער, וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן די גאַנצע פּראַקטישע קינסטלערישע לייטונג.

אונטערגעשריבן:

י. ל. פרץ, שלום אַש, א. רייזען, ה. ד. נאָמבערג, י. דינעזאָן, ש. ראָזענפעלד, א. ווייטער, ד״ר א. מוקדוני, ד״ר גרשון לעווין, ד״ר נח דאַווידזאָן און מרדכי ספּעקטאָר.

א. ווייטער האָט צוזאַמענגעלייגט דעם פּשוטן בויגן פּאַפּיר, דעם דאָקומענט, האָט אים איבערגעגעבן מיר, און דאָס האָט געהייסן, אַז איך ווער, אַזוי צו זאָגן, דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פֿונעם קינסטלער־רישן ראַט, ווי עס ווייזט אויס, מיט דער פֿאָראויס־באַשטימטער הסכּמה פֿון אַלע אַנוועזנדיקע.

שטיל, זאַכלעך, אָן לאַנגע דיסקוסיעס, ערנסט און פֿייערלעך, איז אַדורך די דאָזיקע זיצונג. מיר זיינען זיך צעגאַנגען שפּעט. א. ווייטער איז געגאַנגען צו מיר נעכטיקן. געקומען אין מיין וואוינונג, זאָגט מיר א. ווייטער: איצט דאַרפֿן מיר זיך ערשט דורכרעדן, — און ער הייבט אָן אַזוי, איך געדענק איטלעכס וואָרט:

די גאַנצע אונטערנעמונג דאַרף האָבן צוויי שמשים, צוויי מענטשן, וואָס זאָלן טאָן די שוואַרצע אַרבעט, די אַרבעט פֿון פֿאַרקויפֿן אַקציעס, דאָ אין וואַרשע און איבער גאַנץ רוסלאַנד; די אַרבעט צו פֿירן די קאָרעספּאָנדענץ, צו אָרגאַניזירן פֿאַרזאַמלונגען און צו פּראָפּאַגאַנדירן. איך נעם אויף מיר צו זיין דער משולח פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט. איך לאָז זיך אַוועק איבער דער מדינה; איך וועל פֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט, צונויפֿרופֿן קליינע פֿאַרזאַמלונגען, גרינדן קאָמיטעטן, וועלכע וועלן פֿאַרקויפֿן די אַקציעס, ביז עס וועט ווערן די סומע פֿון 20 טויזנט רובל (אַזוי איז באַשטימט געוואָרן) און מען וועט קאָנען צוגיין צו דער קינסטלערישער אַרבעט. איר פֿון אייער זייט מוזט ווערן דער־צווייטער שמש דאָ אויפֿן אָרט. מיר ביידע וועלן פֿירן די זאַך. דערביי דאַרפֿן מיר זיך געבן דאָס וואָרט, אַז קיין פּרוטה פֿאַר אונדזער טרחה נעמען מיר ניט. איך וועל אַפֿילו אויף רייזע־הוצאות ניט נעמען. איך וועל שוין, ווי עס איז, פֿאַרדינען אויף מיין ברויט און אויף רייזע־הוצאות. זענט איר מסכּים? איר מוזט מסכּים זיין, אויב ניט, איז דער גאַנצער ענין אַ זייפֿנבלעזל.

אָפּגעמאַכט: מיר זיינען ביידע די שמשים. ביי יידן זיינען עס אַלע מאָל געווען די, אויף וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די פּראַקטישע יידישקייט.

ניט דערציילן קיינעם, דערהויפּט פּרצן, אַז איך לאָז זיך אַוועק איבער דער מדינה אויף אייגענע הוצאות; ניט דערציילן פּרצן, אַז איר

נעמט אויף זיך די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט דאָ אויפן אָרט און אויך אויף אייערע הוצאות. קיין פּרוטה פון דעם געזאַמלטן געלט טאָר ניט אויסגעגעבן ווערן אויף הוצאות, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן מיטן טע־אַטער גופא.

איך האָב זיך געוועדט, איבערהויפּט קעגן זיין באַשטימונג צו לאָזן זיך איבער דער וועלט אויף אייגענע הוצאות, וועלכע ער האָט ניט. א. ווייטער האָט געשוויגן און צום סוף האָט ער קורץ געזאָגט: „רעדט ניט, דאָס איז מיין איינציק שטיקל האָפענונג צו בויען עפּעס פאַר די יאָרן, וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט צעשטערונג".

איך בין די נאַכט ניט געשלאָפן און געפילט, אַז א. ווייטער שלאָפט אויך ניט.

אין דער פרי האָט זיך א. ווייטער אויפגעהויבן ווי איינער, וואָס גייט צו דער ריכטיקער מינוט צו זיין אַרבעט און האָט רואיק געזאָגט: „איך גיי צו דער אַרבעט". ניין אַזייגער אין דער פרי דאַרף איך זיין ביים נאָטאַריוס; צען אַזייגער דאַרף איך האָבן די דריי יידן ביים נאָ־טאַריוס אין צימער אונטערצושרייבן דעם סטאַטוט.

און מיט די דאָזיקע ווערטער איז ער אַוועק.

פיר אַזייגער בייטאָג איז ער געקומען אַ גליקלעכער: אונטער־געשריבן! איינער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער דאַרף זיין ביים נאָטאַריוס; דער צווייטער איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מען האָט גאָר ניט געקאָנט צוקומען צו אים, און דער דריטער בלויז, ד"ר גרשון לעווין, איז גע־קומען אָן אַ שמש.

איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ווייטער איז געווען דריי מאָל ביי פעלדשטיינען און האָט אים ניט געקאָנט אויפזוכן. ער האָט קוים גע־קראָגן פאָדלישעווסקין און פאָדלישעווסקי האָט גענומען אויף זיך צו רופן פעלדשטיינען.

אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהייב. די צענדליגער רוסישע פאָרמאַליטעטן האָבן געדאַרפט כסדר אונטערשרייבן, כסדר נאָטאַרישע באַשטעטיקונגען.

א. ווייטער איז געגאַנגען טעג גאַנצע פון נאָטאַריוס צו די גרינדער און פון די גרינדער צום נאָטאַריוס. עפּעס מיט דער עקשנות פון איינעם,

וואָס נעמט אויף זיך אַן אָפּקומעניש פֿאַר זינד, האָט ער זיך דערנידע־ריקט, געגאַנגען צוויי מאָל, דריי מאָל, ווען מען האָט עס געקאָנט מאַכן מיט איין גאַנג.

איך האָב אים איין מאָל אויסגערעדט, האָט ער געענטפֿערט גאַנץ קורץ:

— אָפּגעמאַכט, מיר זיינען שמשים.

איך געדענק אַ רעגנדיקן אָוונט, פֿינצטער און נאַס איז געווען. די לעצטע פֿאַרמאַליטעט האָט באַדאַרפֿט דורכגעפֿירט ווערן. פֿאָדלישעווסקי און גרשון לעווין האָבן עס שוין דורכגעמאַכט. עס איז געבליבן בלויז, אַז משה פֿעלדשטיין זאָל זי דורכמאַכן. ווייטער האָט גענומען דאָס פּעקל פּאַפּירן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו פֿעלדשטיינס הויז. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער געקומען צו מיר אַ גליקלעכער:

— אַלץ איז פֿאַרטיק.

ער האָט געבלעטערט פֿאַרטראַכט די פּאַפּירן און פּלוצלינג, ווי זיין שטייגער איז געווען, זאָגט ער צו מיר: עס האָט געקאָנט אַרויסקומען אַ שטיקל אומאָנגענעמלעכקייט ביי דעם דאָזיקן פֿעלדשטיין; איך האָב שיר ניט באַקומען אַ האַלב קערבל אַלס אַ שיק־ייִנגל.

די מעשה איז געווען אַזוי: א. ווייטער האָט אָנגעקלונגען צו פֿעלד־שטיינען, האָט אים געעפֿנט אַ דינסט און געפֿרעגט, וועמען ער וויל זען? זאָגט ער: „גיט איבער די דאָזיקע פּאַפּירן דעם באַלעבאָס, זאָל ער זיי אונטערשרייבן. איך וועל וואַרטן דאָ אין קאָרידאָר״. די דינסט האָט אַזוי געטאָן. ווייטער איז געזעסן אין קאָרידאָר, האָט געהערט ווי אין זיין קאַבינעט מישט פֿעלדשטיין איבער די פּאַפּירן, ער האָט געהערט אַפֿילו, ווי עס סקריפּעט די פֿעדער. באַלד איז אַרויס די דינסט און האָט אים געגעבן די פּאַפּירן אונטערגעשריבענע. ער האָט גענומען די פּאַפּירן און געלאָזט זיך צו דער טיר. ביים אַרויסגיין הערט ער ווי פֿעלדשטיין רופֿט די דינסט. ווען ער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, איז די דינסט אַרויסגעלאָפֿן און האָט אים גערופֿן, האַלטנדיק אין האַנט אַ מטבע. ער איז איילִיק פֿאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פֿינצטערניש...

דער גוטער פֿעלדשטיין האָט געמיינט, אַז מיר האָבן אים צוגעשיקט די פּאַפּירן מיט אַ שיק־יינגל, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף דעם יינגל עפּעס געבן.

א. ווייטער, ווי איך האָב באַמערקט, האָט עס הגאה געטאָן.

פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט ווייטער סיסטעמאַטיש געהאַלטן פּרצן ווייט פֿון דער גאַנצער אַרבעט אַרום דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט. פּרץ האָט גאָרניט געוואוסט וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ווייטער און טיילווייז איך האָבן דורכגעמאַכט, ביז מיר האָבן געהאַט אַ פֿאַרטיקן געדרוקטן עקזעמפּלאַר פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט און די אַקציע־ביכלעך. ווען איך האָב עס אים אַמאָל פֿאַרבייגייענדיק דערציילט, איז ער געווען גערירט פֿון ווייטערס מערקווירדיקער ריטערלעכער באַציאונג.

עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען מען האָט געהאַט זייער נייטיק פּרצעס הילף. ווייטער האָט זיך אָבער פֿאַרעקשנט און אויסגעמיטן מטריח צו זיין פּרצן. אַגומלט האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז ער, ווייטער, זאָל אָנקלינגען פּרצן און אים בעטן זען זיך מיט איינעם, אויף וועלכן בלויז פּרץ האָט געקאָנט האָבן אַ ווירקונג. אָפּגערעדט און פֿאַרגעסן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מיר ביידע האָבן געהאַט אַ „זיצונג" און מיר זיינען געקומען צו דער אָנגעלעגנהייט, וועלכע פּרץ האָט באַדאַרפֿט ערליידיקן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז נישט ערליידיקט.

ווייטער האָט געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט עפּעס אומבאַהאָלפֿן: „איך קאָן ניט מטריח זיין פּרצן. עס איז מיר שווער צו שלעפּן פּרצעס אויער צום טרייבל פֿון טעלעפֿאָן".

די איבעריקע מיטגלידער פֿון „קינסטלערישן ראַט" האָבן שוין לאַנג פֿאַרגעסן אַן דער אַסיפֿה ביי נח דאַווידזאָנען, אַן דעם אונטערגעשריבענעם פּאַפּירל און בכלל אַן דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט.

די פֿאַרמעלע זייט איז געווען פֿאַרטיק און א. ווייטער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. ער האָט געהאַט פֿולע קעשענעס מיט סטאַטוטן פֿון דער געזעלשאַפֿט און אַקציע־ביכלעך, אָבער קיין גראָשן אויף הוצאות הדרך. איך האָב אָנגעהויבן איינטענהן מיט אים, אַז מען מוז שאַפֿן פֿאַר אים כאָטש אַביסל געלט, ווייל אַזוי וועט ער זיך ניט קאָנען באַוועגן. ער קאָן בלייבן זיצן אין אַ שטאָט און ניט קאָנען פֿאָרן

ווייטער. אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן, ער האָט ניט געוואָלט הערן וועגן דעם.

ער האָט גענומען אַ קליינעם אַוואַנס אין „פֿריינד״, האָט זיך פֿאַרשפּאַרט אויף אַכט טאָג צייט ביי מיר אין צימער און גענומען איבערזעצן עפּעס אַ ראָמאַן פֿון דייטש פֿאַר אַ קיעווער צייטונג. מיטן אַוואַנס וועט ער זיך דערשלעפּן ביז קיעוו. אין קיעוו וועט ער אָפּזעצן די איבערזעצונג און וועט פֿאָרן ווייטער.

און אַזוי איז ער אַוועקגעפֿאָרן, שטיל, פֿאַרטראַכט און ערנסט. אויפֿן וואָקזאַל, שוין שטייענדיק ביים פֿענצטער פֿון וואַגאָן, האָט ער מיר מיט אַ האַלבן שמייכל געזאָגט:

— אָט אַזוי בין איך אַ משולח. גוט אַזוי. אַזוי דאַרף זיין.

און ער איז אַוועקגעפֿאָרן.

פֿון קיעוו האָב איך דערהאַלטן פֿון אים דעם ערשטן בריוו. ער האָט געהאַט אַ קליינע פֿאַרזאַמלונג מיט יידישע סטודענטן און מיט עטלעכע יידישע אינטעליגענטן. די נייס וועגן דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג.[1]

עס האָט אָנגעהויבן אַריינקומען דאָס ערשטע געלט פֿון פֿאַרקויף פֿון די אַקציעס. ווייטערס בריוו זיינען צום אָנהייב געווען אָפּטימיסטישע: אין די מייסטע שטעט האָבן זיך אָרגאַניזירט קאָמיטעטן און ער האָט זיי איבערגעגעבן דעם פֿאַרקויף פֿון די אַקציעס. ווייטערס בעסטער פֿריינד, מענדל עלקין, האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן אַקציעס און פֿון אים פֿלעגן זיך באַקומען גאַנץ סאָלידע סומען. מיר האָבן דאָס געלט אַריינגעלייגט אין באַנק פֿון מ. שערעשעווסקי. וואָס עס איז געוואָרן מיטן געלט אין דער צייט פֿון דער מלחמה, ווייס איך ניט. פֿון ווייטערס בריוו איז געווען קלאָר, אַז די טעאַטער־געזעלשאַפֿט האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס. עס איז מיר אָבער געוואָרן קלאָר, אַז ווייטער אַליין

[1] אַלע ווייטערס בריוו צו מיר פֿאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך ליידער ניט ביי מיר. זיי זיינען געבליבן מיט אַלע מיינע פּאַפּירן פֿאַרפּאַקט אין קאַסטנס אין אַ קעלער אין וואַרשע. איך קאָן זיי ניט באַקומען. מיינע בריוו צו א. ווייטערן האָבן אַ בעסערן מזל. א. ווייטער האָט זיי אָפּגעהיט און איידער ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פּאָליציי, האָט ער זיי איבערגעשיקט דוד איינהאָרנען. דוד איינהאָרן האָט מיינע בריוו צו א. ווייטערן.

וועט ווייניק אויפטאָן. מען דאַרף „באַאַרבעטן" שטעט דורך אַנדערע מענטשן.

איך האָב אָנגעהויבן צונויפשרייבן זיך מיט שטעט און אָנטאָפּן דעם דופק, ווער פון אונדזערע שרייבער פונעם „קונסט־ראַט" וואָלט געקאָנט אויפטאָן ביי זיי עפּעס פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

פון עטלעכע שטעט האָב איך באַקומען ענטפערס מיט אָנווייזונגען, וועמען פון די יידישע שרייבער זיי וואָלטן געוואָלט האָבן פאַר דעם צוועק.

פון ריגע, למשל, איז געקומען אַ ידיעה, אַז פריער שלום אַש און שפּעטער איך וואָלטן געקאָנט עפּעס אויפטאָן פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

איך האָב עס געגעבן צו וויסן ווייטערן און ער איז געווען מלא שמחה.

ווייטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען פּרץ פאָרט קיין פּעטערבורג, ברענגט ער די גאַנצע סומע, וואָס איז נייטיק צוצוגיין באַלד צו דער אָרגאַניזירונג פון טעאַטער. איך געדענק ניט איצט גענוי, פון וואַנען איך האָב געשעפּט אַזעלכע זיכערע ידיעות וועגן פּעטערבורג. מיר דוכט, אַז דער גאַנצער ענין פּעטערבורג שטאַמט פון ווייטערן. ער האָט געקענט פּעטערבורג, ער האָט דאָרט געהאַט פאַרבינדונגען און אַפנים, אַז דאָס איז געווען זיין פאָרשלאָג.

איך האָב אָפּגעזוכט אַשן. ער איז דענסטמאָל ניט געזעסן אויף אַן אָרט. אַוודאי איז ער מסכים צו פאָרן קיין ריגע פאַר דער טעאַטער־געזעלשאַפט.

אויסגעריכט אַשן קיין ריגע, האָב איך אָנגעהויבן קנעלן מיט פּרצן. פּרץ איז מסכים. דאַרף מען זיך צונויפשרייבן, בילדן דאָרט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אויפנעמען פּרצן, וואָס זאָל בכלל אָרגאַניזירן דאָרט די גאַנצע זאַך. דאָס האָב איך דורך אַ בריוו איבערגעגעבן ווייטערן. ווייטער האָט זיך צוזאַמענגעשריבן מיט ש. אַנ־סקין און פּרצעס רייזע איז אַרויס פון מיין רשות. זי איז אַריבער צו א. ווייטערן און ש. אַנ־סקין.

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון שלום אַשס רייזע קיין ריגע. ריגע איז געווען כמעט איינע פון די רייכסטע

שטעט און אין אַ געוויסן זין — די קולטורעל־יידישסטע. אין „פריינד״ קו־מען אָן קאָרעספּאָנדענציעס וועגן די הכנות צו אַשס אויפֿנאַמע, שפּעטער וועגן דער אויפֿנאַמע גופא, וועגן דעם דערפֿאָלג פֿונעם יונגן שריפט־שטעלער אין דער דאָזיקער שטאָט. איך זוך עפּעס וועגן דער אייגנט־לעכער שליחות, מיט וועלכער אַש איז געפֿאָרן קיין ריגע, וועגן דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט — וועגן דעם קיין וואָרט ניט. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און איך האָב געהאַט דעם געניעם, גאַנץ טרויעריקן באַ־ריכט: דער יונגער אַש איז געווען אַזוי פֿאַרשיכורט פֿון זיין דערפֿאָלג, אַלע זיינען געווען אַזוי פֿאַרנומען מיט דער פֿייערונג פֿון דעם יונגן שריפֿטשטעלער, אַז מען האָט פֿאַרגעסן דעם עיקר.

שלום אַש איז געקומען צוריק אַ שטראַלנדיקער. איך רעד מיט אים וועגן זיין שליחות. ער קוקט מיך אָן; ער האָט זיך אַזוי פֿאַרטומלט, אַז ער האָט באמת פֿאַרגעסן, צוליב וואָס ער איז געפֿאָרן קיין ריגע.

דאָס איז געווען דער ערשטער דורכפֿאַל מיט איינעם פֿון אונדזער קונסט־ראַט.

מיט פּרצעס רייזע איז עס געווען פֿיל קאָמפּליצירטער. פּרצן אויפֿ־הייבן און אַוועקשיקן קיין פּעטערבורג איז געווען אַ סך שווערער, ווי אויפֿהייבן אַשן און אַוועקשיקן אים קיין ריגע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען א. ווייטער, ש. אַנ־סקי, דינעזאָן און איך. איך האָב געשריבן צו ווייטערן, ווייטער צו אַנ־סקין, אַנ־סקי צו דינעזאָנען און דינעזאָן, פֿון פּרצעס און זיין נאָמען, צו אַנ־סקין.

נעענטער צו דער רייזע איז פּרץ געוואָרן קאַפּריזנער און נערוועזער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט וואוינרעכט פֿאַר פּרצן אין פּע־טערבורג. פּרץ האָט געטענהט, אַז ער וויל ניט גנבענען קיין וואוינרעכט, הכלל — כאָטש גיי און שאַף אָפּ די וואוינרעכט־גזירות פֿאַר יידן צוליב פּרצעס רייזע. נאָך לאַנגע שמועסן, בריוו־שרייבענישן און דעפּעשן־פֿלי־עריי איז מען דורכגעקומען, אַז פּרץ פֿאָרט ניט קיין פּעטערבורג גופא; ער פֿאָרט בלויז קיין פֿינלאַנד, אין אַ שטאָט, וואָס איז אַ שעה אָדער צוויי רייזע פֿון פּעטערבורג. וואוינען וועט ער אין פֿינלאַנד; אין פּע־טערבורג וועט ער בלויז האַלטן דעם פֿאָרטראָג און אַרויסטרעטן אויפֿן

באַנקעט פֿון פּעטערבורגער עשירים און כּלל־טוער, אויף וועלכן עס דאַרף געשאַפֿן ווערן די בייטיקע סומע פֿאַרן טעאַטער.

נאָך נעענטער צו דער רייזע — ווערט פּרץ שוין גאָר נערוועז. דאָס שרעקט מיך זייער. פּרץ, ווען ער איז בלויז קאַפּריזנע, קאָן ער אַלץ איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ, בפרט נאָך ווען ער איז נערוועז.

נערוועז איז פּרץ געווען צוליב צוויי אורזאַכן: ערשטנס איז אים טאַקע געווען זייער שווער צו גנבענען וואוינרעכט, זיין שטאָלץ האָט שטאַרק געליטן: ער, דער גרעסטער שריפֿטשטעלער ביי יידן, קאָן ניט אַריינקומען קיין פּעטערבורג פֿריי; און צווייטנס איז פּעטערבורג געווען פֿאַר אים אין גאַנצן אַ פֿרעמדע וועלט. רוסיש האָט ער גערעדט שלעכט, געווען ווייט פֿון רוסן. ער איז געווען דורכאויס אַ פּוילישער ייד און פּרץ האָט אַלע מאָל געהאַט שטאַרקן בינע־פֿיבער אין אַ פֿרעמדער סביבה.

איך האָב מורא געהאַט לאָזן פּרצן אַליין אין פּעטערבורג. אָבער ווער זאָל פֿאָרן מיט אים? דינעזאָן? וועגן דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין. ער וועט נאָך זיין מער נערוועז פֿון פּרצן און ער וועט פּרצן גאָר אַראָפּשלאָגן פֿון טראַפּ. הכּלל, איך שרייב זיך דורך מיט ווייטערן. ער פֿאָרט קיין פּעטערבורג. ער וועט זיין לעבן פּרצן. און ווייטער האָט אַלע מאָל געווירקט אויף פּרצן באַרואיקנדיק. ווייטער, מיט זיין מיס־טישער פֿאַרגעטערונג פֿון פּרצן, האָט געקאָנט איינשטילן שטורעמס אין פּרצן. אויף פּרצן האָט בכּלל גוט געווירקט, ווען ער האָט געהאַט ביי דער זייט זיינעם אַ פֿאַרגעטערער.

א. ווייטער איז פֿריער אָפּגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג. איך האָב באַ־קומען פֿון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער שילדערט מיר מיט די ליכטיק־סטע פֿאַרבן די האָפֿענונגען אויף דערפֿאָלג פֿון דער דאָזיקער אונטער־נעמונג. אַלע וואַרטן אויף פּרצן. אין דעם אויפֿנאַם־קאָמיטעט זיינען די בעסטע און סאָלדיסטע מענטשן. הכּלל, פּעטערבורג עפֿנט די קעשענע און פֿאַרענטפֿערט די גאַנצע טעאַטער־פֿראַגע אונדזערע.

ענדלעך איז פּרץ מיט זיין פֿרוי אַרויסגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג. דאָס איז געווען סוף מערץ 1911.

איך ווייס ניט פֿאַרוואָס, נאָר י. ל. פּרצעס רייזע קיין פּעטערבורג האָט אַלעמען פֿאַראינטערעסירט. מען האָט אויף איר געלייגט זייער

גרויסע האַפֿענונגען. כּמעט אַלע זיינען געווען זיכער, אַז פּרץ קומט צוריק מיט דער נייטיקער סומע פֿאַר דער עפֿענונג פֿון אַ נייעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ גרויסער יידישער שריפֿטשטעלער און אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט פֿון יידישן תּחום איז אַרויסגעפֿאָרן מיט אַ קולטור־שליחות צו יידישע מאַגנאַטן. דער מאָמענט איז געווען אַ גינסטיקער. אַפֿילו אין די סאַמע אַסימילירטע יידישע קרייזן האָט מען זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט יידישער קולטור, מיט דער נייער יידישער ליטעראַטור און מיט יידישע שריפֿטשטעלער.

איך האָב נערוועז און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פֿון דעם גרויסן באַנקעט אין פּעטערבורג. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז א. ווייטער טעלעגראַפֿירט מיר תּיכּף ביינאַכט נאָכן באַנקעט וועגן די רעזולטאַטן. לויט מיין חשבון, האָב איך באַדאַרפֿט אויף מאָרגן אין דער פֿרי נאָכן באַנקעט האָבן אַ דעפּעשע פֿון ווייטערן. פֿרי בין איך געקומען אין רעדאַקציע. אַלע האָבן געוואַרט אויף דער דאָזיקער דעפּעשע, אָבער זי איז ניט געקומען. ביי טאָג, פֿאַרנאַכט, אָוונט — נישטאָ קיין דעפּעשע.

שפּעט ביינאַכט, ווען איך בין געקומען צו זיך אַהיים, איז אויף מיין טיש געלעגן אַ דעפּעשע. איך האָב זי נערוועז געעפֿנט און מיר איז פּשוט פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. פֿון איין וואָרט איז באַשטאַנען די דעפּעשע: „פּראָוואַליל״ (דורכגעוואָרפֿן).

און אָט וואָס א. ווייטער האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס עס איז געשען אויף יענעם באַנקעט, אין אַ בריוו און דערנאָך מינדלעך:

אויפֿן באַנקעט איז געקומען די סאַמע סמעטענע פֿון דער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ פֿון פּעטערבורג. געווען אַזעלכע געסט, וואָס האָבן אַליין לייכט געקאָנט געבן די סומע, וואָס איז נייטיק געווען פֿאַרן געפּלאַנטן טעאַטער. א. ווייטער און אַנ־סקי זיינען געווען איבעראַשט: עס האָבן זיך אָפּגערופֿן אַזוי פֿיל מענטשן! גאַנץ פּעטערבורג איז געווען פֿאַרטראַטן — די גרויס־בורזשואַזיע, די אינטעליגענץ דורך אירע גרויסע אַדוואָקאַטן און די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ דורך סטודענטן און דורך רוסיש־יידישע שריפֿטשטעלער.

ווען פרץ איז אַריין אין זאַל, האָט מען אים געמאַכט אַזאַ אָוואַציע, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן פון אַזאַ צירלעך־מאַנירלעכער און פּעשענאַבעלער גזעלשאַפט.

פרץ איז אויך געווען איבערראַשט און אַביסל פאַרלוירן.

דער פאַרזיצער פונעם באַנקעט איז געווען דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס.

ש. דובנאָוו האָט געעפנט דעם באַנקעט מיט אַ רעדע אין רוסיש.

„איך האָב באַלד באַמערקט — האָט מיר ווייטער געשריבן און דערנאָך דערציילט — אַז ביי פרצן ציטערט די אונטערשטע, פליישיקע מעכטיקע ליפּ. ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיך מיט די אויגן. איך האָב עס באַמערקט און האָב באַלד זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט און געשטעלט זיך הינטער אים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַזאַ ביטערקייט, אַז מיר איז געוואָרן קאַלט. איך האָב באַלד דערפילט, אַז עפּעס וועט געשען. איך בין געשטאַנען הינטער אים, פּרובירט שמייכלען, פּרובירט קוקן אויף אים זאָרגלאָז און רואיק, ד״ה אַז איך האָב זיך געמאַכט, אַז אויף מיר מאַכט עס ניט קיין איינדרוק, אַז דאָס איז גאָרנישט; דער עיקר איז, אַז מען דאַרף ביי יידן אַרויסבאַקומען געלט אויף אַ יידישן טעאַטער. איך האָב זאָגאַר זיך אָנגעבויגן צו אים און איינגערוימט אים אין אויער אַ פּאָר באַגייסטערטע ווערטער וועגן דעם עולם און וועגן דעם, אַז איך בין זיכער, אַז היינט ווערט באַשטימט דער גורל פונעם יידישן טעאַטער.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פרץ האָט זיך באַרואיקט. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוהערן צו ש. דובנאָווס רעדע. אָבער איך האָב מיין פלאַץ הינטער פרצעס פּלייצע ניט פאַרלאָזן. ווי ש. דובנאָוו האָט געענדיקט רעדן, זע איך, ווי פרץ רעדט זיך דורך מיט אים. דובנאָוו שטייט אויף, דערקלערט, אַז פרץ וויל רעדן. פרץ הייבט זיך אויף אַ בלאַסער, אַ ציטערנדיקער, און הייבט אָן רעדן. צום אָנהייב נערוועז, אָבער וואָס ווייטער אַלץ זיכערער, פּליסיקער און פּאַטעטישער.

דער אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען לערך, לויט ווייטערס און לויט פרצעס דערציילונג, אַזאַ:

— יידן, וואָס נעמען אויף אַ יידישן שריפֿטשטעלער מיט רוסישע רעדעס, וועלן קיין יידישע קולטור ניט בויען. זיי וועלן ניט אויפֿבויען קיין יידישן טעאַטער, אַפֿילו אַ יידישן שטאָל וועלן זיי ניט אויפֿבויען, וואָרים אַ יידישן שטאָל דאַרף מען אויך בויען אויף יידיש. בויען אַ יידישן טעאַטער וועט די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־דענקנדיקע דע־מאָקראַטיע מיט אירע אָרעמע און מיט שוויס־פֿאַרהאָרעוועטע גראָשנס. אָט די גראָשנס וועלן זיין מזל־ברכהדיקע, ווייל אין זיי וועט זיין נשמה און שאַפֿונגס־ווילן.

אָט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט ער זיך צעלאָזן פֿון אָנהייב אַביסל טאַקטיש און וואָס ווייטער בייזער, אומטאַקטישער און באַ־ליידיקנדיקער.

ווייטער שילדערט אַזוי דעם איינדרוק פֿון דער פֿאַרזאַמלונג.

„פּרץ איז געשטאַנען און גערעדט און געטייטלט איבער ש. דובנאָווס קאָפּ. דער עולם איז צום אָנהייב געווען אַביסל פֿאַרוואונדערט, דערנאָך האָט זיך באַמערקט ווי ער ווערט קאַלט, ברוגז און אומגעדולדיק. איינ־ציקווייז און פֿאַרלעכוויז האָט מען אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דעם זאַל. אַנדע־רע, די דעמאָקראַטן, האָבן אויף צו־להכעיס, באַגייסטערט אַפּלאָדירט איטלעכן שאַרפֿן וואָרט פֿון פּרצן. עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אין דער לופֿט פּולווער פֿון דעמאָנסטראַציע, דאָס, וואָס פּאַסירט אָפֿט אויף פּע־טערבורגער פֿאַרזאַמלונגען. עס האָט פֿאַרשמעקט מיט „פּאָליטיק”. עס האָבן זיך אָנגעהויבן מעלדן רעדנער פֿון דער דעמאָקראַטיע. עס איז געוואָרן הייס און אומרואיק אין זאַל. די פֿייערלעכקייט איז פֿאַר־שוואונדן געוואָרן. דער עולם האָט זיך באַלד צעטיילט אין צוויי לאַגערן. די פֿעשענאַבלע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן זיך אַרויסצוגנבענען פֿון זאַל. אין אַ קורצער צייט אַרום איז געבליבן אַ וואַרעמע קאָמפּאַניע בלויז פֿון דעמאָקראַטיע. מען האָט פֿאַרגעסן צוליב וואָס מען איז זיך צוזאַמענ־געקומען, און מען האָט אָנגעהויבן האַלטן פֿייערדיקע רעדעס און מאַכן אָוואַציעס פּרצן. די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף פּרצעס זייט, האָבן אויך גערעדט רוסיש. איינער אַ גרויסגעוויקסיקער אַדוואָקאַט מיט אַ דונערדי־קער שטים (קאַלמאַנאָוויטש) האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין מיטן זאַל און מיט סיבירער רוסיש אָנגעהויבן דונערן און מיט אַ מוראדיקן פּאַטאָס

אויסגעשריען: „טייערער פּרץ, „מי זאַגאַוואָרים", ד"ה מיר'ן באַלד אַ רעד טאָן אויף יידיש! עס איז געוואָרן וואַרעם, פּרץ האָט געשמייכלט, אַפּלאָדירט און איז געווען גליקלעך".

אַזוי האָט זיך געענדיקט פּרצעס שליחות.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פּרץ געקומען צוריק קיין וואַרשע. איך בין געווען אַזוי נידערשלאָגן, אַז איך בין ניט געגאַנגען זען אים באַלד. אויף מאָרגן נאָך זיין קומען האָט ער מיר אָנגעקלונגען טריאומפירנדיק און מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך קום אים ניט זען. „קומט היינט אין אָונט, איר וועט הערן פיל אינטערעסאַנטעס".

ממש ווי אַ יינגל, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שמד־שטיק.[1]

אין אָונט האָט ער מיך באַגעגנט אַ טריאומפירנדיקער, אַ גליקלעכער. איך האָב געקוקט אויף אים און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט מיר גענומען דערציילן וואָס עס איז פאָרגעקומען. עס איז אַרויס, אַז ער האָט אונדז געבראַכט אַ גרויסן זיג, איבער וועמען און איבער וואָס — האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין.

אַ גאַנצן אָונט האָט ער גערעדט. דינעזאָן האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין, ווי אַ פאָטער קוקט אויף זיין העלדישן זון, וועלכער איז געקומען פון אַ מלחמה ווי אַ געקרוינטער העלד. איך בין געזעסן שטיל, צעבראָכן און האָב קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

דערנאָך איז געקומען א. ווייטער. עס איז אויף אים אויך ניט געווען קענטיק קיין אַנטוישונג און קיין אָפּהענטיקייט. ווייטער, אין באַציאונג צו פּרצן, איז געווען אַ בעסערער דינעזאָן; פאַר אים איז געווען „געט־לעך" וואָס פּרץ טוט.

אין זיינע שמועסן מיט מיר וועגן דעם דאָזיקן טרויעריקן אויפ־טריט פון פּרצן האָט ער מיר געוואָלט באַווייזן, אַז אַזוי דאַרפן זיין שטאָלצע יידן. אַזוי זיינען געווען די נביאים און אַזוי זיינען אַלע גרויסע בויער פון נאַציעס; זיי ווייסן ניט פון קיין פּשרות. זיי, די פּעטערבור־גער מאַגנאַטן, האָבן געמיינט, אַז צו זיי איז געקומען אַן אונטערטעניקער

[1] דער דאָזיקער עפּיזאָד ווערט אַביסל אַנדערש איבערגעגעבן אין ריוועסמאַנס זכרונות וועגן פּרצן. זע Евройская Лѣтопись, 1924, III, ז' 79־80.

שליח מיט אַ פּושקע און זיי האָבן דערזען פאַר זיך אַ גרויסן און שטאָלצן ייִדישן מוכיח. קיין טעאַטער, האָט ווייטער צוגעגעבן, וועט אַזוי גיך ניט זיין, אָבער די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פאַר ייִדישער קולטור האָט פּרץ געמאַכט.

שפּעטער, ווען פּרץ האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט, האָט ער משמעות איינגעזען, אַז ער האָט בידים צעשטערט אַ בנין. האָט ער זיך געוואָלט אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פאַר דער „טעאַטער־געזעלשאַפט״ און אָנהייבן די קאַמפּאַניע פון „שווייסיקע גראַשנס״, אָבער איך און אַפילו ווייטער האָבן דעם נייעם ענטוזיאַזם פּרצעס אויפגענומען קאַלט.

א. ווייטער האָט זיך אויך אויסגעניכטערט און ער האָט דערזען, אַז די גרויסע און אמתע מעגלעכקייטן זיינען לייכטזיניק פאַרטאַכלע־וועט געוואָרן און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ביטערן יאוש. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג „איבער דער מדינה״, אָבער שוין אָן דעם פריערדיקן ברען און אָן דער פריערדיקער זיכערקייט.

די געשיכטע פון פּרצעס דורכפאַל (אַזוי האָט עס דער פּשוטער עולם פאַרשטאַנען) איז פאַרשפּרייט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער „טעאַטער־געזעלשאַפט״ ווי אויף אַ טויט־געבוירן קינד.

דער איינציקער, וואָס איז געווען טעטיק און פון וועלכן עס פלעגן אָנקומען געוויסע סומען פון צייט צו צייט, איז געווען מענדל עלקין.

שפּעטער איז ווייטער געקומען צוריק אַ מרה־שחורהדיקער, אַ צע־בראָכענער. ער קאָן זיך שוין מער ניט אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי; ער קאָן שוין מער ניט לעבן אונטער אַ פרעמדן נאָמען און אויף אַ פרעמדן פּאַס; אין פיל שטעט איז ער שיר ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

ער איז אַוועק פון וואַרשע, באַזעצט זיך ביי אַ פריינד אין אַ זיכערן אָרט, כדי צו האָבן מיט זיך אַליין אַ ישוב־הדעת וועגן זיין אומלעגאַ־לער לאַגע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער געקומען קיין וואַרשע מיט דער פעסטער באַשטימונג צו איבערגעבן זיך דער פּאָליציי. עס האָבן ניט געהאָלפן ניט פּרצעס, ניט מיינע און ניט די רייד פון אַלע זיינע פריינד; „דער פריינד״ האָט אים אַפילו פאַרגעלייגט, ער זאָל אַוועק קיין אויס־

לאַנד אַלס אַ מיטאַרבעטער, ער האָט אָבער פֿון קיין אַנדער אויסוועג ניט געוואָלט הערן.

און אין 1912 גיט ער זיך איבער דער פּאָליציי. מען פֿאַרמשפּט אים צום אַרויסשיקן קיין סיביר און באַלד ווערט ער פֿאַרוואָרפֿן ערגעץ ווייט אין סיביר.

אָן א. ווייטערן איז קיין „טעאַטער־געזעלשאַפֿט" שוין ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זיין.

אין מיין שרייבטיש זיינען געלעגן די סטאַטוטן, דער באַרימטער אָפּמאַך פֿון די יידישע ליטעראַטן און אַ גאַנצער באַרג מיט נומערירטע אַקציע־ביכלעך און אַ קליין פּעקעלע פֿון טאַלאָנען פֿון פֿאַרקויפֿטע אַקציעס.

דאָס איז געבליבן פֿון דער „טעאַטער־געזעלשאַפֿט".

ביז 1923 האָב איך דאָס פּעקל מיט די אַקציע־ביכלעך געפֿירט כסדר מיט זיך איבער אַלע עקן וועלט. אין דעם יאָר פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן קיין אַמעריקע האָב איך זיי פֿאַרברענט און בין פֿריי געוואָרן פֿון אַן אומניצלעכן פּעקל.

י. ל. פּרץ, דער טעאַטער־קריטיקער

א.

י. ל. פרץ האָט אויך פּרובירט שרייבן טעאַטער־קריטיק.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען ער איז צוגעפאַלן מיט זיין גרויסן ברען צום יידישן טעאַטער.

צוגעפאַלן צום יידישן טעאַטער איז פרץ, ווען דער יידישער טעאַטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט זיך באַוויזן אין יעקב גאָרדינס רעפּערטואַר.

עס איז געווען אין דער וואונדערלעכער צייט פון ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע; עס האָט פאַרשמעקט מיט פרילינג אין דעם גרויסן רוסלאַנד, דאָס גרויסע רוסלאַנד איז עפּעס מיט אַמאָל, פון העלער הויט ממש, קליגער, פאַרשטענדלעכער און באַוואוסטזיניקער געוואָרן.

עס איז געשען אַ נס, עס איז געווען דער נס פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע פון 1905.

עס איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן דער שווערער דעקטוך ביים פאָלק פון די אויגן, דאָס פאָלק האָט פּלוצלינג דערזען די ליכטיקע וועלט און דערפילט זיך ווי אַ גאָר גרויסער בעל־דעה אין דער דאָזיקער וועלט.

און דער יידישער טעאַטער האָט ניט געקאָנט זיין קיין אויסנאַם.

דאָס פינצטערע צאַרישע געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן שפּילן יידיש טעאַטער, איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, דער יידישער טעאַטער איז אַרויס פון די קעלערס און פון דער דייטשמערישער פאַרשטעלעניש, און האָט אָנגעהויבן שפּילן גאָרדינס רעפּערטואַר.

דאָס האָט געמוזט געשען אין יידישן טעאַטער:

דער נס איז געקומען, אָבער עס איז ניט געווען מיט וואָס אויפצונעמען דעם דאָזיקן טייערן גאַסט.

שפּילן אָפּערעטעס, די אַלטע אָפּערעטעס, אָדער די נייע, וואָס זיינען געווען נאָך ערגער פון די אַלטע, האָט מען ניט געקאָנט. די צייט איז

פשוט ניט געווען מסוגל פֿאַר דעם. אַגב וואָלט קיינער אין טעאַטער ניט אַריינגעשמעקט.

האָט עמעצער געבראַכט פֿון אַמעריקע יעקב גאָרדינס אַ פּיעסע, דערנאָך אַ צווייטע, דערנאָך אַ דריטע און אַ פֿערטע.

מען האָט פּרובירט שפּילן אָט די דאָזיקע נייע טעאַטער־פּרי — און וואונדער איבער וואונדער — יידישע אַקטיאָרן קאָנען שפּילן ליטעראַטור . . .

זיי האָבן געשפּילט גאָרדינען און פֿון אָנהייב אַפֿילו ניט געוואוסט, אַז זיי שפּילן ליטעראַטור, אַזוי ווי מאָליערס העלד האָט ניט געוואוסט, אַז ער רעדט זיין גאַנץ לעבן פּראָזע...

איז געקומען די ליבעראַלע רוסישע פּרעסע און די אָקאָרשט אויפֿגעקומענע יידישע פּרעסע און זיי מגלה געווען דעם סוד, אַז זיי שפּילן ליטעראַטור, קונסט, און אַז זיי שפּילן וואונדערלעך.

און עס האָט טאָקע באמת אויסגעזען ווי אַ נס; יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן אויסער שונד ניט געשפּילט אין זייער לעבן, שפּילן גאָרדינס פּיעסן גוט, אָפֿט זייער גוט, דאָ און דאָרט אַפֿילו מיט געשמאַקער אָריגינאַליטעט, יידישע כאַראַקטערן, עכטע כאַראַקטערן האָבן זיך באַוויזן אין דעם פֿאַרוואָרלאָזטן יידישן טעאַטער.

די יידישע אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן גלויבן באמת ובתמים, אַז מיר האָבן שוין אַ טעאַטער מיט לייטן גלייך. און פּרץ, ווי עס וויזט אויס, איז געווען פֿון די, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז אַ טעאַטער איז אונדז ממש אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל; אמת, יעקב גאָרדינס פּיעסן זיינען אים ניט געווען צום האַרצן, אָבער ער האָט געגלייבט, אַז דער יידישער טעאַטער קאָן לייכט אַריבער צו אַ בעסערן רעפּערטואַר ווי ער איז אַריבער לייכט פֿון דער אָפּערעטע צו גאָרדינס פּיעסן. און דעם נייעם נאָך־גאָרדינישן רעפּערטואַר דאַרפֿן יידישע שרייבער שאַפֿן. דאָס איז געווען די אָפֿענע לאָגיק.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און פּרץ, און מיט אים אַנדערע, האָבן איינגעזען זייער טעות; זיי האָבן איינגעזען, אַז גאָרדין איז געווען דאָס העכסטע, צו וועלכן דער יידישער אַקטיאָר פֿון אַלטן טעאַטער האָט זיך געקאָנט דערהויבן. יעקב גאָרדינס פֿאָטאָגראַפֿישער רעאַליזם, זיין ניט־

פּאַרטיפּטער, פּלאַכער און שאַבלאָנער טיפּאַזש איז אייגנטלעך געווען אַ המשך פֿון אברהם גאָלדפֿאַדענס אָפּערעטע. יעקב גאָרדין איז געווען אַ גאָלדפֿאַדען אָן גאָלדפֿאַדענס פֿאָלקסטימלעכקייט, אָן גאָלדפֿאַדענס פֿאָלקסטימלעכער מוזיקאַלישקייט און אָן גאָלדפֿאַדענס יידישן געמיט.

ווי די מעשה איז, י. ל. פרץ איז צוגעפֿאַלן צום טעאַטער. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן דראַמעז, ער האָט זיך אַפֿילו באַפֿריינדט מיט די יידישע אַקטיאָרן, ער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אַלע טעכנישע פּראָבלעמען פֿון טעאַטער און האָט זיך גענומען שרייבן אַפֿילו טעאַטער־קריטיק.

זיין טעאַטער־קריטישע טעטיקייט איז געווען אַ זייער קורצע און ניט קיין סיסטעמאַטישע, זי איז אויך ניט געווען קיין שטענדיקע; ער איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ גאַסטראָלאָר אין דער טעאַטער־קריטיק.

סך־הכּל צען טעאַטער־רעצענזיעס זיינען דאָ אין זיינע געזאַמלטע ווערק, און אין זיינע געזאַמלטע ווערק זיינען אַריין אַבסאָלוט אַלע זיינע רעצענזיעס.

ווי אַ טעאַטער־קריטיקער אויף אַ ווײַלע, האָט ער פֿונדעסטוועגן באַוויזן צו האָבן, ווי יעדער יידישער טעאַטער־קריטיקער, אַ קאָנפֿליקט מיט אַ יידישן דראַמאַטורג און טעאַטער־דירעקטאָר, מיט ה. עפּעלבערג. דער דאָזיקער עפּעלבערג האָט געהאַט אַ שטיקל שייכות צו ליטעראַטור; ער האָט פֿון יום־טוב צו יום־טוב אַרויסגעגעבן זאַמלביכלעך, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ דרוקעריי, איז זיין אַרויסגעבערישע טעטיקייט שטאַרק פֿאַרלייכטערט געוואָרן; דורך דער דרוקעריי האָט ער זיך באַ־קענט מיטן יידישן טעאַטער, ער פֿלעגט דרוקן אַפֿישן פֿאַרן יידישן טעאַטער, פֿון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפֿט איז ער שפּעטער געוואָרן אַליין אַ טע־אַטער־דירעקטאָר און אַ דראַמאַטורג.

ה. עפּעלבערג איז אַרויס בלויז צו פֿאַרטיידיקן דאָס גוטע יידישע טעאַטער־פּובליקום, וואָס פרץ זאָל האָבן באַליידיקט.

און פרץ ענטפֿערט אים — „ניט צוליב מיר און געוויס ניט צוליב הער עפּעלבערג, נאָר אויך צוליב אַנדערע, צוליב דאָס פּובליקום, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערן געשמאַק, צוליב דעם יידישן טעאַטער, וואָס איז שוין צייט עס זאָל האָבן אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט מיט

שונד־שטיק און זאָל אָנהייבן וואַקסן — און צוליב דעם יידישן שוי־שפילער — מען זאָל פֿון אים קיין פורים־שפּילער ניט מאַכן".

פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון ה. עפּעלבערגס זייט איז עס געווען בלויז אַן אָנשטעל. אים איז פּשוט שטאַרק ניט געפֿעלן געוואָרן י. ל. פּרצעס רעצענזיע איבער זיין אַפּערעטע „דוד אין דער מדבר"; פּרצעס רע־צענזיע איז טאַקע געווען שאַרף און פֿאַרניכטנדיק.

פּרץ האָט שוין אַפּנים דאַן איינגעזען, אַז מיטן יידישן טעאַטער איז קיין נס ניט געשען. דער יידישער טעאַטער איז פֿון יעקב גאָרדינען ניט אַריבער צו ליטעראַטור, ער איז פֿון יעקב גאָרדינען צוריק אַוועק צו דער שונד־אָפּערעטע מיט דער גרעסטער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט.

די יידישע אינטעליגענץ, הייסט עס, האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית...

די אַלע רעצענזיעס פּרצעס זיינען געשריבן געוואָרן פֿון יאָר 1905 ביז יאָר 1907, סך־הכּל אין דריי יאָר. דריי רעצענזיעס זיינען געשריבן געוואָרן אין יאָר 1905, פֿיר רעצענזיעס אין יאָר 1906 און איינע, וועגן דוד פּינסקיס „די פֿאַמיליע צבי", אין יאָר 1907.

אין דער רעצענזיע וועגן פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי" איז דאָ, אַגב, פּרצעס טעאַטער־קריטישער אני־מאמין.

די דאָזיקע קליינע טעאַטער־קריטישע ירושה פֿאַרדינט אַ באַזונ־דערע אָפּהאַנדלונג, ניט אַזוי צוליב איר וויכטיקייט און וואָגיקייט, ווי צוליב איר היסטאָרישן ווערט און צוליב אַ שטריך וואָס מאַכט גאָר בולטער פּרצעס פּערזענלעכקייט.

ב.

י. ל. פּרץ איז בפּירוש ניט געווען קיין טעאַטער־קריטיקער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אין זיינע רעצענזיעס, וועלכע זיינען טיילוויז, דערהויפּט אין דער באַהאַנדלונג פֿון דעם ליטעראַרישן טייל פֿון דער אויפֿפֿירונג, ד"ה פֿון דער דראַמע, איז ער אויסערסט בליציק, שאַרפֿ־זיניק און אָפֿט אַפֿילו וואָגיק־קריטיש.

י. ל. פּרץ האָט אונדז איבערגעלאָזן זיין טעאַטער־קריטישן אני־מאמין, און דער דאָזיקער טעאַטער־קריטישער אני־מאמין זיינער מאַכט

אים בפּירוש פֿאַר אויס טעאַטער־קריטיקער. פּרץ פֿאַרשטעלט זיך אַליין דעם וועג צו טעאַטער־קריטיק מיט זיין טעאַטער־קריטישן אני־מאמין.

אָט איז זיין טעאַטער־קריטישער אני־מאמין וואָרט ביי וואָרט:

„דעם היינט מיט זיין נויטווענדיקער לאָגיק, קליינע אינטערעסן, קליינע טוגענדן און פֿאַרברעכן מוז דער קינסטלער איבערלאָזן דעם כראָניקער, דעם פּאָליטיק־שרייבער און מאַכער — דעם גאַרדאַוואַי (פּאָליציאַנט).

„די געגנוואַרט קאָן נאָר פּראָטאָקאָלירט ווערן אין אַ ראָמאַן אַ לאַ בערשאַדסקי, אונדזער היימיש־געבאַקענער זאָלאַ. זי קאָן געבן זאַגאַר קונסט־פֿאָטאָגראַפֿיעס, אָבער ניט קיין קונסט.

„דער קינסטלער מוז האָבן די פּערספּעקטיווע פֿון דער צייט; דאָס וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין לעבן קאָן אויפֿשטיין אין ליד, דאָס וואָס איז ניט געשען, קאָן ווערן געחלומט, דאָס אַרומיקע קאָן העכסטנס זיין ליטעראַטור, געוויינלעך — נאָר סעזאָן־אַרבעט.

„מיט אייביקע פֿראַגן, וואָס הייבן די פּערזאָנען צו דער הייך פֿון סימבאָלן, באַשעפֿטיקט זיך אין אונדזער ליטעראַטור פּרץ הירשביין, זעקס און צוואַנציק יאָריקער יונגער שרייבער פֿון פּערצן דראַמען. דאָס זיינען די טרויעריק זיסע ליליען־גלעקלעך, וואָס קלינגען אין זיינע „קברים־בלימלעך” און „ביי דעם ברייטן וועג”... דאָס זיינען די ליכטשאַטנס, פֿון וועלכע ער שפּינט „איינזאַמע וועלטן”. אַנדערע געהערן צו דער צייט, וואַקסן אין איר און וועלן ווערן דורך איר צעשטערט...

„שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט” איז אַ קונסט־פֿאָטאָ־גראַפֿיע אויף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פֿאַרס. שלום אַשס „משיחס צייטן” — דער „חלום פֿון מיין פֿאָלק” — אַ מאָלעריש צייט־בילד, נאָר אַ געפּליגלטס, וואָס רירט מיט די שפּיץ פֿליגל די העכסטע סימבאָליק... טשיריקאָווס „יידן”, אַ סעזאָן־אַרבעט, אַ סצעניזירטע כראָניק מיטן פּאָגראָם אויף דער סצענע, ווייבער זאָלן הלשן...

„אַ צייט־ווערק איז „פֿאַמיליע צבי” און פֿאַרגייט מיט דער צייט”.

דער טעאַטער־קריטיקער י. ל. פּרץ האָט דאָ געטאָן איין קלייניקייט — ער האָט זיך אַליין פֿאַרשטעלט דעם וועג צו טעאַטער־קריטיק.

רעאַליזם איז העכסטנס קונסט־פֿאָטאָגראַפֿיע.

דאָס הייסט, אַז דער גאַנצער וועלט־רעפּערטואַר מיט איבסענען, מיט טשעכאָוון, מיט הויפּטמאַנען, מיט דער רוסישער, פֿראַנצויזישער,

ענגלישער דראַמע א.אַ.וו. זיינען לכתחילה געפּסלט געוואָרן; פון דעם גאַנצן יידישן רעפּערטואַר איז געבליבן בלויז פּרץ הירשביין, און גע־בליבן זיינען בלויז הירשביינס שוואַכסטע דראַמען; די קומענדיקע רעאַליסטישע אידיליעס, אין וועלכע מיר זעען דעם אמתן הירשביין, זיינען פאַראויס פאַראורטיילט ווי „העכסטנס קונסט־פאָטאָגראַפיעס״.

קיין קריטיקער טוט עס ניט, און זעלטענער טוט עס אַ טעאַטער־קריטיקער, ווייל טעאַטער איז בטבע רעאַליסטיש. דאָס סימבאָלישסטע אין אַ דראַמע באַקומט אויף דער סצענע אַ רעאַלע, אָפּט אַפילו אַ נאַ־טוראַליסטישע פאָרם, ווייל די סימבאָליק ווערט אַרויסגעבראַכט מיט רעאַליסטישע מיטלען.

ראשית איז דער שוישפּילער אַ רעאַלע באַשעפעניש. ער קאָן פון זיין רעאַלישקייט ניט אַרויס, ער מוז גיין, זיצן און זיך באַוועגן ווי אַ רעאַלע באַשעפעניש, דערנאָך קומט אַ תהום פון רעאַלע מיטלען, וואָס דאַרפן רעאַליזירן די סימבאָליק.

אַ טעאַטער־קריטיקער האָט נאָך אַזאַ דערקלערונג גאָרניט וואָס צו טאָן ביים טעאַטער, ער האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסגעזאָגט זיין שטעלונג און מען ווייסט שוין פאָראויס זיין מיינונג וועגן דעם גאַנצן וועלט־רעפּערטואַר.

אַז אַזאַ דערקלערונג איז עלול צו פאַרפּלאָנטערן דעם קריטיקער אַליין, זעען מיר ביי פּרצן גופא ביז גאָר בולט און קלאָר.

פּרץ הירשביינס שוואַכסטע דראַמען ווערן אַרויסגעשטעלט ווי די בעסטע, ווי די עכטסטע דראַמען, ווייל זיי זיינען ניט געבונדן און גע־קייטלט מיט דער צייט, דאָס הייסט, ווייל זיי זיינען ניט קיין רעאַליס־טישע דראַמען.

קומט שפּעטער דער זעלביקער פּרץ הירשביין אַרויס מיט זיינע רעאַליסטישע סצענישע אידיליעס און מאַכט ממש צו־נישט פּרצעס גוטע מיינונג וועגן זיינע ערשטע דראַמען, ווייל דווקא אין זיינע רע־אַליסטישע סצענישע אידיליעס דערזעען מיר ערשט הירשביינען, דעם אמתן דראַמאַטורג.

אַ קריטיקער קאָן האָבן סימפּאַטיעס צו אַ געוויסער ריכטונג אָדער שטרעמונג אין דער ליטעראַטור, אָבער ער מוז אויך זיין אָביעקטיוו צו

אַלע אַנדערע ריכטונגען און שטרעמונגען. ער קאָן ניט זיין אַ קריטיקער בלויז פֿון איין ריכטונג, אָדער פֿון איין שטרעמונג אין דער ליטעראַטור.

נאָך ריכטיקער איז עס בנוגע טעאַטער־קריטיק, ווייל די סימבאָ־לישע דראַמען זיינען זייער קליין אין צאָל, און ווען זיי ווערן אַרויס־גענומען פֿון בוך און ווערן אַריבערגעטראָגן אויף דער סצענע, ווערן זיי, ווי געזאָגט, כּמעט רעאַליסטישע דראַמען.

אַ טעאַטער־קריטיקער, וואָס אָנערקענט בלויז סימבאָלישע דראַמען, האָט ווייניק, אָדער גאָרניט, צו טאָן ביים טעאַטער.

און זעט נאָר וואָס פֿאַר אַ בילד עס באַקומט זיך לויט פּרצעס דערקלערונג: שלום־עליכם איז פֿאָטאָגראַפֿיע, אַש האָט אַ שטיקל זכות, ווייל ער איז דאָ און דאָרט סימבאָליש, דוד פּינסקי איז אַ פֿאָ־טאָגראַף, דער איין־איינציקער דראַמאַטורג איז דער דאַמאָלסט יונגער פּרץ הירשביין, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן צו אַנטפּלעקן זיך ווי אַ דראַ־מאַטורג, וואָס האָט נאָך געבלאָנדזשעט און ניט געפֿונען זיין וועג.

און אין די רעצענזיעס איז פּרץ געטריי די דאָזיקע דערקלערונג זיינער, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט די דערקלערונג זיינע געמאַכט נאָך די רעצענזיעס. די דערקלערונג האָט ער געמאַכט אין יאָר 1907 און די ניין רעצענזיעס האָט ער געשריבן אין די יאָרן 1905־1906.

אין תּוך האָט ער אין דער דערקלערונג אַרויסגערוקט זיינע אייגענע דראַמען ווי די אמתע מוסטערס און ווי די עכטע דראַמען.

אַזאַ טעות קאָן קיין אמתער טעאַטער־קריטיקער ניט מאַכן. ער קאָן ניט, ווייל ער פֿאַרלייקנט דריי־פֿערטל דעם עקזיסטירנדיקן רעפּערטואַר און שטעלט אַרויס אַזעלכע פֿאָדערונגען דעם טעאַטער, וועלכע ער קאָן בשום ענין ואופֿן ניט נאָכקומען, ווייל זיי זיינען קעגן זיין גאַנצן מהות, ווייל דער טעאַטער אָפּערירט דורכאויס מיט רעאַליטעטן, מיט לעבע־דיקע מענטשן, מיט ממשותדיקער קליידונג, מיט ברעטער, מיט דעקאָ־ראַציעס געמאָלט אויף לייוונט, אָדער קאָנסטרואירט פֿון פּאַפּע־מאַשע, געהילץ און אַנדערע ממשותדיקע אַרטיקלען.

שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" איז אפֿשר ניט די אידע־אַלסטע פּיעסע, אָבער זי איז דורך און דורך טעאַטער, די ווערטער

זיינען איבערגעלאָדן מיט טעאַטראַלישקייט, זיי זיינען שפּיל, זיי זיינען פאַרב, זיי זיינען ממשותדיק, אין זיי איז דאָ דער לעבעדיקער מענטש מיט זיין אויסערלעכקייט און אינערלעכקייט.

איר זעט ממש, איר טאַפּט אָן דעם לעבעדיקן מענטשן אין די ווערטער, איר זעט זיינע באַוועגונגען, זיין באַנעמונג און זיין גאַנצן מהות.

אין הירשביינס דראַמען, וועגן וועלכע פּרץ רעדט, הערט איר בלויז קלאַנגען, אַבסטראַקטע קלאַנגען, אויף וועלכע איר קאָנט ניט אַרויפציען קיין טעאַטראַלן לבוש, איר קאָנט די ווערטער ניט פאַרוואַנדלען אין עפּעס וויזועלעס, און טעאַטער איז דאָך וויזועל. מען דאַרף זען אַ פאַר־שטעלונג און ניט הערן זי. דאָס וואָרט פון דער דראַמע גייט אַריבער אין וויזועלער אַקציע אין טעאַטער.

ווי די דראַמע ווערט אַרויסגענומען פון בוך און ווערט אַריבער־געטראָגן אויף דער סצענע קומט פאָר מיט איר אַ פאַרוואַנדלונג, אַ מעטאַמאָרפאָזע. די דראַמע ווערט וויזועל, זי ווערט אַ ווערק פאַרן אויג דער עיקרשט.

די דראַמע איז אַזוי געבויט; ווי זי ווערט אַרויסגענומען פון בוך און ווערט איבערגעטראָגן אויף דער סצענע קומט אין איר פאָר די דאָזיקע וואונדערלעכע פאַרוואַנדלונג, אָדער מעטאַמאָרפאָזע.

מיט די אַמאָליקע פּרץ הירשביינס דראַמען, וועלכע פּרץ שטעלט אַרויס ווי מוסטערס, קאָן עס ניט פּאַסירן, זיי קאָנען ניט ווערן וויזועל, ווייל דאָס וויזועלע איז ניטאָ אין זייערע ווערטער. עס איז דאָ בלויז קלאַנג, אַבסטראַקטער קלאַנג, וואָס קאָן ניט ווערן בילדלעך, אָדער וויזועל.

אמת, שלום אַשס דראַמען זיינען סימבאָליש, אָבער די סימבאָליש־קייט וואַקסט אַרויס פון דער רעאַלער וועלט, וואָס ער בויט אויף.

דאָס רעאַלע האָט איז זיך דאָס סימבאָלישע.

עס איז אַ טעות, אַז סימבאָלישקייט איז אין סתירה מיט דערווירק־לעכקייט; מיר זעען ניט קיין אַנדער וועלט אויסער די רעאַלע וועלט, אָבער אין די פאַלדן פון דער רעאַלער וועלט איז באַהאַלטן דאָס סימ־באָלישע.

מען טאָר ניט פֿאַרבייטן מליצה (געמיינט — אין גוטן זינען) מיט סימבאָליק. מליצה איז בכלל גאָר אויסגעליידיקט פֿון סימבאָליק. מליצה איז סטעריל און קאָן ניט געבוירן קיין סימבאָליק, אָבער דאָס רעאַלע, דאָס לעבעדיקע איז כּסדר שוואַנגער מיט סימבאָליק.

סימבאָליק איז דער דופֿט, דער ריח־ניחוח פֿון אַ רעאַלער בלום. די בלום קאָנט איר אָנטאַפּן מיט די הענט, דעם ריח אָבער קאָנט איר ניט אָנטאַפּן, איר מוזט נעמען צוהילף אַן אַנדער חוש צו דערשפּירן דעם ריח.

אָפּט שטויסט זיך פּרץ אַליין אָן אויף אָט דער בלוט־פֿאַרוואַנדשאַפֿט פֿון רעאַליזם און סימבאָליזם; אים געפֿעלט, למשל, שלום אַשס „גאָט פֿון נקמה". ער זאָגט בפֿירוש „אל נקמות" „איז, לויט מיין געשמאַק, אַ גרויסאַרטיק ווערק", אָבער ער האָט טענות צו אַשן און די טענות זיינען — פֿאַרוואָס איז אַש ניט רעאַליסטיש.

ער טענהט — פֿאַרוואָס טוט יאַנקל שאַבשאָוויטש ניט דאָס, וואָס אַלע פֿון זיין גלייכן טוען? „פֿאַרוואָס שיקט ער ניט אָרעמעלייט אויף שבתים און ימים טובים, פֿאַרוואָס האַלט ער ניט אויף קיין קראַנקע אין אַ שפּיטאָל, פֿאַרוואָס מאַכט ער ניט התונה יתומים און יתומות?..."

פֿאַרוואָס לאָזט יאַנקל שאַבשאָוויטש שרייבן גאָר אַ ספר־תורה?

ער קעמפֿט קעגן רעאַליזם, אָבער ער וויל, אַז יאַנקל שאַבשאָוויטש זאָל זיין ווי אַלע פֿון זיין גלייכן, דאָס הייסט — רעאַל...

ג.

ווי געזאָגט, די דראַמע ווערט נאָך באַהאַנדלט מער אָדער ווייניקער שאַרף און בליציק אין י. ל. פּרצעס רעצענזיעס, זי ווערט באַהאַנדלט ווי ליטעראַטור, ווי אַ בוך, דאָס הייסט, זיינע טעאַטער־רעצענזיעס זיינען ליטעראַטור־קריטישע, אָבער בשום אופֿן ניט קיין טעאַטער־קריטישע.

אין אַ טעאַטער־רעצענזיע איז די דראַמע בלויז אַ טייל פֿון אַ קינסטלעריש ווערק, וואָס הייסט פֿאַרשטעלונג, אָדער ספּעקטאַקל.

די דראַמע איז ניט מער וויכטיק אין דער פֿאַרשטעלונג ווי דאָס שפּילן פֿון שוישפּילער, פֿון דער מוזיק, אויב אַזעלכע איז דאָ; פֿון דער דעקאָראַציע, וואָס איז דאָ אין אַלע פֿאַרשטעלונגען, און פֿון דער

רעזשי, וואָס פֿאַרנעמט אין טעאַטער דאָס אָרט, וואָס דער דיריגענט פֿאַרנעמט אין אַ מוזיקאַלישן קאָנצערט, אָדער אין דער אויפֿפֿירונג פֿון אַן אָפּערע.

אַ פֿאַרשטעלונג אָדער אַ ספּעקטאַקל איז אַ גאַנצע קינסטלערישע קרעאַציע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די פֿאַרשטעלונג אָדער דער ספּעקטאַקל איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע קונסט־צווייגן.

אַ באַרופֿענער רעצענזענט אָדער טעאַטער־קריטיקער באַטראַכט אַ פֿאַרשטעלונג אָדער אַ ספּעקטאַקל ווי אַ גאַנץ ווערק און באַהאַנדלט זי אַזוי.

ראשית כּל קומט דער ספּעקטאַקל, די קרעאַציע, וואָס הייסט פֿאַר־שטעלונג, דערנאָך קאָן דער באַרופֿענער טעאַטער־קריטיקער באַטראַכטן יעדן קונסט־צווייג באַזונדער און אָפּשאַצן זייער צושטייער צום גאַנצן ספּעקטאַקל אָדער פֿאַרשטעלונג.

י. ל. פּרץ זעט ניט קיין פֿאַרשטעלונג, ער זעט בלויז אַ דראַמע, און אָט די דראַמע באַהאַנדלט ער ווי די פֿאַרשטעלונג.

די אַנדערע טיילן פֿון דער פֿאַרשטעלונג אינטערעסירן אים ניט, ער גייט זיי פֿאַרביי.

אַפֿילו די שוישפּילער, וואָס אַ סך ווילן האָבן, אַז זיי זיינען דער רוקנביין פֿון ספּעקטאַקל, גייט ער פֿאַרביי, ער שטעלט זיך ניט אָפּ געענוי אויף זייער צושטייער צו דער פֿאַרשטעלונג אָדער ספּעקטאַקל.

אָפֿט פֿאַרגעסט ער אין גאַנצן די שוישפּילער, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָר ניט עקזיסטירט, און ווען ער שטעלט זיך אָפּ אויף זיי איז נאָך ערגער, ווייל ער פּטרט זיי אָפּ מיט ווערטער אויסגעבאָרגטע ביי די ביליקע רעצענזענטן.

אָט האָט איר עטלעכע ביישפּילן:

„געשפּילט איז דאָס „שטיק" געוואָרן אין יידישן טעאַטער אויף קרולעווסקאַ, און געשפּילט איז עס געוואָרן מייסטערהאַפֿט!

„נעראַסלאַווסקאַ, מאירזאָן, אַדלער האָבן געגעבן קאָנצערט".

דאָ האָט איר צוויי קריטישע באַצייכענונגען ממש געבאָרגט ביי די לומפּן־רעצענזענטן, וואָס טרינקען מיטן ליבהאָבער אָדער קאָמיקער פֿון דער טרופּע נאָך יעדן ספּעקטאַקל ביז דעליריום.

וואָס זאָגט אונדז וועגן שפּילן פֿון דעם אָדער יענעם שוישפּילער, ווען דער טעאַטער־קריטיקער שרייבט, אַז ער אָדער זי האָבן געשפּילט מייסטערהאַפֿט ?

ער זאָגט אונדז לחלוטין גאָרנישט, בפֿרט נאָך ווען ער נעמט צו־זאַמען פֿיר־פֿינף שוישפּילער און ער שרייבט — זיי אַלע האָבן גע־שפּילט מייסטערהאַפֿט.

ווי איז עס — עס איז גאָר ניטאָ קיין גראַדאַציעס אין דער קוואַ־ליטעט פֿון שפּילן, עס זיינען גאָר ניטאָ קיין סימנים פֿון אינדיווידו־עלישקייט ביי בינע־קינסטלער אין זייער שפּילן ?

אינדיווידועלישקייט איז דאָך דער הויפּט־סימן פֿון אַ קינסטלער, אָן דעם איז ער קיין קינסטלער ניט. בפֿרט נאָך שוישפּילער, וואָס יעדער שפּילט גאָר אַן אַנדער ראָלע. עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז אַלע זאָלן שפּילן איין ראָלע !

די באַצייכענונג „זיי האָבן געגעבן קאָנצערט” זאָגט נאָך וויניקער.

וואָס הייסט זיי האָבן געגעבן קאָנצערט ? עס זיינען דאָך דאָ גוטע קאָנצערטן און שלעכטע קאָנצערטן.

אָריגינעל האָט די דאָזיקע באַצייכענונג געמיינט, אַז די איינשפּי־לונג, אָדער דער צוזאַמענשפּיל, איז געווען ווי אין אַ קאָנצערט, וואו איבער יעדן וואַכט דער דיריגענט און וואו יעדער שפּילט לויט נאָטן און פֿילט זיך ווי אַ שרייפֿל אין דער וואונדערלעכסטער מאַשין, וואָס הייסט אָרקעסטער.

מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ וואָרט אָן אינהאַלט. ווען אַ רע־צענזענט קומט אין רעדאַקציע נאָך דער פֿאָרשטעלונג און ער האָט קיין צייט ניט, אָדער ער ווייסט ניט ווי אַזוי צו קוואַליפֿיצירן די באַזונדערע שוישפּילערישע אויפֿטואונגען אין דער אויפֿפֿירונג, פּטרט ער עס אָפּ מיטן וואָרט — „קאָנצערט”.

דאָס שטיק גאָרדינס „די ברידער לוריא” געפֿעלט פּרצן לחלוטין ניט, ער לאַכט עס אויס מיט דעם טיפּישן שאַרפֿן סאַרקאַזם פּרצעס.

איז ווי קאָן מען שפּילן „מייסטערהאַפֿט” אָדער „געבן קאָנצערט” אין אַ שטיק, וואָס איז ניט ווערט מען זאָל עס אויפֿפֿירן ?

אַ לענגערע רעצענזיע איבער „צעזייט און צעשפּרייט״ באַהאַנדלט בלויז די דראַמע אויף גאַנצע פיר זייטלעך, וועגן דעם שפּילן זיינען דאָ בלויז זעקס שורותלעך:

„געשפּילט איז די זאַך געוואָרן אין אַלגעמיין גוט. אויסגעצייכנט האָט זיך מאַירסאָן (דער פֿאָטער). אַדלער האָט שלעכט פֿאַרשטאַנען די ראָלע פֿון שליח, וואָס ברעכט אָפּ די תּנאים. ער דאַרף זיין אַ דורכגע־טריבענער כּל־בו, וואָס שינדט פֿון אויפֿגעקומענעם גביר די הויט, און ער האָט געשפּילט אַ נאַרישן שדכן, אָבער, לויט זיין פֿאַרשטענדעניש, די ראָלע גוט אויסגעפֿירט״.

דאָס אַלץ וועגן שפּילן, קיין וואָרט וועגן צוזאַמענשפּיל, אָדער רעזשי, קיין וואָרט וועגן דער איינשטעלונג פֿון טיפּאַזש, וואָס איז אַזוי וויכטיק ביי שלום־עליכמען, קיין פּאַראַלעל צווישן דער קאָמעדיע און בוך און וואָס מען האָט געמאַכט פֿון איר אויף דער סצענע, קיין וואָרט וועגן דעם שפּילן פֿון די צענטראַלע פֿיגורן און די עפּיזאָדישע כאַ־ראַקטערן, קיין וואָרט ניט וועגן דער דעקאָראַציע, קיין וואָרט וועגן דער אויסשטאַטונג, אַזוי ווי דאָס אַלץ איז פֿון אַזאַ קלענער וויכטיקייט, אַז עס לוינט גאָר ניט זיך אָפּצושטעלן אויף זיי.

ער שטעלט זיך אָפּ ממש דעמאָנסטראַטיוו בלויז אויף דער קאָ־מעדיע. זי איז דער עיקר, זי איז אַלץ.

און אין יאָר 1906 זיינען די נייע טעאָריעס וועגן רעזשי, וועגן דער ראָלע פֿון שוישפּילער אין דער אויפֿפֿירונג און וועגן דער ראָלע פֿון דער דעקאָראַציע און אויסשטאַטונג שוין געווען גענוג פּאָפּולער, אַז זי זאָל דערגיין צו יעדן טעאַטער־קריטיקער.

אין זיין רעצענזיע איבער דוד פּינסקיס „מוטער״ איז דאָ אין סאַמע מיטן עטלעכע שורות וועגן דעם שפּילן:

„די דראַמע מאַכט אַן איינדרוק, האָט שטאַרקע, זייער שטאַרקע מאָמענטן, און דאָך — איז אין אַלגעמיין דער איינדרוק נישט אַזוי שטאַרק ווי ער האָט געקאָנט זיין.

„און שולדיק איז ניט דאָס שפּילן. פֿרוי קאַמינסקאַ האָט די הויפּט־ראָלע געשפּילט מייסטערהאַפֿט, די אַנדערע — גוט, אַפֿילו דאָס קליינע איינִיקל האָט גוט געשפּילט, אַן אויף דער סצענע געבוירן קינד״.

דאָ האָט ער ווידער כּמעט ווידערהאָלט וואָרט ביי וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם שפּילן פון שלום־עליכמס „צעזייט און צע־שפּרייט".

און דאָ האָבן מיר דאָך פאַר זיך צוויי פאַרשיידענע אויפפירונגען פון צוויי אין גאַנצן פאַרשיידענע דראַמען.

דאָס שפּילן האָט דאָך געמוזט זיין פאַרשיידן!

בלויז אין איין רעצענזיע, אין דער רעצענזיע וועגן דער אויפ־פירונג פון מאַרק אַרנשטיינס „דער ווילנער בעל־הביתל", האָבן מיר עטלעכע ביז גאָר טרעפלעכע באַמערקונגען וועגן שפּילן און אַפילו וועגן גרים.

ער לויבט אסתּר רחל קאַמינסקיס שפּילן, ער האַלט, אַז זי איז אַביסל איבערטריבן, אָבער ער איז מלמד־זכות אויף איר — „עס איז זייער שווער צו האַלטן זיך אין אַ ראָלע, וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָליש־דעקאַדענטיש אין אַ יידיש־ליטוויש הויז פאַרצייטן".

ער לויבט ווייסמאַנס שפּילן (דער קאָמיקער אין דער ליטעראַרי־שער טרופּע) א.אַ., ווייל דאָס זיינען די איינציקע רעאַל (רעאַליסטיש) באַהאַנדלטע און גאַנצע פּערזאָנען.

און צום סוף ווייזט ער אָן אויף דער אייביקער קראַנקייט פון יידישן טעאַטער — דאָס פעלן פון יונגע קרעפטן אין דער טרופּע.

און ער שרייט אויס פאַרצווייפלט:

„ווייטער דאָס זעלבע: דלות, דלות!..."

יאָ, דאָ און דאָרט דערשפּירט ער אינטואיטיוו דעם טעאַטער און טייטלט מיטן פינגער אויף זיינע היגטערשטעליקייטן ממש פאַכמעניש.

ד.

דערפאַר, ווען ער דאַרף ניט רעצענזירן, ווען ער איז פריי צו זיין פרץ, צו זיין פרץ דער בליציקער עסייאיסט, פעליעטאָניסט און גאָט־געבענטשטער שריפטשטעלער, איז ער ממש פאַרכאַפּנדיק.

זיין פעליעטאָן וועגן דער אויפפירונג פון מאַקסים גאָרקיס „נאַ־דניע" איז ממש אַ פּערל אין דעם יידישן עסייאיסטישן פעליעטאָן.

ער האַלט פֿון גאַרקין אַן עולם ומלואו, און ווען מען פֿירט אויף אין יידישן טעאַטער גאַרקיס באַרימטע דראַמע, גייט ער זען די אויפֿפֿירונג, אָבער ער שרייבט ניט קיין רעצענזיע וועגן דער דראַמע און ניט וועגן שפּילן, ער באַשרייבט די רעאַקציע פֿון דעם יידישן טעאַטער־באַזוכער אויף דער אויפֿפֿירונג.

דער סאַטירישער עלעמענט אין דעם דאָזיקן עסייאיסטישן פֿעליעטאָן אין ממש חלפֿדיק שאַרף.

אַט האָט איר די רעאַקציע פֿון אַ הייסן נאַציאָנאַליסט נאָך איידער ער האָט געזען די אויפֿפֿירונג:

„היינטיקע צייטן... האַמעל... אַנאַרכיסטישע אַנפֿאַלן.. בעלי־בתים באַקומען ניט קיין דירה־געלט... דלות... ניט זיכערקייט מיטן לעבן... רעפּרעסיעס... געשיסעריי... פּחד פֿאַר נייע פּאָגראָמען...

„איך וויס... איך וויס: יידישע קולטור, יידישע קונסט, יידישע נשמה, וויכטיק, זייער, זייער וויכטיק — אויסריייניקן די שטאַל — מען מוז אַרויסטרייבן די סוחרים פֿון בית־המקדש — דעם פּובליקום אַריינפּליסן געשמאַק — אָבער מענטש! האַמעל און טעאַטער! אַ נאָך ניט פֿאַרלאָשן פֿייער און די סצענע, נאָך ניט פֿאַרטריקנט בלוט און די בינע!״

און פּרץ גיט אַ פֿרעג דעם זודיקן נאַציאָנאַליסט:

„און דו, וואו אַהין גייסטו?״

„איך? איך? איך גיי אין צירק...״

ער האָט מורא אַריינצוגיין אין טעאַטער — „אַזאַ פֿרעמד לעבן, אַזוי אייגנאַרטיק רוסיש, און פֿון סאַמעראָדנע קעסל־גרוב אין רוסישן וואַסער — צי וועט זיך דער יידישער אַקטיאָר קאָנען אַריינטראַכטן, אַריינפֿילן און איבערגעבן די זאַך? און ווי וועט זיך פֿאַרהאַלטן דאָס פּובליקום צו אַ דראַמע אָן אַ מעשה־נורא, אָן טענץ, אָן גרויסע געשעענישן? צי וועט עס פֿאַרשטיין דעם גרוי־געמאַלטן גהינום?״

אין טעאַטער ווערט ער איבערראַשט — דער יידישער אַקטיאָר האָט באַנומען די פּיעסע.

„איך זע״, שרייבט פּרץ, „אַז דער יידישער נע־ונדניק, מיט זיין גלות־פֿעאיקייט צו לעבן אין אַלע ספֿערן, צו עסן ברויט פֿון אַלע אויוונס,

בעסער געזאָגט: צו הונגערן אויף אַלע „ארבע כנפות הארץ" — וועט ביישטיין".

ביטער אַנטוישט האָט אים דאָס פּובליקום:

אַט דערהערט ער ווי אַ מאַן זאָגט זיין פרוי:

„קום אַהיים, סאַלטשע! גענוג, קום!"

און אַן אַנדער ייד זאָגט גענוג הויך:

„אַ שיין פאַרוויילונג, שיכּורים, קאַטאַרזשניקעס... און פאַר דעם צאָל געלט".

און אַרויסגייענדיק פון טעאַטער אַנטוישט און פאַרביטערט יאָגט אים אַן אַ ייד און זאָגט בייז:

„נו, וואָס זאָגט איר אַציגד? איר האָט אויסגעפירט, אַ וויכטיק שטיק? אַ דראַמע איז עס? האָ? עס איז אַפילו קיין רעכטע ליבע נישטאָ! אַ גנב, אַ שיכּור — און ווייטער אַ גנב און ווייטער אַ שיכּור..."

ער איז דאָ ניט קיין טעאַטער־קריטיקער, ער איז דאָ פּרץ, איז אַלץ שאַרף, בליציק, בייסיק און יאושדיק.

דאָ האָט ער וועגן שטיק גופא אַנגעשריבן דעם שענסטן עסיי. עס איז ניט קיין קריטישע אָפּהאַנדלונג, עס איז אַ מעדיטאַציע וועגן אַ גרויס ווערק, עס איז אַ רעווערי וועגן אַ קונסטווערק, וואָס האָט אים טיף גערירט.

עס איז דער אויסגוס פון אַ גרויסן קינסטלער וועגן דער שאַפונג פון אַן אַנדער קינסטלער.

אַט זיינען אַ פּאָר שורות:

„קיין אויסגאַנג, קיין רעטונג פאַר די אַראָפּגעשטויסענע...

„און ניט אין דעם אַליין שטעקט די טראַגעדיע, די טראַגעדיע שטעקט דערינען, וואָס דאָס מענטשלעכע אין זיי קאָן נישט אין גאַנצן אויסגעלאָשן ווערן, פון אונטערן אַש וועקן זיך פונקען... האָפע־נונגען..."

יאָ, דער קינסטלער פּרץ האָט קיין טעאַטער־קריטיקער ניט גע־קאָנט זיין; אינטואיציע אַליין איז דאָ ניט גענוג... און פּרץ איז געווען צופיל קינסטלער...

ה.

זיין קליינע זאמלונג פון טעאטער־רעצענזיעס פארענדיקט זיך מיט אן „איכה״ וועגן יידישן טעאטער.

עס פארענדיקט זיך מיט א פעליעטאן, וואס הייסט „אוי, דלות, דלות!״, א ווערטל אויסגעבארגט ביי איינעם פון יעקב גארדינס פארשוינען.

דאס איז א ביטער געזעגענונגס־ווארט פון דעם פלאמיקן פרץ, וואס איז צוגעפאלן צום יידישן טעאטער מיט זיין גרויסן ברען און מיט זיין גרויסער אויפריכטיקייט, און איז אוועק אבל וחפוי ראש.

און אוועק איז ער אויף ניט צוריקקומען.

ער האט דעם משקולתדיקן בריק, וואס ער האט אויפגעבויט אויף איין פוס צווישן אים און דעם יידישן טעאטער, אליין פארברענט הינטער זיך.

און אט איז זיין הארצרייסנדיקע איכה:

ער באטראכט דעם יידישן טעאטער ניט ווי א באזונדערע קולטור־דערשיינונג אין אונדזער קולטור־לעבן; דער יידישער טעאטער איז פאר אים א טייל פון דער יידישער קולטור, אי פון דער וועלטלעכער און אי פון רעליגיעזער קולטור.

„קענט איר די סוכה״, שרייבט ער, „אין וועלכער מיר נעמען אויף אונדזערע טייערסטע און הייליקסטע געסט — די אושפיזין? קענט איר דעם פלאץ אויפן הויף, אויף וועלכן די סוכה שטייט? דאס מא־טעריאל, פון וועלכן זי איז געשטעלט?

„אויפן מיסט צווישן ברעטער, טירן פון איבערגעבויטע הייזער רופן מיר מלאכים און אבות צו גאסט, און דאס איז דער זכר פון דער אמאליקער פרייער סוכה אויף פרייע וויינגערטנער און פעלדער?

„קענט איר די הייזער, אין וועלכע מיר גיסן אויס אונדזער הארץ פאר גאט? וואו מיר ווייגען פאר און נאך פאגראמען? וואו מיר קומען, בלייכע און וואקלדיקע נאך א תענית, לייענען „ויחל״ און טאנצנדיק, יום־טוב זינגען „היום תאמצנו?״

און אזוי גייט ער און פרעגט:

קענט איר דאס יידישע בית־עלמין?

קענט איר די איינגעבויגענע מצבות?
קענט איר דעם יידישן חדר?
דאָס יידישע טעאַטער קאָן קיין אויסנאַם ניט זיין.

„עס איז צוזאַמענגעשטעלט, ווי אונדזער סוכה, פֿון אַלטע ברעטער, עס איז אַזוי ריין ווי אונדזערע „שטיבלעך״, ער שטייט אַזוי זיכער און פֿעסט ווי אונדזערע מצבות אויף אונדזערע בית־עלמינס״.

שולדיק איז דער דלות.
און ער פֿאַרענדיקט מיט גרויסן און טיפֿן יאוש:
אוי, דלות, דלות...

אַט אַזוי האָט זיך געענדיקט, אַט אַזוי איז אויסגעלאָשן געוואָרן פּרצעס ברען...

געקומען אַ פּרינץ צום יידישן טעאַטער, איז ניט געווען ווער עס זאָל אים אויפֿנעמען, געקומען אַ גרויסער קינסטלער צום יידישן טעאַטער, איז ניט געווען ווער עס זאָל אים פֿאַרשטיין...

איז ער געשטאַנען ביי דער טיר, געשטאַנען און געוואַרט און געהאַפֿט.

ער איז גרייט געווען צו טאָן אַלע מלאכות, ער האָט אַפֿילו רע־צענזיעס געשריבן, אָבער די טיר איז געבליבן פֿאַרהאַקט און פֿאַרריגלט.

און ער איז אַ פֿאַרשעמטער און אַ פֿאַרביטערטער אַוועק.
און האָט זיך קיינמאָל ניט צוריקגעקערט...
ער איז געבליבן שטיין פֿון וויטן.
דאָ האָט איר דעם גרויסן טראַגיזם פֿון אַ יידישן קינסטלער.

און פּרץ איז ניט דער איינציקער, נאָך פּרצן האָבן אַ סך יידישע קינסטלער געקלאַפּט אין דער טיר פֿון יידישן טעאַטער.

אייניקע האָט מען אַריינגעלאָזן אויף אַ ווײַלע, כּדי צו קאָנען זיי אַרויסוואַרפֿן...

אַ סך זיינען זיי געקומען, אַ סך האָבן אָנגעבאָטן דעם יידישן טעאַטער זייערע שאַפֿונגען, זיי האָבן געוואָלט דאָס יידישע טעאַטער העלפֿן זיך אויפֿצוהייבן צו דער יידישער ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור איז אַוועק ווייטער, האָט די יידישע ליטעראַטור געוואָלט מיטנעמען דעם יידישן טעאַטער, געבן אים אַ שטיקל קפֿיצת־הדרך...

אָבער ער האָט פֿאַרעקשנט אָפּגעשטויסן די ברידערלעכע האַנט פֿון דער יידישער ליטעראַטור...

די מעשה־פּרץ און זיין קלאַפּן אין די טירן פֿון דעם יידישן טע־אַטער איז די סאַמע טרויערדיקע, די סאַמע האַרצרייסנדיקע.

עס איז אַ מעשה מיט אַ פּרינץ, וואָס האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט אין דער אָרעמער טיר פֿון דעם יידישן טעאַטער. ער האָט אים קינסט־לערישע אוצרות געבראַכט, און די טיר איז געבליבן פֿאַרהאַקט...

און פֿון אַזעלכע באַגעגענישן פֿון דעם וועלט־טעאַטער מיט פּרינצן פֿון גייסט איז ניט איין טעאַטער אויפֿגעריכט געוואָרן און האָבן פֿון זיי באַקומען זייער גלאַנץ און פּראַכט.

אַ סך אַזעלכע וואונדער־מעשיות האָט די געשיכטע פֿון דעם וועלט־טעאַטער צו דערציילן גאָר אַ סך.

עס איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז פּרץ מיט זיין ברען, מיט זיין גרויסן טאַלאַנט וואָלט געקאָנט אויפֿטאָן פֿאַרן יידישן טעאַטער אפֿשר ניט ווייניקער וויפֿיל ער האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור.

און ער האָט ניט באַדאַרפֿט דווקא שרייבן קיין טעאַטער־רעצענ־זיעס, פּונקט ווי ער האָט ניט געשריבן קיין ליטעראַטור־קריטיק.

פּרץ האָט געשאַפֿן אַרום זיך אַ קינסטלערישע אַטמאָספֿער. זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט האָט סטימולירט צו שעפֿערישקייט און האָט פֿאַרטריבן באַנאַליטעט, שאַבלאָן און קינסטלערישע אומפּרוכט־באַרקייט.

ער האָט ניט באַדאַרפֿט שרייבן קיין טעאַטער־רעצענזיעס. דאָס איז געווען בלויז אַ ניט־נייטיקער פֿאַרברויך פֿון זיין טייערער שעפֿערישער ענערגיע, אָבער דאָס האָט דעמאָנסטרירט זיין גרויסן ברען און זיין גרויסע באַגייסטערונג.

עס איז אָבער ניט געווען אין יידישן טעאַטער קיין איינער וואָס זאָל בלויז אָנען ווער עס קלאַפּט אין זיינע טירן.

יאָ, עס איז אַ טרויעריקע מעשהלע וועגן אַ פּרינץ, וואָס האָט גע־קלאַפּט אין די טירן פֿון אַן אָרעמען טעאַטער און אים געוואָלט באַגליקן, אָבער קיינער האָט די טיר ניט געעפֿנט...

י. ל. פּרץ דערציילט
אַ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטע

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

י. ל. פּרץ איז געווען שטענדיק אַרומגערינגלט פון יונגע שרייבער. ער אַליין איז געווען כסדר יונג, כסדר אימפּעטיק און כסדר צאַפּלדיק. די יונגע שרייבער האָבן קיינמאָל ניט געפילט, אַז פּרץ איז אַן עלטערער מענטש; איז אין פּרצעס הויז שטענדיק געשטאַנען דער לעבעדיקער, מחיהדיקער טומל פון יוגנט.

עלטערע שריפטשטעלער פלעגן אויסווייכן פּרצן. דאָס איז אַ פאַקט. פּרץ האָט ניט געהאַט צווישן זיינע נאָענטע און שטענדיקע פריינד קיין עלטערע שריפטשטעלער. דער איינציקער פריינד פּרצעס פון די על־טערע שרייבער איז געווען יעקב דינעזאָן.

און אין דער דאָזיקער פריינדשאַפט איז געווען אויך עפּעס טראַ־גישעס. וועגן דאָס טראַגישע אין דער גרויסער פריינדשאַפט צווישן פּרצן און דינעזאָנען האָט מען כמעט גאָרניט געהערט. פּרץ אַליין האָט וועגן דעם אויך קיין מאָל ניט גערעדט, און ניט מחמת ער האָט עס ניט באַמערקט. בפירוש ניין. ער האָט ניט גערעדט וועגן דעם, ווייל עס איז געווען אַ זייער אַנגעווייטאָגט אָרט אין דער גרויסער פריינדשאַפט צווישן די צוויי שריפטשטעלער.

עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז יעקב דינעזאָן איז געוואָרן אין גאַנצן אויס שרייבער זינט ער האָט זיך באַפריינדט מיט פּרצן; ער האָט פאַרלוירן אין גאַנצן זיינע אייגענע שרייבערישע אַמביציעס און חלומות. ער האָט קיין שום שרייבערישע אַמביציעס ניט געהאַט. זיינע שרייבערישע אַמ־ביציעס און חלומות האָבן זיך אין גאַנצן אויפגעלייזט אין פּרצעס שרייבערישע אַמביציעס און חלומות.

דינעזאָן האָט ממש געלעבט מיט פּרצעס שרייבערישע אַמביציעס. האָט פּרץ אָנגעשריבן עפּעס נייעס, איז י. דינעזאָן אַרומגעגאַנגען אַ גליקלעכער, נאָך גליקלעכער ווי פּרץ אַליין. ער פלעגט צענדלינגער

מאָל איבערלייענען פּרצעס נייע שאַפונג פאַר יעדן און זיין קליין און אַלט געזיכט האָט געלויכטן פון פריד.

און י. דינעזאָן איז דאָך געווען איידער ער האָט זיך באַפריינדט מיט פּרצן אַ שרייבער מיט טאַלאַנט, אמת ניט קיין גאָר גרויסער, אָבער מיט אַן איינגעשטעלטן, מיט אַן אייגן פנים און מיט אַן אָנגעזען אָרט אין דער ליטעראַטור.

זינט דער פריינדשאַפט מיט פּרצן איז זיין טאַלאַנט ממש ווי אָפּ־געשטאָרבן. ער האָט קיין דערציילונגען מער ניט געשריבן. פון צייט צו צייט פלעגט ער שרייבן בלויז זכרונות, און דאָס אויך אַן ברען, אַן שרייבערישער אַמביציע.

פריינד פון פּרץ און פון דינעזאָן פלעגט רעדן וועגן דינעזאָנס פריינדשאַפט צו פּרצן ווי וועגן עפּעס פאַטאַלס פאַר דינעזאָנען; מען פלעגט זאָגן, אַז דינעזאָן איז אַ קרבן פון זיין גרויסער פריינדשאַפט. ער האָט מקריב געווען דאָס איינציקסטע און דאָס טייערסטע, וואָס איז אים געבליבן אין זיין אָרעמען אַלט־בחורשן לעבן — זיין טאַלאַנט.

דינעזאָן אַליין האָט עס גאָר ניט גענומען טראַגיש. ער האָט זיך געפילט גליקלעך אין דער פריינדשאַפט צו פּרצן. ער איז אויף די עלטערע יאָרן אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דער אַלט־בחורישער איינזאַמקייט און עלנט. ער האָט געפונען אַ היים אין פּרצעס הויז; ער האָט געפונען אַ פאַמיליע, פאַר וועלכער צו זאָרגן; פּרצעס פאַמיליע איז געוואָרן זיין פאַמיליע, און פּרץ אַליין איז פאַר אים געווען דער וואונדערלעכער בן־יחיד זיינער, דאָס שוואַרצאַפּל פון זיין אויג און די גרויסע, ריינע ליבע זיינע.

יונגע שרייבער פלעגן דווקא אינספּירירט ווערן פון פּרצעס פריינדשאַפט. אַ היפּש ביסל פריינד פּרצעס זיינען געוואָרן שרייבער דורך פּרצעס פריינדשאַפט און אונטער זיין איינפלוס. איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז צוויי נעמען — י. י. טרונקן און אַלטער קאַציזנע. זיי זיינען געוואָרן שרייבער דורך פּרצעס אינספּיראַציע; זיי האָבן זייערע שרייבערישע אַמביציעס און חלומות באַקומען דורך זייער פריינדשאַפט מיט פּרצן.

פּרץ האָט פֿאַרמאָגט דעם כּישוף צו אינספּירירן יונגע שרייבער. ער פֿלעגט ווערן זייער האַרציקער און נאָענטער חבר. ער פֿלעגט זיי צערטלען און פֿלעגט זיך טאַקע פֿאַרנעמען ערנסט מיט זייערע ווערק.

עלטערע שרייבער האָבן עפּעס ניט ליב געהאַט פּרצן. זיי פֿלעגן אים אויסווייכן. זיי האָבן עפּעס מורא געהאַט פֿאַר אים. אין וואָס עס איז באַשטאַנען די מורא, וואָס איז געווען די סיבה פֿון דער מורא, האָבן זיי ניט געקאָנט דערקלערן. זיי האָבן אָבער געפֿילט עפּעס אַזוינס ווי אַ געפֿאַר אין אַ פֿריינדשאַפֿט מיט פּרצן.

אפֿשר איז דער פֿאַל מיט י. דינעזאָנען געשטאַנען פֿאַר זייערע אויגן און האָט זיי געוואָרנט: — היט זיך!...

איך גלויב, אַז עס איז געווען מער פּרצעס שולד. ער האָט פּשוט ניט ליב געהאַט צו האָבן אַרום זיך קיין עלטערע שרייבער מיט איינגעשטעלטע רעפּוטאַציעס, און דער עיקר — מיט אויסגעטראָטענע ליטעראַרישע וועגן. ווען ער פֿלעגט זיך באַגעגענען מיט עלטערע שרייבער איז ער געוואָרן סאַרקאַסטיש, בייסיק און לייכט, שטעכעדיק הומאָריסטיש און אומגעדולדיק.

און עס פֿלעגט זיך באַלד פֿילן אַ פֿיינדלעכקייט, אַ מאַסקירטע, אָבער אַ געצנוג אָפֿענע פֿאַר נאָענטע מענטשן, צווישן אים און די עלטערע שריפֿטשטעלער.

פּרץ פֿלעגט אַמאָל זאָגן וועגן דעם אָדער יענעם עלטערן שרייבער — איך ווייס פֿאָראויס זיינע טעמעס, און איך ווייס גענוי ווי ער וועט זיי באַאַרבעטן.

אַן אויסנאָם האָט ער געמאַכט פֿאַרן זיידן מענדעלע, — אמתע אַכטונג און פֿאַרערונג איז געווען אין זיין באַציאונג צו מענדעלען.

דאָס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַרויסגעוויזן, ווען דער זיידע האָט באַזוכט, אין יאָר 1909, וואַרשע. פּרץ איז ממש ניט אָפּגעטראָטן פֿון דעם זיידן. ער האָט געקוקט אויף דעם 75־יעריקן זקן מיט גרויס ליבע און זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט צו איטלעכס וואָרט, וואָס דער אַלטער האָט געזאָגט.

פֿלעגט מען זען אַרום פּרצן שטענדיק יונגע שרייבערס, יונגע מאָלערס און יונגע מוזיקערס. די יונגע שרייבערס האָבן קיין מאָל ניט באַ־

טראַכט פרצן פאַר אַן עלטערן מענטשן, און ווען פרצעס פרוי פלעגט אַמאָל אַריינקומען מיט אַ לעפּעלע מעדיצין, אָדער מיט אַ פּיל, פלעגט עס אונדז, יונגע, זיין שטאַרק חידושדיק און אַפילו פאַרדראָסיק, און איייניקע פלעגן בייזלעך אַ ברום טאָן, — זי וויל אים מאַכן פאַר אַן אַלטן מאַן, זי וויל אים מאַכן אַלט ווי זי איז, כאָטש מאַדאַם פרץ איז געווען יינגער פאַר פרצן.

און פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער שרייבער אין פרצעס הויז און איז געוואָרן אַ פאַרקאַכטער פריינד פרצעס, און פרץ פון זיין זייט האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו אים.

דער עלטערער שרייבער איז געווען ש. אַנ־סקי.

באַקענט האָט זיך פרץ מיט ש. אַנסקין אין אַן אַנדער שטאָט, אין אַ שטאָט ערגעץ אין רוסלאַנד, און אַנ־סקי איז צוגעפאָלן צו פרצן און עס איז געוואָרן צווישן זיי אַ וואַרעמע און זייער אויפריכטיקע פריינד־שאַפט.

אַנ־סקי פלעגט זיך אָפט אַראָפּלאָזן קיין וואַרשע ספּעציעל צו זיין מיט פרצן אַ שטיקל צייט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען ביי פרצן מיט זיין יונגער, שיינער און ליכטזיניקער פרוי.

עס איז אונדז אַלעמען געווען אַביסל פריקרע צו זען דעם געבוירענעם עלטערן ש. אַנ־סקי מיט אַזאַ יונגער און ביז גאָר שיינער פרוי. עס איז געווען ניט אַנגענעם און אַפילו ניט שיינס אין דעם שידוך.

דער סוף איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ טרויעריקער. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט אים די יונגע און שיינע פרוי פאַרלאָזן.

זי איז געווען יונג, ליכטזיניק און האָט געהאַט די באַקאַנטע וויי־בערישע שוואַכקייט צו באַרימטע מענטשן; אַנ־סקי איז געווען פּאָפּולער. די סיבה פון זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט איז שווער צו דערקלערן. אַ שרייבער איז ער געווען אַ פינפט־קלאַסיקער, אָבער זיין קאַריערע ווי אַ שרייבער האָט ער געמאַכט אין רוסיש. ער איז, אמת, ניט געווען קענטיק אין דער רוסישער ליטעראַטור, אָבער ביי יידישע האַלבע אינ־טעליגענטן איז אַ רוסישער שרייבער, אַפילו אַ פינפט־קלאַסיקער, אויך געווען אַ גרויסער יחוס. אַחוץ דעם איז אַנ־סקין פאַראויסגעגאַנגען זיין

נאָמען ווי אַ רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען אַן אַנגעזעענער טוער אין דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. אַגב איז ער סתּם געווען אַ זייער סימפּאַטישער, אַ זייער האַרציקער מענטש, און דאָס מיידל, זיין פֿרוי פֿאַר אַ קורצער צייט, האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז זי וועט אַריינ־געפֿירט ווערן אין דער רוסישער ליטעראַרישער וועלט און וועט שפּילן די ראָלע ווי אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ ליטעראַרישן סאַלאָן.

זי האָט אָבער דערזען פֿאַר זיך אַן אָרעם מאַטעריעל לעבן און דאָס גייסטיקע ליטעראַרישע לעבן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז גאָר ניט אַזוי רייצנדיק, גאָר ניט אַזוי פֿאַרכאַפּנדיק פֿאַר איר.

האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שטאַרקע, אָבער אַ זייער קורצע, דראַמע אין דעם לעבן פֿון דעם גוטן ש. אַנ־סקי.

אין פּרצעס הויז האָט מען ניט נאָר געוואוסט פֿון דער דאָזיקער דראַמע, מען האָט זי אַפֿילו איבערגעלעבט.

און אָט פֿאַלט אַריין אַמאָל צו פּרצן ש. אַנ־סקי מיט זיין ליבן ווידעשן שמייכל און מיט זיין האַרציקייט.

אַנגעהאַלדזט זיך, צעקושט אויפֿן רוסישן שטייגער, פֿרעגט פּרץ ביי אַנ־סקין:

— געבראַכט עפּעס סחורה?

מיר האָבן געוואוסט וועגן וואָס פֿאַר אַ סחורה עס רעדט זיך דאָ.

ש. אַנ־סקי איז ארומגעפֿאָרן פֿון דער פּעטערבורגער היסטאָריש־געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט איבער יידישע שטעט און שטעטלעך צו זאַמלען יידישן פֿאָלקלאָר — פֿאָלקס־מעשיות, לעגענדעס, לידער, ניגונים, אַלט יידישע, רעליגיעזע חפֿצים און כּתבֿ־ידן.

ש. אַנסקי איז געווען דער אָנפֿירער פֿון אַזאַ וויסנשאַפֿטלעכער עקספּעדיציע, און י. ל. פּרץ האָט אין אַנ־סקין געפֿונען ממש אַן אוצר פֿון יידישע פֿאָלקס־מעשיות, לעגענדעס און פֿאָלקס־לידער. איז ווען אַנ־סקי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין וואַרשע, האָט פּרץ ביי אים אויס־געפּאָמפּעט מאַטעריאַל פֿאַר זיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. אַנ־סקי

פֿלעגט קיינמאָל ניט קומען מיט ליידיקע הענט צו פּרצן, ער פֿלעגט אַלע מאָל עפּעס ברענגען.

נאָך די ערשטע וואַרעמע באַגעגעניש־מינוטן, פֿלעגט זיך פּרץ אַוועקזעצן לעבן אַנ־סקין און מיט זיינע גרויסע שמייכלענדיקע אויגן אַ זאָג טאָן:

— נו, אַרויס מיט דער סחורה.

אַנ־סקי פֿלעגט אַרויסנעמען אַ קליין ביכעלע פֿון אַ קעשענע, פֿלעגט דאָרט זוכן און פֿלעגט אָנהייבן דערציילן.

ניט אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, פֿלעגט געפֿעלן פּרצן. ער פֿלעגט אָפֿט איבעררייסן אַנ־סקין און אַ זאָג טאָן:

— דאָס איז פֿאַלש, דאָס איז פֿרעמדס! זוך אויס עפּעס בעסערס. אין וועלכן געגנט האָסטו עס באַקומען, בעסאַראַביע? איז עס צו־וואָלכיש?

אַנ־סקי פֿלעגט שמייכלען, אָט ווי עס שמייכלט אַ פֿאָטער, ווען ער קאָן זיין קינד ניט אָפּנאַרן, ווען דאָס קינד איז קלוג ווי די וועלט און כאַפּט דעם טאַטן ביי דער האַנט.

אָבער אַמאָל פֿלעגן פּרצעס אויגן אָנהייבן בליצן:

— אָט דאָס איז עפּעס עכטס. נאָכאַמאָל, דערצייל עס אָן ליטע־ראַרישע באַפּוצונגען, דערצייל ווי מען האָט עס דיר דערציילט, גוט, דאָס איז עפּעס, גוט, גוט...

איין מאָל בין איך געווען דערביי, ווי אַנ־סקי האָט איבערדערציילט אַ פֿאָלקס־מעשהלע, וואָס ער האָט געהערט ערגעץ אין וואָלין, דוכט זיך מיר.

פּרץ האָט געשלונגען איטלעכס וואָרט, און ווען אַנ־סקי האָט פֿאַר־ענדיקט, האָט פּרץ גענומען שפּאַצירן איבערן צימער הין און צוריק אַזוי אַ פּאָר מינוט און האָט זיך אַ שמייכלענדיקער אַוועקגעזעצט צוריק לעבן אַנ־סקין.

איך האָב געדענקט גענוי דאָס מעשהלע, וואָס אַנ־סקי האָט דער־ציילט און, אָפֿן גערעדט, האָב איך ניט געפֿונען אין איר עפּעס גאָר נייעס און גאָר אָריגינעלס. אַ פֿאָלקס־מעשהלע, איינע פֿון די טויזנט און איינס פֿאָלקס־מעשהלעך, וואָס מען פֿלעגט הערן ביי פּרצן אין הויז.

פּרצעס הויז איז געווען אַ מין זאַמלפּונקט פֿאַר פֿאָלקס־לידער, פֿאָלקס־מעשהלעך און פֿאָלקס־ניגונים. ווער עס האָט געהאַט עפּעס פֿון דער דאָזיקער סחורה, פֿלעגט קומען און עס אָפּזעצן ביי פּרצן.

אָבער מיט דער דאָזיקער איינפֿאַכער פֿאָלקס־מעשהלע האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אַריינצוקוקן אין פּרצעס שאַפֿונגס־לאַבאָראַטאָריע פֿון זיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.

און פּאַסירט האָט אָט וואָס:

אין די יאָרן 1913־1912 האָט זיך י. ל. פּרץ אַריינגעוואָרפֿן מיט זיין געוויינטלעכער שטורמישקייט, וואָס פֿלעגט קומען געוויינטלעך נאָך אַ קורצער צייט פֿון אַפּאַטיע און קולטור־אַרבעט.

ער האָט זיך גענומען צום „הזמיר״, אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע, אַ האַלב־טויטע קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכלעך מיט יידישער מוזיק, ווייל דער לאַנגיאָריקער פֿאָרזיצער פֿון „הזמיר״, ד״ר גרשון לעווין, איז געווען אַ מוזיקאַלישער מענטש און האָט געשפּילט אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט.

ד״ר גרשון לעווין, דאַרף צו זיין שבח געזאָגט ווערן, האָט כּסדר געזוכט אַריינצוציען פּרצן אין דער אַרבעט פֿון „הזמיר״. ד״ר גרשון לעווין איז געווען אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון פּרצן. אַחוץ דעם האָט ער געוואוסט, אַז פּרץ איז ביכולת מחיה־מתים צו זיין אַ בר־מנן, ווער ער וואַרפֿט זיך אַריין אין דער אַרבעט מיטן אמתן ברען. אָבער פּרצן האָט מען ניט געקאָנט נעמען פֿון דרויסן. פּרץ פֿלעגט קומען אַליין, אָדער גאָרניט קומען.

אין די דערמאָנטע יאָרן איז פּרץ אַליין געקומען צום „הזמיר״, זיך געלאָזט אויסוויילן פֿאַר אַ פֿאָרזיצער, האָט אַריינגענומען אין קאָמיטעט „זיינע״ מענטשן, ד.ה. שרייבער און קינסטלער, וואָס זיינען אים נאָענט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אין „הזמיר״.

פּרצן האָט זיך פּשוט פֿאַרבענקט נאָך מענטשן, נאָך לעבעדיקע לייענער, נאָך הערער, וועלכע ער קוקט אַריין אין די אויגן און וואָס קוקן אים אין די אויגן. פּרץ האָט ליב געהאַט נאָענטן קאָנטאַקט מיט מענטשן.

דער לייענער פֿון צייטונגען און ביכער איז אפֿשר צו־אַבסטראַקט, מען זעט אים ניט, מען הערט אים ניט; פּרץ פֿלעגט כּסדר האָבן נייטיק אַ לעבעדיקן אָפּרוף, אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט און אַ לעבעדיקע רעאַקציע אויף זיין שאַפֿונג.

דאָס איז אפֿשר געווען פּרצעס שוואַכקייט; ער האָט ניט געזען דעם לייענער פֿון זיינע ווערק, ער האָט אים ניט געשפּירט, און פֿון דעם נעמט זיך אפֿשר זיין קליינע זאָרג פֿאַר אים: זאָל ער, דער לייענער, ברעכן דעם קאָפּ אויף זיינע קורצע שורהלעך מיט די פּינטעלעך, אויף זיינע שאַרפֿע אָנדייטונגען און אויף זיינע קלוגע אָנצוהערענישן.

ער האָט געזען און געפֿילט דעם לייענער, ווען ער האָט גערעדט צו אים, ער האָט אים געקוקט אין די אויגן און דער לייענער האָט גע־קוקט אים די די אויגן. דעמאָלט איז ער געווען וואונדערלעך; ער איז געווען קלאָר, שאַרף און ביז גאָר פּאָפּולער. ער פֿלעגט אין די אויגן פֿון די צוהערער דערשפּירן וואָס עס איז ניט קלאָר פֿאַר זיי און ניט פֿאַרשטענדלעך און ער פֿלעגט אויפֿן אָרט עס צעקייען און עס אַריינ־לייגן די צוהערער אין מויל אַריין.

אין יענע יאָרן זיינען געשאַפֿן געוואָרן די באַוואוסטע „קעסטל־אָוונטן“; געהייסן האָבן זיי „קעסטל־אָוונטן“, ווייל יעדער צוהערער האָט געקאָנט אָנשרייבן אויף אַ צעטעלע אַ פֿראַגע, עס אַריינוואַרפֿן אין קעסטל, און פּרץ און אויך אַנדערע פֿלעגן ענטפֿערן אויף זיי.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דער גרעסטער טייל פֿראַגן פֿלעגן געשטעלט ווערן דירעקט צו פּרצן און דעריבער איז ער שטענדיק געווען דער ראש־המדברים און אַמאָל דער איינציקער רעדנער.

פּרץ פֿלעגט ענטפֿערן מיט אַן איבערראַשנדיקער שלאַגפֿאַרטיקייט. ער האָט געענטפֿערט אויף די פֿראַגן שאַרף, קלאָר און פֿאַרכאַפּנדיק.

און ווען פּרץ פֿלעגט זיך צעוואַרעמען, איז ער געווען אַ גרויסער רעדנער, אַ פֿאַרביקער רעדנער, און אָפֿט — ביז גאָר אַ וויציקער רעדנער. זיין פּאַטאָס און זיין וויץ, זיין לירישקייט און זיין סאַטירע זיינען געווען פֿון גלייכער קוואַליטעט. ער האָט זיי געקאָנט באַלאַנסירן. זיינע אַ רעדע האָט געהאַט די פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן.

איך בין געווען דער סעקרעטאַר פֿון די דאָזיקע קעסטל־אָוונטן. איך פֿלעג אָפֿט ניט באַנעמען, פֿון וואַנען עס נעמט זיך ביי פּרצן אַזאַ שנעלקייט פֿון דענקען, אַזאַ געזונטע לאָגיק אין וויסן.

יאָ, וויסן. וואָרים פּרץ איז ניט געווען פֿילזייטיק און גרינטלעך געבילדעט. ער איז געווען אַ צו־לעבעדיקער מענטש, אַ צו־אימפּולסיווער מענטש, ער זאָל זיך אָוועקזעצן יום ולילה אויף ביכער. ער איז געווען צו־אימפּעטיק, ער זאָל זיך קאָנען גריבלען און פֿאַרטיפֿן אין ערנסטע פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן. אָבער איך פֿלעג ניט גלויבן מיינע אייגענע אויערן, הערנדיק ווי פּרץ כאַפּט אויף בלויז אַ וואָרט פֿון דעם אָדער יענעם נייעם פֿילאָזאָף, אָדער געלערנטן, און ער ווייסט אַלץ און ער אַנטוויקלט און דערקלערט עס קלאָר און מיט ברען.

איך געדענק אַזאַ מין פֿראַגע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דירעקט צו אים — צי עס איז דאָ אַ גאָט, און אויב עס איז דאָ, וואָס איז ער אַזוינס?

אויף דער פֿראַגע האָט פּרץ געענטפֿערט מיט אַ רעדע, וואָס האָט צוגענומען דעם גאַנצן אָוונט. און דאָ האָט איר געזען פֿאַר זיך אַ ייִד מיט אַ קלאָרער אָבער פֿייערדיקער ייִדישער אמונה, אַ ייִד מיט ייִדישן באַגריף פֿון גאָט. דאָ האָבן מיר דערזען פֿאַר זיך פּרצן דעם מיסטיקער. ניט, פֿאַרשטייט זיך, דעם טונקעלן מיסטיקער, ניט דעם מיסטיקער, וואָס איז אַוועק פֿון אונדזער זינדיקער וועלט און האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אין אַן אַנדער מיסטישער וועלט. דאָס ניט. מיר האָבן דערזען פֿאַר זיך דעם שעפֿער פֿון די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידיש", וואָס איז לחלוטין ניט קיין זייטיקער איבערדערציילער פֿון פֿאָלקס־מעשהלעך און חסידישע לעגענדעס, נאָר דעם שעפֿער, דעם קינסטלער מיט אַן אינערלעכער באַציאונג און מיט אַן אינערלעכער שייכות צום מאַטעריאַל.

דאָס איז, אַגב, ניט געווען די ערשטע און די איינציקע מאַניפֿעסטאַציע פּרצעס ווי אַ מיסטיקער, אָדער ווי די ראַדיקאַלן האָבן עס אויסגעטייטשט, ווי אַ גלויביקער ייִד. ער האָט עס שוין געלאָזט הערן אין איינעם פֿון זיינע קורצע און בליציקע אַרטיקעלעך.

אָבער דאָס געהערטע פֿון זיין פֿערלדיקן און שאַרפֿן מויל האָט אַפּנים געמאַכט אַ טיפֿערן רושם.

און אין איינעם פֿון די נאָענטע שבת־טעג, ווען פּרץ האָט שפּאַצירט אין זאַקסישן גאָרטן, זיינען צו אים צוגעקומען צוויי יונגע אַרבעטער און אים דערלאַנגט אַ תּהילימל מיט די פֿאָלגנדיגע עטלעכע ווערטער:

— אָט דאָס איז, וואָס איר דאַרפֿט איצט האָבן!

פּרץ האָט דאָס תּהילימל צוגענומען, האָט באַדאַנקט די צוויי יונגע אַרבעטער און זיי געראָטן אויך צו באַזאָרגן זיך מיט אַזאַ ספֿרל. זיי וועלן עפּעס לערנען פֿון דעם דאָזיקן ספֿרל, עפּעס אַזוינס, וואָס, ווי עס שיינט, זיי ווייסן ניט.

די קעסטל־אָוונטן זיינען פֿאָרגעקומען אין דער אוידיטאָריע פֿון „הזמיר״. דער זאַל איז געווען כּסדר איבערגעפּאַקט און כּסדר האָט געהערשט עפּעס אַ שפּאַנונג: יונגע מענטשן אין קליינע היטעלעך, אין קאַפּעלושן און שוין היינטיקע, אָן היטלען און קאַפּעלושן, פֿלעגן מיט ברענענדיקע אויגן און מיט שפּאַנונג קוקן אויף דער קליינער פּלאַטפֿאָרם, וואו עס זיינען געזעסן פּרץ און אַנדערע שרייבער.

אַזאַ עולם האָט געקאָנט צושטעלן בלויז דאָס יידישע פּוילן, וואָס האָט געלעבט יידיש, געדענקט יידיש און האָט זיין גייסטיקע נאָרונג באַקומען דורך די צוויי יידישע שפּראַכן, דורך העבּרעאיש און יידיש.

עס איז געווען אַ יונגער חסידישער עולם, אַן עולם פֿון ברענענדיקע און באַגייסטערטע חסידים, וואָס האָבן געפֿונען נייע רביים.

אַזאַ עולם האָט געקאָנט אָנצינדן אַזאַ איינעם ווי פּרץ, וואָס האָט אַליין כּסדר געפֿלאַקערט.

אין לעבן פֿון דער יידיש־פּוילישער יוגנט זיינען די קעסטל־אָוונטן געווען ממש אַן עפּאָכע. זיי האָבן אַריינגעפֿירט די דאָזיקע יוגנט אין אַ נייער וועלט, אין אַ וועלט מיט נייע פּראָבלעמען און פֿראַגן.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען ווייניק פֿאַר פּרצעס גרויסן צופֿלוס פֿון ענערגיע, וואָס ער האָט געזוכט אויסצולאָדן. פֿאַר אים זיינען געווען ווייניק די קעסטל־אָוונטן, די קאָנצערטן, די אָפּטע זיצונגען פֿון קאַ־

מיטעט. עס איז אים געבליבן נאָך פֿרייע צייט און אַן איבערפֿלוס פֿון ענערגיע.

און דאָ איז אים איינגעפֿאַלן צו אָרגאַניזירן „מאָנטאָג־אָוונטן״, ספּעציעל פֿאַר שרייבער; אויף די דאָזיקע אָוונטן זאָלן שרייבער פֿאָר־לייענען זייערע נייסטע ווערק, ווער אַ נאָר־וואָס פֿאַרענדיקטע נאָוועלע, ווער אַ סקיצע, און ווער אַ סעריע לידער.

און אויפֿן אָרט וועט מען צעפּאַלמעסן די ווערק און טאָן זיי זייער רעכט.

קיין גרויסן דערפֿאָלג האָבן די דאָזיקע אָוונטן ניט געהאַט. די מייסטע שרייבער האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו זען מיט זייערע אויגן די עקזעקוציע פֿון זייערע ווערק, כאָטש עס זיינען לחלוטין ניט פֿאָרגע־קומען קיין „עקזעקוציעס״. דאָס זיינען געווען גוטמוטיקע, חברשע באַ־טראַכטונגען און אָנווייזונגען.

אָבער דאָ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע פּרצעס פּערזענלעכקייט; מען האָט ליב געהאַט פּרצן און אַביסעלע מורא געהאַט פֿאַר אים. פּרץ האָט געקאָנט זיין צאַרט, צוגעלאָזן און ביז גאָר איבערגעגעבן צו אַ יונגן קאָלעגע, אָבער ער האָט אין דער זעלביקער צייט געקאָנט זיין אויך שאַרף און בייסיק.

זיינען קיין פֿיל בעלנים ניט געווען אַרויסצוקומען מיט זייערע ווערק אויף די מאָנטאָג־אָוונטן, און פּרץ פֿלעגט מוזן אָדער אויספֿילן דעם אָוונט מיט זיינס אַ ניי ווערק, אָדער עפֿענען דעם אָוונט מיט אַ שטיקל אַריינפֿיר, כּדי צו שאַפֿן די נייטיקע חברשע אַטמאָספֿער.

הכּלל — פּרץ פֿילט אויך אויס דעם גרעסטן טייל פֿון די מאָנטאָג־אָוונטן, און קיינער איז ניט אייפֿערזיכטיק, אַדרבה.

און פּרץ אַליין איז אויפֿן זיבעטן הימל. עס איז ניטאָ עפּעס שענערס ווי צו זען פּרצן אַן אויפֿגעלייגטן, אַן אויפֿגעלעבטן און גליקלעכן. זיינע גרויסע, שאַרפֿע אויגן ווערן קינדיש־מילד, זיין ברייט שטרענגלעך פּנים רויטלט זיך, די אונטערשטע מעכטיקע ליפּ זיינע נחתט זיך און איז אין גאַנצן באַשיינט פֿון אַ מעכטיקער לייטזעליקייט.

און אין איינעם פֿון די אָוונטן, ווען עס זיינען ניט געווען עפּעס קיין בעלנים פֿאָרצולייענען זייערע נייסטע ווערק, אָדער עס האָט גע־

פֿעלט די נייטיקע דרייסטקייט אַרויסצוקומען מיט עפּעס נאַר־וואָס אָנ־געשריבענעס, זעצט זיך פּרץ אַוועק אָן אַ זייט פֿון טיש און זאָגט איינפֿאַך:

— איך וועל אייך פֿאַרציילן אַ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטע, אַ פֿאָלקס־מעשהלע, וואָס איך האָב אָט די טעג געהערט פֿון אַ פֿריינד מיינעם.

און ער הייבט אָן צו דערציילן אויסווייניק. קיין ברעקל פּאַפּיר ליגט ניט פֿאַר אים. ער זיצט און דערציילט אַ מעשהלע, אָט ווי איינער זיצט און דערציילט אייך עפּעס אַזוינס וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

ש. אַנ־סקי איז אויך געווען אויפֿן אָוונט.

דערציילט פּרץ זיין מעשהלע און גיט אַ וואָרף מעשה־שטיפּער אַ בליק אויף אַנ־סקין, און אַנ־סקי הערט געשפּאַנט, ער שלינגט ממש די ווערטער, קוקט פּרצן אין די אויגן פֿאַרוואונדערט, איבערראַשט, קוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי ער פֿאַרשטייט ניט וואָס אַזוינס קומט דאָ פֿאָר.

און פּרץ דערציילט, ער דערציילט איינפֿאַך, קלאָר און אינטים, ער דערציילט איינע פֿון זיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.

אַלע זיינען אַביסל פֿאַרוואונדערט — פּרץ לייענט אויסווייניק, אָבער, מען טראַכט זיך, ער האָט עס, מסתמא, אויסגעלערנט אויף אויסווייניק.

אָבער ווי קאָן מען עס אַזוי געניי געדענקען? עס איז ממש ניטאָ קיין איבעריקע קאָמאַ, עס איז וואונדערלעך באַאַרבעט, אַזוי ריין, אַזוי פֿאַרביק. היינט די ניואַנסן, סיי די שפּראַכלעכע און סיי די דערציילע־רישע, ווי קאָן מען עס געדענקען אויף אויסווייניק?!

אָבער מיר אַלע ווערן אַריינגעצויגן אין דער דערציילונג. מען רוקט זיך צו צו פּרצן, עס ווערט אַרום אים אַן ענגער קרייז, און ער דער־ציילט און דערציילט. ניטאָ קיין איבעריק וואָרט, ניטאָ קיין וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון זיין מויל און איז יוצא־דופֿנדיק און ניטאָ קיין פֿאַרהאַקן זיך, זיך אָפּשטעלן און זוכן אַ וואָרט.

פּרץ איז ניט געווען קיין גרויסער מימיקער, ווי שלום־עליכם. ער איז סתם ניט געווען קיין בריה אין דער היסטאָריאָנישער קונסט. ניין,

אַזעלכע מענטשן ווי פּרץ זיינען גאָר קליינע אַקטיאָרן, זיי זיינען צו־גרויסע פּערזענלעכקייטן. זיי קאָנען זייער פּערזענלעכקייט ניט פֿאַרדעקן און פֿאַרשלייערן. אַגב, איז פּרץ געווען צו־אימפּולסיוו, צו־קאָכיק און צו־ברויזיק און קיינער האָט זיך ניט אַרויסגעגעבן אַזוי אָפֿן אויף טריט און שריט ווי פּרץ.

אָבער דאָ האָט איר געזען פֿאַר זיך ממש אַ נייע פֿאָרם פֿון מינד־לעכער דערציילערישקייט. שטיל, אָן שוישפּילערישע קונצן, אָן מימי־שער באַגלייטונג, אָן דעקלאַמאַטאָרישע און רעטאָרישע עפֿעקטן האָט ער דערציילט. דאָ און דאָרט האָט אַ בליץ געטאָן אַ פֿרום שטיקל הומאָר, אַ רירנדיק־פֿרומע מוסר־השכּלדיקייט און אַ לויטערע גלויביקייט.

דער גאַנצער צויבער פֿון פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן אין שריפֿט איז אַריבערגעטראָגן אין אַ מינדלעכער דערציילונג, אָבער מיטן צוגאָב פֿון לעבעדיקער, מינדלעכער דערציילערישקייט.

און אָט ענדיקט פּרץ זיין דערציילונג.

ש. אַנ־סקי כאַפּט אָרום פּרצן, קושט אים, האַלדזט אים און פֿרעגט פֿאַרוואונדערט:

— ווען האָסטו עס אָנגעשריבן, ווען האָסטו עס באַוויזן אָנצו־שרייבן? איך האָב עס דיר דערציילט בלויז מיט עטלעכע טעג צוריק.

און פּרץ האָט אַ לייכטנדיקער און אַ גערירטער געזאָגט פּשוט:

— איך האָב עס נאָך ניט אָנגעשריבן, איך האָב עס בלויז פֿאַרטיק אין קאָפּ. איך וועל עס שוין אַרויסנעמען פֿון קאָפּ און אויסלייגן אויפֿן פּאַפּיר, ווען איך וועל האָבן אַ שטיקל פֿרייע צייט.

אָבער אַנ־סקי שטייט נאָך אַלץ אַ פֿאַרוואונדערטער. ער קאָן ניט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איז פֿון זיין קליין מעשהלע, פֿון זיין קורץ מעשהלע אויסגעוואַקסן אַזאַ רייכע, אַזאַ פֿאַרביקע און אַזאַ ליכטיקע פֿאָלקסטימ־לעכע געשיכטע.

און פּרץ דערציילט שוין אַלעמען, אַז מיט די פֿאָלקסטימלעכע גע־שיכטן טוט ער די לעצטע יאָרן כּסדר אַזוי: די פֿאָלקסטימלעכע גע־שיכטע איז אַ בעל־פּה־מעשהלע, זי איז בטבע ניט צום שרייבן, נאָר צום דערציילן בעל־פּה, וויל ער אָפּהיטן די בעל־פּהדיקייט פֿון פֿאָלקס־טימלעכער געשיכטע און ער אײַלט זיך ניט אָנצושרייבן זי, ער מאַכט

זי פֿאַרטיק ווי אַ בעל־פּה־מעשהלע, און ערשט ווען ער איז פֿאַרטיק מיט איר ווי אַ בעל־פּה־מעשהלע, שרייבט ער זי אָן.

אַ היפּשע צייט האָט מען אין די ליטעראַרישע קרייזן דערציילט און איבערדערציילט דעם דאָזיקן חידוש.

איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט אויסצוגעפֿינען ביי פּרצן מער איינצלהייטן וועגן דעם, און דאָס איז ניט געווען שווער. פּרץ האָט געהאָט, אַזוי צו זאָגן, אַ גאַנצע טעאָריע וועגן דעם ווי מען דאַרף שרייבן פֿאָלקסטימלעכע געשיכטעס און ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געוואָלט אַרומרעדן דעם ענין ברייטער פֿאַר נאָענטע פֿריינד.

פּרץ האָט געהאַלטן, אַז די יידישע פֿאָלקס־מעשהלעך פֿאַרלירן אַ היפּש ביסל פֿון זייער עכטקייט און פֿון זייער אָריגינעלקייט, ווען זיי ווערן ליטעראַטור, ווען זיי ווערן אָנגעשריבן פֿאַרן דרוק.

דאָס פֿאָלק שרייבט ניט זיינע מעשהלעך, עס קאָן ניט די מלאכה פֿון שרייבן; דאָס פֿאָלק קאָן אַפֿילו קיין בריוול ניט אָנשרייבן, עס מוז אָנקומען צו אַ בריוונשטעלער און צו זיין דייטשמערישן לשון, וואָס עס פֿאַרשטייט קוים.

דערפֿאַר קאָן אָבער דאָס פֿאָלק דערציילן וואונדערלעך בעל־פּה. דאָ דאַרפֿן מיר, שרייבער, זיך לערנען ביים פֿאָלק.

דאָס פֿאָלק האָט געשאַפֿן זיין סטיל און זיין פֿאָרם פֿאַר דעם בעל־פּה־מעשהלע. אָט דאָס פֿאָלק, וואָס גייט באָרגן ביים בריוונשטעלער האַלב־דייטשישע ווערטער צו שרייבן אַ בריוול, ווייזט אַרויס וואונדער־לעכע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר סטיל און פֿאָרם אין דעם פֿאָלקס־מעשהלע.

דער סטיל און דער אינהאַלט זיינען ווי אַ צווילינג. דער סטיל איז פֿרום ווי דאָס מעשהלע, דער סטיל איז קינדיש גלויביק ווי דאָס מעשה־לע, דער סטיל האָט אַלע פֿאַרבן פֿון דעם מעשהלע, און פּשוט איז דער סטיל, אַזוי וואונדערלעך פּשוט, אַז עס איז זייער שווער נאָכצומאַכן אים, מען דאַרף אים לערנען און איינזויגן אין זיך.

בכלל איז פֿון רעדן ביז שרייבן אַ גרויסער מהלך.

טינט און פֿעדער זיינען אַנדערע אויסדרוקס־מיטלען ווי דאָס מויל. נעמט אַ שרייבער אַ פֿעדער אין האַנט, ווערט ער אַ שרייבער, ער האָט

שוין אַ תּהום מיט שרייבערישע כּללים, שרייבערישע טריקס און שריי־בערישע רגילותן.

און עס פּאַסירט אָפֿט, אַז אַ שרייבער קאָן ניט פֿאַרלייענען פּשוט און קלאָר דאָס, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשריבן, ווייל שרייבן און רעדן זיינען באַזונדערע קונסט־צווייגן.

איך, זאָגט פּרץ, האָב זיך אַרומגעזוען אַביסל שפּעטלעך. איך האָב עס דערשפּירט, ווען דער גרעסטער טייל פֿון מיינע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן איז שוין געווען אָנגעשריבן.

איצט אייל איך זיך ניט אָנצושרייבן אַ פֿאָלקס־מעשהלע, וואָס איך הער פֿון זאַמלער, אָדער פֿון פּשוטע פֿאָלקס־מענטשן. איך גרייט זי צו קודם־כּל ווי אַ מעשהלע צו דערציילן מינדלעך.

אַגבֿ, דאַרפֿט איר וויסן, אַז איטלעכס פֿאָלקס־מעשהלע ווערט דער־ציילט פֿאַרשיידן פֿון יעדן דערציילער. איינער איז אַ טאַלאַנטפֿולער דער־ציילער, דערציילט ער דאָס פֿאָלקס־מעשהלע טאַלאַנטפֿול, דער צווייטער איז ווייניקער טאַלאַנטפֿול, דערציילט ער עס ווייניקער טאַלאַנטפֿול.

איז ווען איך הער עטלעכע וואַריאַנטן, דערשפּיר איך אין איינעם דאָס עכטע און דאָס שיינע.

דער גוטער אַנ־סקי, למשל, פֿאַרליטעראַרישט די מעשהלעך, וואָס ער הערט. איך באַקום עס פֿון אים אין אַ פֿרעמדער, אין אַ געשריבענער פֿאָרם. ש. אַנ־סקי איז פֿאַרקאָכט כּסדר אין דעם מוסר־השׂכּל פֿון אַ פֿאָלקס־מעשהלע, אַזוי ווי דאָס פֿאָלק וואָלט נאָר געטאָן און געזוכט חכמה און האָט גאָר קיין הנאה ניט געהאַט פֿון דעם סיפּור־המעשה גופֿא אָן דעם מוסר־השׂכּל און אָן דער חכמה, וואָס עס איז באַהאַלטן אין אים.

מיט אַנ־סקיס אַ מעשהלע האָב איך שוועריקייטן. איך דאַרף עס כּסדר אַרויסשיילן פֿון דעם ליטעראַרישן שאָלעכץ, דערשפּירן דאָס בעל־פּהדיקע אין דעם מעשהלע, דערנאָך זוכן נאָך אַ וואַריאַנט און זען וועל־כער עס איז עכטער און שענער.

גראָד דאָס מעשהלע, וואָס איך האָב דערציילט אויפֿן מאָנטאָג־אָוונט, איז מיר דערציילט געוואָרן פֿון אַנ־סקין גוט. עס איז אָנגעקומען צו אים, אַזוי צו זאָגן, אין אַ גוטן צושטאַנד, ניט קיין צעשעדיקטע פֿון טאַלאַנט־לאָזע דערציילער; אָבער אַ חסרון האָט עס געהאַט, עס איז געווען צו־

קורץ, אַזוי קורץ, אַז עס איז געבליבן בלויז די יאָדרע, דער מוסר־השכל. דאָס איז געווען דער עיקר, דאָס דערציילערישע איז געווען אַ טפל.

אָבער אין דעם קיצור איז געלעגן באַהאַלטן אַ גרעסערע פֿאָלקס־מעשהלע. מען האָט עס בלויז באַדאַרפֿט אויפֿדעקן, און דאָס האָב איך געטאָן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר געלייענט דאָס זעלביקע פֿאָלקס־מעשהלע אין „פֿריינד״.

אָבער אָט דאָס ניכּרדיקע און קלאָרע האָבן מיר געזען און געפֿילט, ווען מיר האָבן עס געהערט פֿון פּרצעס מויל.

דעם חידוש אונדזערן וועגן דער אויסווייניקייט אין יענעם אוונט האָט פּרץ אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ער איז שוין אַזוי געניט אין דער באַאַרבעטונג פֿון אַ פֿאָלקס־מעשהלע, אַז ער קאָן אין עטלעכע מינוט נאָך דעם ווי ער האָט עס גע־הערט איבעראַרבעטן אין קאָפּ און באַלד עס דערציילן. עטלעכע צענד־ליגג יאָר פּראַקטיק גייט דאָך ניט לאיבוד. דאָס איז קיין חידוש ניט, דאָס איז בלויז געניטקייט, פֿלינקייט, וואָס יעדער מענטש באַקומט אַרבעטנ־דיק לאַנג אויף אַ געוויסן פֿעלד.

אין אימפּראָוויזירן אויפֿן אָרט אַן ענטפֿער אויף אַ פֿראַגע אויף אַ קעסטל־אָוונט ליגט מער חידוש, האָט פּרץ פֿאַרענדיקט דעם שמועס. דאָ איבעראַשט מען דיך אָפֿט מיט פֿראַגן, מיט וועלכע דו האָסט זיך אין גאַנצן ניט פֿאַרנומען, אָדער דו האָסט זיך פֿאַרנומען מיט זיי כּלאחר־יד, פֿאַרבייגייענדיק.

אינדעקס

פֿון פּערזאָנען, דראַמען און צייטונגען

א

אַדלער, יוליוס — 238
„אונזער לעבן" — 142, 159, 205
איבסען, ה. — 233
איינהאָרן, דוד — 216
„איינזאַמע וועלטן" — 233
„אין אַ פֿרימאָרגן" — 126
„אין פּאַליש אויף דער קייט" — 61, 82, 83, 86—89, 111—133
אַלטבערג, פּאַאולינע — 93, 94
„אַמאָל איז געווען אַ מלך" — 62—65, 68
„אַ מענטש זאָל מען זיין" — 181, 182
„אַמעריקאַנערין" — 186
אַנסקי, ש. — 83, 217, 218, 220, 252—254, 260—261, 263
אָסטראָווסקי, נ. — 141
אָרלאָווסקאַ, — 169, 208
ארנשטיין, מאַרק, — 169, 208
אַש, שלום — 39, 151, 170, 171, 175, 179, 209, 211, 217, 218, 233, 235—237

ב

באָריישאַ, מנחם — 38
בדחן — 97
„בונד" — 34, 40, 108, 146
ביאַליק, ח. נ. — 47
„ביי דער טיר" — 122
„ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" — 61, 89—108, 112, 114, 133
„בלאָנדזשענדיקע שטערן" — 146
בן־עמי, יעקב — 169, 170, 208
בעל־מחשבות, — 70, 151
בערנשטיין, אנרי — 202
בערשאַדסקי, י. — 233
„ברידער לוריא" — 239
ברכיהס טאָכטער — 83, 88
ברכיה — 84

ג

„גאָט, מענטש און טייוול" — 198
„גאָט פֿון נקמה" — 237
„גאָלדענע קייט" — 28, 58, 61, 69, 70, 77, 80, 82, 89, 111, 114, 131, 133, 160, 173, 203
גאָלדפֿאַדען, אַברהם — 147, 231
גאָרקי, מ. — 241
גאָרדין, יעקב — 60, 140, 141, 148, 196—198, 229—232, 239, 244
גורעוויטש — 149
„געטאָ" — 171
גראַנאָווסקי, אַ. — 104—106
גראָסער, בר. — 40, 176

ד

דאַווידזאָן נח, דר. — 210, 211, 215
דאַווידזאָן, לייבוש — 211
דובנאָוו, ש. — 43, 221, 222
„דזשייקעלע בלאָפֿער" — 187
„דיבוק" — 83
„דריי נייטאָרינס" — 132
דינעזאָן, יעקב — 15—17, 19, 20, 22, 37, 53, 54, 145, 146, 153, 167, 172, 173, 175, 176, 202, 223
„דער משוגענער בטלן" — 84

ה

„הבימה" — 131
הויפטמאַן, ג. — 148
הורוויץ, פּראָפֿ. — 178
„הזמן" — 8
„הזמיר" — 33, 46, 51, 150, 255, 258
היטלער — 103
„היינט" — 20, 21, 142, 145, 161, 205, 206
הייערמאַן, — 171
הירשביין, פּרץ — 163, 167, 168, 171—173, 175, 234—236
„הירשבייגס טרופּע" — 163—175
הערמאַן, דוד — 105, 137
„השחר" — 69

ו

„וואָס אין פֿידעלע שטעקט" — 65—69, 133
ווייטער, אַ. — 33—37, 43, 151, 154, 155, 157, 158, 160, 169, 172, 203—208, 210—216, 215—225

וויסמאַן, — 241
„ווילנער בעל־הביתל" — 241
וויספּיאַנסקי, — 93, 94

ז

זאָלאַ, עמיל — 60, 233
זוסקין, בנימין — 104
זילבערט, י. — 178
„זיין ווייבס מאַן" — 185
זשעלאַזאָ, — 144, 145, 149, 208

ח

„חורבן בית צדיק" — 69—71
„חסידיש" — 257
„חתונה" (וועסעליאַ) — 93, 94

ט

טאָלסטאָי, ל. — 60
טאָמאַשעווסקי, באָריס — 178
טייטלבוים, אַ. 208
„טעאַטער־געזעלשאַפט" — 199—225
טרונק, י. י. — 33, 250
טרילינג, מאַדאַם — 208
טשיריקאָוו, י. — 233
טשעכאָוו, אַ. — 233

י

יאַנג, קלאַראַ — 178, 184, 186—188, 197
יאַצקאַן, ש. י. — 21
יונתן, — 77, 79
יושקעוויטש, — 171
„יחוס" — 171
„יידיש" — 60, 140
„יידישע האַרץ", דאָס — 210
„יידישע נשמה", די — 207
„יידישער קונסט־טעאַטער" — 167
יערוסאַלימסקאַ, צען — 22
ישראל, גבאי — 76, 79

ל

לאַבעל, מ. — 178
לאה, — 83

לאַטיינער, י. — 163, 178
לאַנדוי, — 208
ליבין, ז. — 163, 164, 178, 179
ליבערט, יעקב — 144, 145, 149
ליטוואַק, אַ. — 162
ליטוואַקאָוו, מ. — 104
„ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט" — 142, 146, 147, 150, 152, 167, 170, 175, 176
„ליטעראַרישע טרופּע" — 201
לעווין, גרשון דר. — 211, 213, 214, 255

מ

מאירסאָן, י. — 180, 238, 240
„מאָמענט" 205, 206
„מאָניש" — 46, 59
מאָסקווער קונסט־טעאַטער — 164
מינקאָווסקי, מ. — 31—33
„מירעלע אפֿרת" — 178
מאָשקאָוויטש, מאָריס — 178, 197, 199
„מוטער די" — 179
מוסאָליני, — 103
„מוסר" — 130
מוקדוני, א. דר. — 155, 211
„מטורף דער" — 178
„מוראַנאָווער שטעלכל" — 169
„מיטן שטראָם" — 170, 171
מייזיל, נחמן — 8, 12
מייערכאָלד — 164
„מעדעא" — 178
מענדעלע מוכר ספֿרים — 46, 47, 139, 251
„מען ענד סופּערמען" — 23
„מענטשן" — 170
משה, רבי — 77
„משופּע" — 130
„משיחס צייטן" — 233
„משפּחה" — 160

נ

„נאָך קבורה" — 117, 119
נאָמבערג, ה. ד. — 39, 47, 70, 107, 108, 142, 148, 149, 155, 157, 158, 160, 162, 163, 175, 209, 211
„נבלה" — 171
„נייע וועלט" — 138, 145, 146, 150, 205
„נסיון" — 69—71, 81
נעמי לאה, — 169, 208

נעראַסלאַווסקאַ — 238
„נשמה פֿון מיין פֿאָלק" — 200
„נשף בראשית" — 131

ס

סאָקאָלאָוו, נחום — 40
„ס׳ברענט" — 112, 131, 166
סטרידנבערג, אַ. — 198
סלאָווין, (י. בן עמיס פּרוי) — 169
ספעקטאָר, מרדכי — 138, 142, 145, 146, 205, 211

ע

עדעלמאַן, ס. — 208
„עוואַ" — 194
עליזעאום־טעאַטער — 177, 182, 195, 201
עפּעלבערג, — 177, 180, 231, 232
עפּשטיין, פֿעני וואַדי — 189—197
ערמיטאַזש — 149

פּ

פּאַדלישעווסקי, אַ. — 210, 211, 213, 214
„פּינטעלע ייד" — 198, 199—201, 207
פּינסקי, דוד — 171, 178, 179, 232—235, 240
פּיקאָן, מאַלי — 188
פּערעטץ, אַ. — 9—12
פּרילוצקי, נח — 141, 148, 160, 162, 206
פּרילוצקי, צבי — 205
פּרץ, י. ל. — 7—10, 12—28, 30, 32—39, 41—43, 45—51, 53, 54, 57, 59—62, 69, 73, 75, 76, 78, 87, 89, 93, 99, 101, 102, 104, 107, 108, 111—112, 129, 132, 133, 137, 139, 140—142, 146—149, 151, 153—156, 158, 160, 166, 169, 170, 172, 173, 202, 203, 208—211, 215, 217—224, 230, 233, 236, 237, 241—246, 249—264
פּרצעס פּרוי — 17, 22, 38, 54
פּרץ, לוציאַן — 23, 25, 51
פּרצעס איינקל — 24, 25

פֿ

„פֿאָטער" — 198
פֿאָלק, ד. — 104
„פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" — 257
„פֿאַמיליע צבי" — 232

פֿאַלקס־ביבליאָטעק — 46
„פֿאַראייניגטע" — 147, 148, 159, 182
„פֿורמאַן הענשל" — 149, 160
„פֿילהאַרמאָניע" — 153—156, 158, 200
פֿישזאָן, — 81
פֿעלדשטיין, משה — 210, 214
פֿלאָבער, — 60
פֿריד, ל. — 169, 208
פֿרימאַרגן — 130
„פֿריינד" — 150, 152, 159, 168, 169, 171, 216, 224, 264
פֿרישמאַן, דוד — 26, 27, 39, 47, 94, 161, 162, 185

צ

צעגליאַנאָ איינס — 13, 20, 22, 140
„צענזורקע" — 179, 182
„צעזייט און צעשפּרייט" — 233, 235, 240

ק

קאָברין, ל. — 178, 179
קאַלמאַנאָוויטש, — 222
קאָמיסאַרזשעווסקי־טעאַטער — 164
קאַמינסקי, אסתר רחל — 141, 147, 189, 194, 240, 241
קאַמינסקי, א. ר. — 81, 180, 201, 202
קאַציזנע, אַלטער — 33, 34, 250
קאָצקער רבי — 75
קאַרנבליט, ז. — 178
„קברות־נאַכט" — 119, 130
„קברים־בלעטלעך" — 233
קוטנער, ש. — 169, 208
קלויזנער, י. פּראָפ. — 27
קעסלער, דוד — 178
„קעסטל אָונטן" — 256, 258
קראַטקאָ, מאַדאַם — 29, 32, 166, 208
קריין, אָ. — 104
„קרייצער סאָנאַטאָ" — 178

ר

ראָזענפֿעלד, שמואל — 151, 211
ראָטשטיין, — 178
ראָסטאָפּטשינאָ — 187
ראַפּעל, — 177
ראַפּאָפּאָרט, שבתי — 151

ראַפּאַלסקי, מ. — 86
רייזען, אַברהם — 39, 151, 211

ש

שאָו, בערנאַרד — 23, 24
„שאַמפּאַניער" — 123, 128, 130
שאָר, א. — 181
„שבועה די" — 148, 178
שווייד, מאַרק — 86, 208
שוואַרץ, מאָריס — 81, 131
„שוואַרצע פּעשע" — 66, 67, 68
„שוועסטער" — 126, 128
„שטאָט" — 171
„שטומער דער" — 34
„שחיטה" — 178
„שטראַל" דער — 171
שלום־עליכם — 45, 46, 145, 146, 170, 233—235, 260
שלמה, צדיק — 71, 73—80
שמריה — 113
„שעפּטל" — 171, 179
שערמאַן, — 184, 185
שערשעווסקי, — 216